STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08856

# OYF ZAYTIKE VEGN

Nahum Summer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אויף זייטיקע וועגן

שער־בלאט געצייכנט פון ע. מ. וויינער



נחום סומער

# אויף זייטיקע וועגן

עסייען

פאַרלאַג „אויפסניי״
מיט דער מיטהילף פון י. ווינעצקי-פאָנד ביים יידישן פען-קלוב

N. SUMMER

# OIF ZEITIKE VEGN

## (ON THE WAYSIDES)

### ESSAYS

Copyright 1963 by N. SUMMER

3225 OLINVILLE AVE., BRONX 67, N.Y.

363

Printed in U.S.A.

**ביז איצט דערשינענע ביכער פון נחום סומער**

מאַקס נאָרדוי (בראָשירט) — 1937

אַחד-העם (אַ פּרואוו פון אַ כאַראַקטעריסטיק) — 1941

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי (דער מענטש און זיין אַרבעט) — 1947

מענטש און וואָרט (עסייען) — 1950

## אַ שבח

אַ יישר־כוח און אַ האַרציקן דאַנק די טוערס און קאָלעגן וואָס האָבן דער־מעגלעכט דאָס דערשיינען פון מיין בוך: יעקב דוד בערג, בערל בוים, יהודה בלימאַן, ע"ה, בנימין גאָלדפעדער, פישל מאַליניאַק, נעט ווינדמאַן פון לאָקאַל 117, הענעך מענדעלסאָן, עקזעקוטיוו־פּאַרוואַלטער פון "קלאָוקמאַכער דזשאָינט באָארד", לואיס סיגעל, גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, ד"ר משה סאָרגין, דוד ראַפּאָפּאָרט, סעקרעטאַר פון קאָמיטעט, ישראל ברעסלוי, מענעדזשער פון לאָקאַל 22, משה צוקער, יהודה פוקס, מאָריס ווישנעצקי, יוסף דיימאָנד.

באַזונדער דאַנק איך דעם קאָמיטעט פון וועלכן דער אַלעמען־באַליב־טער דיכטער י. ב. ביאַלאָסטאָצקי איז געווען פאָרזיצער, און איז אינמיטן פון דער אַרבעט פלוצים געשטאָרבן. ס'איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אונדז.

אַלעמען — אַ האַרציקן דאַנק פאַר די באַמיאונגען און פריינטלעכער באַציאונג.

## אינהאַלט

# מענטשן


זייט

| | |
|---|---|
| דער מענטש מיטן סקעפּטישן שמייכל | 8 |
| דזשאָן באַראָם — פּאָעט־נאַטוראַליסט | 29 |
| א. גלאַנץ־לעיעלעס — דיכטער־עסייאיסט | 44 |
| וויליאַם נאַטאַנסאָן | 50 |
| נח שטיינבערג — דער געקריוודעטער קריטיקער | 53 |
| מרדכי דאַנציס — מענטש און שרייבער | 59 |
| משה וויטיעס — קריטיקער־עסייאיסט | 65 |
| דער גרויסער הומאַניטאַרער | 74 |
| דוד איגנאַטאָוו | 77 |
| פון שרייבערישע שיחות־חולין | 97 |
| בערל בוים — דער שרייבער און מענטש | 84 |
| יעקב יצחק סיגאַל | 90 |
| פון אַ בריוו צום פּאָעט ראַדאָשיצקי | 93 |
| לוי גאָלדבערג | 95 |
| אברהם פּאָסירשטיין — דער פּאָעט פון שטילן טרויער | 97 |
| דוד ראַפּאָפּאָרט | 103 |
| א באַגעגעניש מיטן פּאָעט גבריאל פּרייל | 109 |
| דער דיכטער פון האַרבסטיקן טרויער | 114 |


# רעפלעקסן


| | |
|---|---|
| די עסיי | 116 |
| איז פאַראַן קינסטלערישע נייטראַליטעט | 119 |
| ליטעראַטור און געשלעכט | 125 |
| אייגנס און פרעמדס | 130 |
| ווידער, יידיש־העברעאיש . . . | 133 |
| באַמערקונגען וועגן מאָדערניזם | 137 |
| אַ בריוו־אויסטויש וועגן קונסט און אידייע | 141 |
| מחשבות וועגן קריטיק | 144 |
| קריטיק און די פונקציע פונעם שעפערישן מענטש | 147 |
| אייניקע פּאַראַגראַפן וועגן פּאָעזיע | 150 |
| מאַרקסיזם און דער יחיד | 152 |
| אַן אונטערגעהערטער דיאַלאָג | 154 |

# פון מיין נאָטיצביכל

(אימפרעסיעס און שטימונגען)


| | זייט |
|---|---|
| וועגן אקטועלקייט | 158 |
| ווערטער | 159 |
| מענטש און סטיל | 161 |
| דער מענטש | 162 |
| דער קולט פון דערפאָלג | 163 |
| אינעם געיעג נאָך גליק | 166 |
| וואונדער אין אייער אייגענעם הויף . . . | 167 |
| טאַטע | 171 |
| זאָל פאַלן אַ טרער | 173 |
| דאָס זילבער טייכל | 175 |
| ווערבעס . . . | 178 |
| מאַגנאָליעס | 179 |
| אַ שפּאַציר אויף וואָל-סטריט | 180 |
| גאָלדענע קעפּלעך . . . | 182 |
| פרילינג אין באָטאַנישן גאָרטן | 183 |
| אין פרילינגדיקן געמיט | 184 |
| אַ פרימאָרגן אַזאַ . . . | 185 |
| ווילדע גענדז | 187 |
| אַ שפּאַציר אין אָקטאָבער | 188 |
| שנייפאַל | 191 |

# מענטשן

# דער מענטש מיטן סקעפּטישן שמייכל

## פירוואָרט

די עסיי איז נאָך עפּעס ניט געהעריק אריינגעתושבט ווי ס'זיינען אַנדערע זשאַנערן אין אונדזער יידישן ליטעראַטור־פּאַרנאַס.

ס'הערשט נאָך עפּעס אַלץ אַ ניט־זיכערע באַציאונג מצד אייניקע חשובע קריטיקערס לגבי דער עסיי. מ'פּאַרמישט נאָך אַלץ די יוצרות. ס'איז נאָך עפּעס ניט פּאַראַן אין געוויסע ליטעראַטור־קרייזן דער געהעריקער דרך־ארץ צו אָט דעם ביז־גאָר חשובן זשאַנער אין אונדזער פּען־מלוכה.

דער לייכט־שאַצנדיקער באַצי נעמט זיך מן־הסתם וואָס מ'איז געוואוינט אַרונטערצונעמען אונטער איין טלית דעם זשורנאַליסטישן מאמר צוזאַמען מיט דער עסיי. דאָס איז אַ פאַלשער צוגאַנג. ס'האָבן זיך טאַקע ביי אונדז געמערט ביכער פון אָט דעם מין, וואָס געהערן בלי־ספק, צו אַ העכערן סאָרט זשורנאַליזם אָדער פּובליציסטיק. אָבער דיזאַזיקע ביכער האָבן לגמרי ניט קיין דריסת־הרגל צו דער קינסטלערישער עסיי.

די עסיי לעבט אין איר אייגענעם זכות. זי איז ניט קיין סאַטעליט וואָס דרייט זיך אַרום אַן אַנדער פּלאַנעט. זי איז אַליין אַ פּלאַנעט, וואָס דרייט זיך אין איר אייגענעם לויף־קרייז. די עסיי איז אַ זעלבסטשטענדיקע קינסטלערישע מלוכה, וואָס שטייט אויף אַ שטאַרק איינגעפונדעוועטן יסוד מיט אַ באַדייטנדיקן היסטאָרישן עבר.

אַפילו ווען מ'זאָל אין רעטראָספּעקט נאָר צוריקגיין צום עלאָקווענטן מייסטער פון דער עסיי, דעם פראַנצויז מאָנטען, איז שוין איר יחוס־עצמי אַ גאַנץ סאָלידער. זינט מאָנטען ביז אין אונדזערע טעג, נעמט די עסיי אַרום אַ גאַנץ רחבותדיקן שטח. די עסיי האָט דורכגעמאַכט כלערליי גילגולים אויפן לייטער פון עוואָלוציע, הגם די פּראָפּאָרץ לגבי אַנדערע זשאַנערן אין דער עסטעטישער קונסט איז ניט אַזוי בכבודיק.

און צווישן די באַרופענע מייסטערס פון אָט דעם זשאַנער, האָט בלי־ספק, פאַרנומען אַן אויבנאָן־פּאָזיציע אונדזער דר. א. קאַראַלניק, וואָס זיין פּריי־צייטיקער אַוועקגיי האָט איבערגעלאָזט אַ חלל אין אונדזער וועלט פון וואָרט און מחשבה. ער איז געווען דער שבתדיקער צווישן אונדז — כולו שבת! . . .

ער איז געווען דער מכשף, וואָס האָט די וועלט־קולטורן אַלכעמיש איבערגעשמאָלצן און אַסימילירט און זיי אַריינגעבראַנגט אין די אָרימע, בידנע קאַמערן פון יידישן וואָרט־אוצר. דורך זיין מאַגישן צויבער־שטעקעלע האָט

דאָס יידישע לשון אויפגעלויכטן מיט אַן אייגן פאַרכאַפּנדיקן ראַקעטן־ליכט. זיין סטיל האָט פאַרמאָגט דעם עקזאָטישן אַראָמאַט פון גן־עדן עפּעלער. זיין אייגנאַרטיקער לשון איז געוואָרן אַ שם־דבר אין אונדזער ליטעראַטור. מ׳פּרוואווט אים נאָכמאַכן, שרייבן ווי ער האָט געשריבן — דאָך, בלייבט ער איינציקאַרטיק ניט נאָר סטיליסטיש, נאָר אויך אין זיין אויפנעם פון געשעע־נישן, פאַרלויפעניש . . . "די וועלט איז ווי אַ קרישטאָל — מיט אַ סך פּאַ־סעטן און וואו מען שטעלט אים אַוועק — אַזוי שטראַלט ער אָפּ דאָס ליכט", זאָגט קאַראַלניק אין אַן עסיי וועגן דעם קלאַסיקער פון דער עסיי, מאָנטען. זיינען אַט די כאַראַקטעריסטישע ווערטער ווי אָנגעמאָסטן אויף אים אַליין . . .

## אייניקע ביאָגראַפישע שטריכן

כדי דער קאַראַלניק־פּאָרטרעט זאָל זיין פולער, גאַנצער, זיינען אויך נייטיק אייניקע שטריכן, דעטאַלן פון אַ ביאָגראַפישן אַספּעקט. וועלן מיר זיי דאָ איבערגעבן אַזוי ווי מיר האָבן זיי געפונען אין פאַרשיידענע רעפערענץ־ביכער.

אברהם קאַראַלניק איז געבוירן געוואָרן אין אומאַן, קיעווער גובערניע, דעם 16טן אָקטאָבער, 1883. זיין פאָטער, דוד קאַראַלניק, איז געווען אַ ייד אַ בן־תורה, אַ משכיל. ער איז געווען אַ סוחר וואָס האָט געהאַנדלט מיט קרעלן. מן־הסתם, צוליב דעם האַנדל מיט קאַראַלן האָט מען זיי גערופן די קאַראַלניקס. קרעלן זיינען אייגנטלעך אַן עניין פון דרויסנדיקן פּוץ און ציר. אָט די פּראַ־פעסיע דעם טאַטנס האָט זיך מן־הסתם אָפּגעשטעמפּלט אין דעם פּסיכישן אונטערבאַוואוסטזיין פון דעם זון, וואָס האָט שפּעטער זיינע וואָרט־געדאַנקען געפּאָלירט, געשליפן ווי זעלטענע איידלשטיינער און זיי אַריינגעוועבט אויף די פּאָליאַנטן, אויף די בלעטער פון יידישן וואָרט־אוצר . . .

אברהם האָט געקראָגן אַ גרינטלעך יידישע דערציאונג ביי זיך אין דער היים, אינעם טאַטנס שטוב. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פלינקער תפיסה, שאַרפן קאָפּ און זעלטן־גוטן זיכרון, אַזוי אַז ער האָט באַלד געשמט ווי אַן עילוי.

מ׳האָט דעם פייאיקן יינגל געשיקט אין די גימנאַזיעס פון בראָד און זשיטאָמיר. דערנאָך איז אברהם אַוועק שטודירן אין די אוניווערסיטעטן פון קיעוו, פלאָרענץ, בערלין, באַזן און ווין, וואו ער האָט אין יאָר 1908 געקראָגן זיין דאָקטאָראַט פאַר זיין דיסערטאַציע איבער דער סקעפּטישער שול אין פי־לאָסאָפיע. מערקווירדיק, באַלד אין זיינע פריע אָנהייבן האָט ער זיך פאַר־קנסט מיט אַט דער ריכטונג אין דער פילאָסאָפיע און שוין זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון איר זיין גאַנץ לעבן.

זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהייבן אין דייטש אין יאָר 1903, ווען ער איז קוים אַלט געווען צוואַנציק יאָר. ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, "די וועלט", וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון ד"ר טעאָדאָר הערצל, און וואָס קאַראַלניק האָט אין אַ שפּעטערדיקער צייט אויך רעדאַקטירט. נישט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער, פאַרנעמט ער אַז אָנגעזעען אָרט צווישן די גדולים פון ציוניסטישן ווין. ער רעדאַקטירט דייטשע צייטונגען און שריפטן אין ווין, טשערנאָוויץ, וואו ער שרייבט איבער כלערליי אַקטועל־צייטיקע ענינים. ער פאַרעפנטלעכט אויך גרעסערע אָפּהאַנדלונגען אין די חשובסטע דייטשישע פילאָסאָפישע זשורנאַלן. דער עיקר פאַראינטערעסירט אים, אין יענעם פעריאָד, די פילאָסאָפיע פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע. ער איז פאַר יאָרן געווען מיטאַרבעטער פון די צייטונגען: די פאָסישע "די צייט", די פראַנקפורטער צייטונג, "אָסט און וועסט". אַביסל שפּעטער ווערט ער אויך מיטאַרבעטער פון דער וויכטיקער ליבעראַלער רוסי־שער צייטונג "ריעטש", וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט קאָרעספּאָנדענצן פון רוים, בערלין און קאָפּענהאַגען.

אין 1915, בשעת דעם וועלט־קריג, איז ער געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט אַ מיטאַרבעטער פון "טאָג". דעביוטירט אין יידיש האָט קאַראַלניק נאָך מיט יאָרן פריער — מיט אַ ליריש ליד אין פּעטערבורגער "טאָג", 1904, און מיט אַן עסיי, "די יידן און קונסט" אין דעם וואָכנבלאַט "דאָס יודישע וואָרט" פון אברהם רייזען, מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט אין ווין, און וועלכער האָט געווירקט אויף אים, אַז ער זאָל אָנהייבן שרייבן אויף יידיש. כאָטש קאַראַלניק האָט נאָך דעמאָלט געהאַלטן, אַז אויף יידיש איז נישטאָ קיין אָרט פאַר זיין עסיי־זשאַנער. ער האָט אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן וואונדערלעכע מייסטערשאַפט אין יידישן לשון און פיל פּערל צוגעטראָגן צו די שאַצקאַמערן פון דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען אַ קענער פון לשונות און אין זיין יידיש־יצירה האָבן געקראָגן אַ תיקון אַלע נשמות פון די וועלט־שפּראַכן, וואָס ער האָט געקאַנט און באַהערשט.

פון זיינע עסייען זיינען געזאַמלט אין בוך־פאָרם נאָר אַ טייל. ביים פאַר־לאַג "אחיספר", וואַרשע 1928 זיינען דערשינען די וויטערדיקע פינף בענד: דאָס בוך פון וואַרצלען, (263 ז'). דאָס בוך פון בלעטער אין צוויי בענד (236־249). ווידערקלאַנגען און ווידערשפּרוכן אין צוויי בענד (236־226). קאַראַלניק האָט אויך איבערזעצט פּראָזאַנס ווערק, "וואָס איז אייגנטום", וואָס איז אַרויס אין פאַרלאַג "קראַפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט" (1919), מיט זיינס אַן אַריינפיר. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע דראַמען אין דייטש, ווי "ראַטער שניי", "די זינד", א.אַנ. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ בוך וועגן זוהר, און איבערגעזעצט אייניקע דערציילונגען אויף דייטש פון אברהם רייזען.

נאָך זײַן פּריצײַטיקן טויט זײַנען דערשינען דרײַ בענד פון זײַנע געזאַמל־טע עסייען אונטער דער רעדאַקציע פון חיים גרינבערג ע״ה.

ער איז נישט געווען קיין פּאַרטיי־מענטש אין אײַגנטלעכן זין פון וואָרט, כאָטש ער איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און אַפילו פּאַרנומען אין פאַרשיידענע צײַטן וויכטיקע אַמטן. ער איז נישט געווען געקנאַטן פון דעם טייג וואָס באַשאַפט דעם אידעאַלן געזעל־שאַפטלעכן טוער, פונדעסטוועגן ווערט ער פּרעזידענט פון די אוקראַיִנישע יידן און פאַרנעמט אויך אַ פּראָמינענט אָרט אין די טעטיקייטן פון ניו־יאָרקער יידישן שרײַבער פאַריין, וואָס איז געווידמעט די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון יידישן צײַטונגס־וועזן.

דעם 16טן יולי 1937 איז ער געשטאָרבן אין אַ שפּיטאָל אין דעם קליי־נעם פאַרשטעטל פון ניו־יאָרק, מאָונט קיסקאָ, פון אַ האַרץ־קראַנקייט. אין יידיש־ליטעראַרישע קרייזן האָט זײַן פּריצײַטיקער אַוועקגיי אַרויסגערופן אויפריכטיקן טרויער, און נאָך איצט, פינף־און־צוואַנציק יאָר נאָך זײַן פּטירה, פילט זיך אַ חלל אינעם עסיי־נוסח, וואָס ער האָט דערהייבן און פאַרוועלט־לעכט.

## קריטישער אימפּרעסיאָניזם

פאַר קאָראַלניקן איז ליטעראַטור־קריטיק נישט געווען קיין ענין פון מעסטן, וועגן, סדרן. ער האָט קיינעם נישט אַרויסגעגעבן קיין אַטעסטאַטן פון גוט, שלעכט, מיטלמעסיק.

דאָס ווערק האָט אים גערינט ווי אַן אָנרעג־מיטל, פּונקט ווי דער פּאָעט, למשל, ווערט באַווירקט פון אַ שיינער פרוי, פון אַ שיינער לאַנדשאַפט.

פאַר אים איז משמעות נישט געווען דער עיקר, דער גראַד טאַלאַנט פונעם שרײַבער; אוודאי, האָט ער געהאַט מער הנאה ווען דאָס בוך האָט אים געגעבן עליית הנשמה, און ווען דער שאַפערישער מענטש איז געווען פון די גאָט־גע־בענטשטע קינסטלערס. דערפאַר האָט ער מער געלייענט און זיך פאַרטיפט אין די קלאַסיקערס; די קינסטלערס מיט אײַנגעפונדעוועטע רעפּוטאַציעס. דאָ גייט ער אויף אַ זיכערער בריק. ס׳איז אַ שאָד צײַט־פאַרשווענדעניש אויף גיין אין נישט־אויסגעטראָטענע וועגן . . .

דער עיקר איז פאַר אים געווען דאָס ווערק ריין סוביעקטיוו. ער שרײַבט איבער ביכער נישט ווי ס׳זײַנען זיך נוהג די פּראָפעסיאָנעלע קריטיקערס. ער באַטראַכט נישט דאָס בוך לויט די סטערעאָטיפּישע כּללים פון די פאַרשיידענע מינים רעצענזענטן. דאָס בוך דינט אים ווי אַ סטימול, ווי אַ שלײַף־שטיין פאַר אייגענע מחשבות, טראַכטענישן, רעגונגען. אָכאַל פאַראינטערעסירט אים אַ וואָרט־שפּיל, אַ פּאַראַדאָקס, אַ קלוגער אײַנפאַל, אַ טשיקאַווער העלד — אָבער, נאָר אויף וויפיל ער קאָן קומען צו אייגענע סוביעקטיווע הנחות.

ער רעדט מער אַרום אַ בוך ווי וועגן בוך גופא. ער לייענט אַריין אייגענע פּירושים, אויסטייטשן און פּאַרטייטשן. ער איז ווי די בין — אַ פלי־פלאַטער איבער פרעמדע בלומען, כדי אַריינצוזויגן זייער נעקטאַר. אָבער שפּעטער גיט זי אייגענעם האָניק . . .

"מיר דאַכט זיך אויס, אַז יעדער קריטיקער און אַפּשאַצער איז תמיד אומגערעכט. עס איז נישטאָ קיין איין־איינציקע קריטישע מעטאָדע, וואָס זאָל פירן צום ווירקלעכן אמת . . ." זאָגט ער אין ערגעץ אין אַ אַפּשאַץ־עסיי וועגן אברהם רייזענען.

אָט ווי ער שרייבט אין אַן אַרבעט וועגן בעל־מחשבותן: "און עס זיינען פאַראַן אויך קריטיקערס פון הערות. עס איז אַ גייסטרייכער לעזער, וואָס לייענט מיט אַ בליישטיפט אין דער האַנט און מאַכט באַמערקונגען אויפן ראַנד פון בוך. אָפט האָט די באַמערקונג נישט וואָס צו טאָן מיט דעם ענין. עס איז גלאַט אַן איינפאַל, אַמאָל זייער אַ גוטער, אַמאָל אַ שוואַכער, אָפט אַ קאַפּריז, אַ שטימונג. עס איז אַ לעזער, וואָס רעדט וואונדערלעך וועגן ליטע־ראַטור, אָבער אַזוי גוט און שיין, אַז ער פאַרגעסט אַליין צום סוף, וואָס איז איינגנטלעך געווען די טעמע, און דער צוהערער פאַרגעסט אויך. דאָס בוך ווערט בלויז אַ שפּרינגברעטל פאַר דעם קריטישן לעזער". (דאָס בוך פון וואַרצלען, ז' 63).

ווייס איך ניט צי מיט אָט די שורות האָט ער געמיינט בעל־מחשבותן. אָבער זיכער זיינען זיי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים אַליין. אָט אַזוי איז ער גע־ווען. ער איז געווען דער גייסטרייכער לייענער וואָס האָט געמאַכט באַמער־קונגען אויף די ראַנדן פון די געלייענטע ווערק. אַמאָל איז עס טאַקע געווען ניט מער ווי איינפאַל, שטימונג. ער איז ניט צוגעטראָטן צום ווערק ווי דער כירורג צום פּאַציענט מיט מיקראָסקאָפּ און סקאַלפּעל . . . ער איז ניט געקומען אָביעקטיוו אָפּשאַצן, נאָר אַליין אינספּירירט ווערן צו אייגענע געדאַנקען. אין זיין גייסטרייכן עספּרי האָט ער גאָר טיילמאָל פאַרגעסן אַז ער שרייבט וועגן פּלוני־בן־פּלונים בוך. ער איז מיטגעריסן געוואָרן פון זיינע אייגענע קאַפּריזן, פּאַראַדאָקסן און פאַרגעסן אַז דאָס שרייבט ער גאָר איבער אַ בוך פּאָעזיע. דאָס בוך האָט אים נאָר געדינט ווי אַ שפּרינג־ברעטל צו אייגענע רעיונות, געדאַנק־שפּריצן.

אין אַן אינטערעסאַנטער עסיי איבער ספּינאָזאַן זאָגט ער די וויטערדיקע שורות: "ווי קאָן מען זיין אַ תלמיד? און פון וועמען? האָט דען עמיצער — אין דער וועלט — אין דער גאַנצער געשיכטע פון מענטשלעכן דענקען, איבער־גענומען אַ פרעמדע שיטה, אַ פרעמדן געדאַנק, אין דער גאַנצער ריינקייט און גאַנצקייט? איז דאָס מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל נאָכדענקען דעם געדאַנק פון אַ צווייטן? יעדער איז פאַר דעם אַנדערן בלויז אַן אָביעקט. ער זעט אים ווי ער זעט אַ וואַנט אָדער אַ בוים. נעמט אים אַריין אין זיין מוח, אין זיין

אינערער וועלט, און פאַרבט אים, און טייטשט אים אויס, און לייגט אין אים אריין כוונות, וואָס זיינען זיין אייגנטום, נאָר פאַר אים אַליין און ניט פאַר קיין שום אַנדערן. איבערנעמען קאָן מען בלויז באַפעלן. איינער הייסט. דער צווייטער פאָלגט . . .״ זיינען אָט די שורות ניט פון די סאַמע גייסטרייכסטע ביי קאָראַלניקן. ס'לאָזט זיך אַמפּערן וועגן זייער לאָגישער קאָנסעקווענטקייט אין אונדזער וועלט פון אידייען. אָבער זיי זיינען ווי אָנגעמאָסטן פאַר קאָראַלניקן דעם קריטיקער־לייענער. דאָס בוך איז פאַר אים ניט מער ווי אַן אָביעקט פאַר אריינטייטשן אייגענע כוונות. די כוונות פון דעם קינסטלער־שאַפער זיינען גאָרניט זיינע דאגות . . . ער זאַפּט איין יענעמס גייסטיקע וועלט ווי אַ שוואָם און ביי אים אין מוח ווערט זי טראַנספיגורירט און כעמיש איבערגעשמאָלצן.

וואָס איז פאָרט געווען זיין קריטישער איינשטעל? מ'קאָן ניט מיט פּרעציזער זיכערקייט פעסטשטעלן די ליטעראַטור־קריטישע קריטעריע פון קאָראַלניקן. זיכער האָט ער געהאַט פעסטע מיינונגען; באַשטימטע געדאַנקען וועגן אַלערלייאיקע קינסטלערישע ווערק. אָבער אים האָט געפעלט אָביעקטיווע אויסגעהאַלטנקייט. ער איז ניט געווען פון די קאָנסעקווענטע קריטיקערס, וואָס מ'ווייס מער־ווייניקער אַפּריאָרי וואָס זייער קריטישער מעטאָד איז לייענענדיק אַ ווערק.

ער האָט דער עיקר זיך פאַרטיפט אין אַ ווערק וואָס האָט עפּעס געזוכט מחדש זיין; וואָס האָט געקאָנט משפיע זיין די וועלט פון אידייען; אַ ווערק וואָס האָט געקאָנט אָנצינדן די מענטשלעכע פאַנטאַזיע.

משמעות, ס'איז אים געווען דערווידער יענע ביכער, וואָס דער עולם שלינגט זיי אין גרויסע קוואַנטיטעטן, אָבער זיי לאָזן ניט איבער קיין וואָרצלען, קיין שפּורן. ער האָט געהאַלטן פון יענע קינסטלערס וואָס האָבן מיט זייערע ווערק אויפגערודערט דאָס געמויזעכץ פון אונדזערע מענטשלעכע צווישן־שייכותן. ער האָט פיינט געהאַט יענע ווערק וואָס שלעפערן איין, וויגן איין דעם מענטשלעכן מוח אין פוסטע חלומות. דער עיקר וואָס אָט די טרוקענע נשמהלעך זוכן אין דער ליטעראַטור איז צייטווייליקע געשפּאַנטקייט, טריוויאַלע הנאהלעך. דאָס איז אַ מין עסקייפּיזם וואָס העלפט פאַרטייען, אָפּטויטן די נאָרמאַלע חושים, רעגונגען, געפילן פאַר סאָציאַלע אחריותן.

מ'זעטיקט דעם יצר־הרע, די תאוות פון ניט־אויסגעלעבטע פיזישע פאַרגעניגנס. אַזאַ לייענער ווערט גייסטיק אימפּאָטענט אויפצונעמען די וועלט פון די אמתע קינסטלערס. אין אַ וועלט, וואו אויף אַלע געמאַרקן קלינגען די גלאָקן פון צעבראָסטעטן הפקריזם, ווערט שווערער צו לעבן פאַרן מענטש פון גייסט. מ'לעבט אין אַ אידייענלאָזער וועלט וואָס פאַרצוקערט כּלערליי אָנגעפּליאָדעטע גראַפאָמאַנישע ווילדקייטן און מ'פאַרקויפט עס פאַר קינסטלערישע, ראַיעלע סחורה . . .

קאָראַלניק דער שיין־גייסט וואָס האָט געקאָנט אַזוי וואונדערלעך שמועסן

איבער ליטעראַטור, האָט זיכער באַרייכערט אונדזער וויסן, אונדזער פאַרשטייען גרויסע ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערק, כאָטש סוביעקטיוו־אימפּרעסיאָניס־טיש אויפגענומען.

## אידייען

ס'איז אונדז אויסגעקומען צו הערן פון אייניקע חשובע וואָרט־זאָגערס, — רעדנדיק וועגן ד"ר א. קאַראַלניק — אַז ער איז געווען אַנגעלייענט אין די וועלט־ליטעראַטורן. אָבער, קיין אייגענע אידייען האָט ער ניט פאַרמאָגט. ער איז אין בעסטן פאַל געווען, — אַ שפּאַצירער אין לאַנד פון אידייען. אַליין האָט ער אין גאָרניט געגלויבט. נאָך ערגער, — ניט נאָר האָט ער ניט גע־גלויבט, — נאָר ער איז ממש געווען ציניקער אין זיין אויפנעם פון אונדזער געדאַנקען־מלוכה.

ער איז טאַקע געווען דער שיין־שרייבער, דאָס זינג־פייגעלע וואָס האָט וועגן אַלץ און אַלעמען געשריבן אַזוי עלאַקווענט און עלעגאַנט. ס'איז אָבער געווען זיינס אַזאַ שרייבערישער מאַנעריזם. ווי אידייען־אַרכיטעקט איז ער אָבער געווען אַ גרויסער אביון, אַן אַרימאַן. ער איז געווען צוימען־ברעכער, שטערער פון רו. אָבער אין עצם: איז ער געבליבן מענטש פון אַנאַרכיע, פון הפקרות. ער האָט זיך געקלאַמערט אין גאָרניט... זיין וועלט איז געווען די וועלט פון לויטער נעגאַציעס . . .

זיינען אוודאי פאַראַן טראָפּנס פון אמת ווי אַזוי ס'האָבן אים כאַראַקטע־ריזירט די חשובע פּען־מענטשן. אָבער, טאַקע ניט מער ווי טראָפּנס . . .

זיכער איז ער געווען שטערער פון רו. געצן־ברעכער. ער איז אוודאי געווען אומצופרידן צו גיין אין שפּאַן פון אַ סטאַטוס־קוואָ פילאָסאָפיע. ער איז ניט געווען קיין גייער אין די געמאַרקן פון קאָנפאָרמיזם. ער איז געווען דער בונטאַר, דער שטורעמער קעגן **גרויסן־ליגן.**

איז אוודאי זיינען אַט די בייסט־מענטשן ניט צו שטאַרק פּאָפּולער אין אַ וועלט וואו "דער קאָנווענציאָנעלער ליגן" איז שטאַרק דאָמינירנדיק. דער בונטאַר איז אַ טראַגישע פיגור ניט נאָר אין אונדזער צייט פון גרויס־מאַטע־ריאַליזם, נאָר ער איז עס געווען אין אַלע צייטן און תקופות. אַזוי איז שוין מן־הסתם דער גורל פון דעם נביא וואָס וואָגט צאָרענען קעגן די אמתן וואָס די צייט האָט זיי שטאַרק פאַרזשאַווערט . . .

איז באַטראַכטנדיק קאַראַלניקן פון אַט דער ברייטער ראַם פון אַפּשאַץ, ווערט שוין פאַר אונדז פאַרשטענדלעך, הלמאי די עפּיגאָנען וואָס זיינען איינ־געוואוינט צו אַ סטאַנדאַריזירטער מאָראַל, האָבן ניט געקאָנט אינגאַנצן אַדאָפּ־טירן אַט דעם עסטעט, דעם שיין־גייסט פון דער עסייאיסטיק, ווייל ער איז ניט געווען דער דענקער וואָס האָט געקאָנט צופּאַסן זיין געדאַנקען־וועלט צו

אַ מאַראַל פון המון. ער איז געווען דער שאַרפער פאַרניינער פון אַ מאָב־פילאָסאָפיע.

יאָ, ער איז טאַקע דער אַדוואָקאַט פון אַ שיטה פון אַנאַרכיזם, אָבער אַזאַ געלייטערטן אַנאַרכיזם, אויף וויפיל ער איז עקספרעסיוו פאַר אַ פרייער אינ־דיווידועלער פערזענלעכקייט. ער איז קעמפער פאַר אַן אומגעצוימטן אינדי־ווידואַליזם. דער מענטש פון מחשבה טאָר ניט ווערן געפענטעט אין קייטן. דער מענטש פון גייסט מוז זיין פריי ווי דער ווינט אין פעלד . . .

ער איז געווען באַקעמפער פון דער שיטה פון פּראַגמאַטיזם. אָט די שיטה איז די גרעסטע קללה פאַר אונדז. דאָ וואו ס׳מישט זיך אַריין דער פּאָזיטיוויזם פון ניצלעכקייט, פון תכלית, שטייט אין קאָן די פרייע, אומאָפּהענגיקע, שע־פערישע פערזענלעכקייט. ער האָט געהאַט גרויס הנאה פון דאָן־קיכאָטישן גיין קעגן שטראָם. אויב דו גייסט מיטן ווינט איז וואו איז די גרויסקייט, די אינ־טערעסאַנטקייט ? אַ גן־עדן וואו איינער מיטן צווייטן זיינען מסכים מוז דאָך זיין די סאַמע באַנאַלסטע געזעלשאַפט . . . ער איז געווען אַנהענגער פון פאַנ־טאַסטישן ; זוכער פון אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ, פון אַן אילוזיע, פון דעם אוממעג־לעכן. די ניט־אויסגעהאַלטנקייטן, די ווידערשפּרוכן, די קרומע ליניעס זיינען פאַר אים געווען אידייאיש־נעענטער ווי די אויסגעהאַלטנקייטן ; ווי די האַר־מאָנישקייטן, ווי די גלייכע ליניעס . . . ס׳איז דאָך געוואַגטער, מוטיקער, העל־דישער צו קעמפן קעגן שטראָם ווי גיין צוזאַמען מיט דער סטאַדע . . . דאָס איז דאָך אפשר דער טראַגיזם פון אונדזער יאָרהונדערט, ווייל ס׳זיינען ניט פאַראַן גענוג מענטשן פון גייסט וואָס זאָלן וואַגן אַרויסטרעטן קעגן אַנגענומענע אמתן וואָס די צייט האָט זיי אָפּגעבליאַקעוועט . . .

״קולטור הייבט זיך אָן״ — זאָגט ער אין אַן אינטערעסאַנטער עסיי — ״מיט די טעפּיכער, מיט דעם אומנייטיקן, וואו דער מוז הערט אויף און מ׳טרעט אַריין אין דעם קעניגרייך פון מעגלעכקייטן״ . . .

קאָראַלניק קומט טאַקע ניט צו אונדז מיט קיין מאַגישע פאָרמולעס פאַר די מיחושים פון אונדזער שווערער צייט. ער איז בּיכלל מער דיאַגנאָסטיקער ווי פּראָגנאָסטיקער. ס׳זיינען בּיכלל ניט פאַראַן קיין סכעמאַטישע מאָדעלן. ער איז להוט צום עקלעקטישן סינטעז פון קולטור־השפעות.

די אידעאָלאָגן פון כלערליי טעאָריעס, די אַלצווייסערס ; זיי וואָס רעדן מיט אַזויפיל אויטאָריטעט, אַז ווען די וועלט וואָלט נאָר צו זיי זיך צוגעהערט, וואָלטן פּאָזיטיוו אַלע מענטש־מיחושים געלייזט געוואָרן ! . . . איז קאָראַלניק גאָרניט אַזוי זיכער, אַז ווען די וועלט וואָלט זיך נאָר צוגעהערט צו די פאַר־שיידענע אידייען־אַרכיטעקטן, — וואָלט שוין די וועלט באמת געווען פריי פון כלערליי מענטש־קאָנפליקטן און ווידעראַנאַנדן . . .

די עוואָלוציע באַווייזט, אַז דער מענטש האָט אין פאַרשיידענע היסטאָ־רישע צייט־אָפּשניטן רעגולירט און געפורעמט זיינע געזעלשאַפטלעכע שיי־

כותן אויפֿן יסוד פֿון כּלערליי דיסציפּלינען, פֿילאָסאָפֿיעס, טראַקטאַטן און דאָך — דאָך זיינען נאָך פֿאַרבליבן אַ היפּש ביסל ניט פֿאַרענטפֿערטע קשיות . . . ס׳איז גרינגער צו פֿרעגן קשיות ווי געפֿינען די תּירוצים. ווי זאָגט ער טאַקע אַליין : „גיב מיר אַ תּירוץ איך האָב אַ קשיא״ . . .

און אָט ווי ער זאָגט אין זיין אַריינפֿיר־וואָרט צום בוך „דאָס בוך פֿון וואַרצלען״ : „עס קומט אפשר פֿון אַ גרונטאַנשויאונג : איך גלויב נישט אין אויסשעפּנדיקע ענטפֿערס. און אויך נישט אין אַלזייטיקע באַלייכטונגען. מיין וועלט איז נישט אין ליניען, נאָר אין פֿאַסעטן, און ווי דער שטראַל פֿאַלט — זעט זי אַנדערש אויס״.

יאָ, אין אָט די ווערטער האָט איר דעם גרונט־רעיון פֿון קאַראַלניקס אידייען־וועלט. ניין, ער האָט ניט קיין אויסשעפּנדיקע ענטפֿערס צו די סאָציאַלע אומגליקן פֿון דער וועלט. ער וויל בעסער בלייבן דער בטלן, דער בעל־חלומות, ווי דער אָפּגענאַרטער חכם . . .

אין אַן אַנדער אָרט שרייבט ער כּהאי לישנא : „עס איז אייגנטלעך אַ גרויסע חוצפּה, צו ווערן אַ מאַרטירער פֿון אַ אידייע״ — זאָגט אַנאַטאָל פֿראַנס. און ער איז אין גרונט גערעכט. דער אמתער דענקער וויל נישט ווערן קיין מאַרטירער. ווייל ער ווייס, ווי איינזייטיק יעדע אידייע איז און וויפֿיל ספֿיקות זיינען איינגעוויקלט אין יעדן אמת״.

ווי כאַראַקטעריסטיש זיינען אָט די אַרויסגעזאָגטע ווערטער פֿון קאַראַלניקן. ער גלויבט נישט אין אַבסאָלוטע אמתן. ער האָט ממש פֿיינט דעם פֿאַנאַטיקער פֿון וועלכער ס׳איז דאָגמע. זיי, דידאָזיקע אידעאָלאָגן וואָס רעדן אין שטרענגע טערמינען פֿון הומאַניזם, פֿון עטישע ווערטן, פֿון הויכער מאָראַל ; זיי וואָס רעדן מיט אַזויפֿיל אויגן־גלאָצעריי וועגן אונדזערע שענסטע אידעאַלן — ווערן אויפֿגעציטערט, זיינען ממש גרייט דורס זיין דעם יעניקן וואָס איז גרייט צווייפֿלען, וואָס איז גרייט אַרויסווייזן אַ טראָפּן ספֿק אין דער קאַטעגאָרישקייט פֿון זייערע אמתן . . . זיי, דידאָזיקע שטרענגע דאָגמאַטיקער וואָס גלויבן הונדערפּראָצענטיק אין זייערע סאָציאַלע פּראָגנאָזן און וואָס דערלאָזן ניט קיין ברעקל קריטיק, זיינען אין דער אמתן די קללה פֿון אונדזער טראַגישער צייט פֿון קליינע, נעבעכדיקע, טרויעריקע פּירערלעך . . .

## ליטעראַטור־לעבן

ליטעראַטור פֿאַר קאַראַלניקן האָט פֿריער פֿאַר אַלץ געמיינט : אָפּשפּיגלונג, רעפֿלעקטירונג פֿונעם רעאַלן. צי ער איז טאַקע געווען רעאַליסט אין פּשוטן זין פֿונעם וואָרט, איז ניט פֿון די גאָר גרינגע קשיות צום פֿאַרענטפֿערן, ווען מ׳זאָל אַלץ פּרוּוון אַריינפּרעסן אין שטייפֿן קאַרסעט פֿון דעפֿיניציע.

ס׳איז שווער אויפֿן סמך פֿון זיינע ווערק אים צו וועלן כאַראַקטעריזירן פֿון אַ באַשטימטער קריטעריע פֿון ליטעראַרישן אויפֿנעם, מחמת ער איז אין

זיין אופן פון דענקען, ניט געווען צוגעשמידט צו אן איינמאל־פאר־אלעמאל קאנצעפציע פון געדאנק. ער איז ניט געווען לימיטירט צו ספעציפיש צוגע־שניטענע מאדעלן.

ער איז געווען צווייפלער, סקעפטיקער ניט נאר אין זיין באנעם און פירוש פון פילאסאפיש־געזעלשאפטלעכע ריכטונגען, שולן, טענדענצן, נאר אויך אין זיין אויפנעם פון ליטעראריש־קינסטלערישע ווערק. דאס לעבן איז א לאבירינט און מיר בלאנדזשען אין אים. ער איז מער גענייגט צום עקלעקטישן סינטעז. קענטיק אז ער איז געווען אונטער דער השפעה פונעם פלוראליזם אין דער וועלט פון קולטור־שעפערישקייט. ס'איז פאר אים שווער צו דעצי־דירן. ער איז תמיד אין ספק ווען מ'פאדערט פון אים פרעציזקייט, באשטימט־קייט פון אויספיר.

דערפאר ווערט פאר אונדז קלארער — ווען מיר באטראכטן אים אין אט דעם פערספעקטיוו — זיין נעמען אונטער איין טלית גרעסערע און קלענערע קינסטלערס. ער האט זיך ממש געקאנט באגייסטערן פון א נידעריק־ראנגיק ווערק; פון א ווערק וואס די אפיציעלע אפיטרופסים אין דער ליטעראטור־קריטיק האבן גראד ניט געשענקט צופיל אויפמערק. אפילו ווען דאס ווערק האט ביכלל ניט ארויסגערופן צופיל אנזען אין ליטערארישע קרייזן. דערפאר האבן אייניקע ווארט־קינסטלערס ניט גענומען צו ערנסט זיין מבינות־זאגעריי. מ'האט עס אפילו באטראכט מיט ביטול־שמייכל.

אויב דער־און־דער האט באמת געקאנט ארויסרופן אזא התפעלות מצד דעם גרויסן קענער און מפונק פון ליטעראטור, איז איינס פון די ביידע: — אדער זיין סימן־מובהק פון קינסטלערישער שעפערישקייט ליידט פון קריטי־שער איכפאטענץ, אדער ס'איז גאר א מין וועלן ארויסשטעלן א פייג אלע קאנווענציאנעלע מאסן פון קינסטלעריש־קריטישן אויפנעם.

אונדז דוכט זיך, אז ס'איז געווען אין אט דער קריטעריע זיינער ציל־באוואוסטקייט. ער האט ניט געהאט בדעה צו לייכטן מיט זיין אויטאראטי־ווער מיינונג. ער האט פיינט געהאט בתכלית השנאה דעם פוסק אחרון. זיין אלגעמיינער פאראדאקסאלער באנעם פון קולטור־געזעלשאפטלעכע געשעע־נישן האבן קאנסעקווענט דערפירט צו זיין נעגאטיווער שטעלונג צו אויטארי־טעטן פון וועלכער ס'איז בראנזשע. כ'גלויב אז פון אט דעם קוק־ווינקל זאל מען דערקענען דעם דרך הליטעראטור פון קאראלניקן און ניט וועלן אים קא־טאלאגירן. ער האט קיינעם ניט געוואלט אימיטירן, נאכמאכן. ער האט בלויז געוואלט בלייבן קאראלניק וואס היינט טראכט ער אזוי ... מארגן — מארגן וועט דאס ליכט פון קרישטאל פאלן אנדערש און זיין מיינונג וועט גאר זיין אין סתירה צו דעם וואס ער האט געזאגט נעכטן. דוכט זיך ס'איז דאך עפעס ניט גלאטיק מיט אזא באנעם. ס'פעלט אויסגעהאלטנקייט. עס טראגט גיכער דעם כאראקטער פון לייכטזין. מ'קאן דאך רק ניט בויען אויף נעגאציעס ...

אבער דאָס איז נאָר בלויז אַזוי אַ אויבנאויפיקער איינדרוק. ווען מ׳גראָבט טיפער אין דעם נשמהדיקן געמיט פון דעם שאַפער, זעט איר איין, אַז דווקא אין ווידערשפרוך איז פאַראַן די האַרמאָניע פון שלימות. יעדער שטריך דערגאַנצט דעם קרייז. העגל איז משמעות געווען גערעכט. יעדע אי־דייע ווערט געבוירן מיט איר ווידערשפרוך.

אוודאי דאַרף דאָס קינסטלערישע ווערק אין פולער פּראַפּאָרץ אָפּשפּיג־לען דאָס רעאַלע אין לעבן. אָבער דאָס לעבן גופא איז דאָך אויך ניט אַ גראַד־ליניקער גיין פון מדרגה צו מדרגה. ס׳איז גיכער אַ גיין אין זיגזאַגן; אַרויף און אַראָפּ. ס׳לעבן שפּאַנט ווערטיקאַל און האָריזאָנטאַל. ס׳פאַרמאָגט אַלער־ליי דימענסיעס. דעריבער איז אויך מעגלעך, אַז אַ קינסטלעריש שוואַך ווערק זאָל גראָד געהעריק רעפלעקטירן אונדזערע קאָנפליקטן, ווידעראַנאַנדן אינעם לעבנס־שפּאַן. בעת דאָס גרויסע קינסטלערישע ווערק זאָל גאָר זיין אין סתירה, אין קאָנפליקט, מיט דער ווירקלעכקייט.

ס׳איז בכלל שווער פעסטצושטעלן — וואָס איז רעאַליסטיש און וואָס איז אומרעאַליסטיש אין דעם געווירבל פון מענטש קאָנפליקטן. דאָס גראָ־טעסקע, דאָס קלאָוניש־לצעוואַטע, דאָס קרום־שפּיגלדיקע, איז אַמאָל דער אמתער אָפּשפּיגל פונעם רעאַלן, פון ממשותדיקן. דער רעאַליזם טראָגט אַמאָל דעם כאַראַקטער פון אומזין, — און דער אומזין איז אַמאָל דאָס רעאַליסטישע, דאָס ממשותדיקע, דאָס באַוואוסטזייניקע; ער איז גאָר דער אַרויסוואוקס פון אמתע לעבנס־רעאַליטעטן.

דער פּאַראַדאָקס, די סתירה, דער אבסורד, ווערט דער רעאַל־מאָראַלישער סטאַנדאַרט צו מעסטן געוויסע צייט־אָפּשניטן אויף דער היסטאָרישער קאַנווע. דאָס אומעגלעכע ווערט מעגלעך. דאָס פאַנטאַסטיש־צוגעטראַכטע ווערט — רעאַליטעט. חלום ווערט וואָר. דאָס קינדער־מעשהלע ״עלים אין וואונדער־לאַנד״, וואָס איז אין עצם פאַנטאַסטיק איז גראָד יסודותדיק, סאָליד.

זייער טרעפלעך זאָגט טאַקע קאָראָלניק אַליין: — ״דאָס ווערק? וואָס איז דען יעדעם ווערק, אויב נישט קיין פראַגמענט? דאָס ווערק איז נישט דער מענטש, עס איז מער — עס איז ווייניקער. זיינס און נישט זיינס. און דער שאַפנדיקער אַליין איז זיך נישט קלאָר, וואו איז זיין פּלויט, וואו הייבט זיך אָן דער רשות הרבים״.

אָדער ווי מיר געפינען אַן אַנדער כאַראַקטעריסטישן געדאַנק אין איינער פון זיינע גייסטרייכע עסייען וועגן דעם דייטש־יידישן שריפטשטעלער, יעקב וואַסערמאַן: — ״מיר זוכן אַלע — גרויס אָדער קליין — דעם ״אַזוי מוז עס זיין״. אין דעם לעבן געפינען מיר אים ניט. נישט ווייל עס איז נישטאָ — דאָס ווייסן מיר נישט — נאָר ווייל די ווירקלעכקייט גייט צו גיך אַוועק, כדי מען זאָל זי קאָנען אָפּשטעלן און דערפרעגן זיך ביי איר, וואָס זי מיינט און פאַרוואָס זי איז דאָ. און ווייל אַזוי — אין איילעניש — פאַרלירט זי גאָר גיך

דעם פאַרעם פון דעם לעבן. עס איז שווער — אפשר אוממעגלעך — צונויפ־בינדן די איינצלנע פאַקטן און זען זייער פאַרבונדנקייט. שאַפן מיר אַ ווירקלעכקייט, וואָס וואָלט געקאָנט זיין — טראַכטן מיר אויס, שאַפן מיר: ליטעראַטור".

די ווירקלעכקייט איז אַן אויסגעטראַכטע. יעדער שאַפער גיט שטיקער אויטאָביאָגראַפיע. ער גיט זיין וועלט ווי ער וויל זאָל זיין און ווי ער זעט זי אין זיין פאַנטאַזיע. יעדער שאַפערישער יחיד שפּיגלט אָפּ די וועלט וואָס ער קאָן לויט זיין אייגענעם גייסטיקן מהות. אַזוי מישן זיך די פאַרבן אין גרויסן שמעלצטאָפּ פון צייט — און דער פועל־יוצא: אַ קאַליידיסקאָפּישע ווירקלעכקייט פון קאָנפוזיעס און רעאַליטעטן.

## היינטיקייט — אייביקייט

ס'איז ביי אים תמיד אַנגעגאַנגען אַ ויתרוצצו, אַ שטענדיקער קאָנפליקט צווישן דעם אַקטועל־היינטיקן און דעם מאָרגנדיק־אייביקן. וואָס איז היינט און וואָס איז מאָרגן? . . . ס'איז אַ שווערע דילעמע. די מחשבה איז אין קלעם. ס'איז ניט גרינג צו דעצידירן. ער, דער צווייפלער, דער סקעפּטיקער קאָן ניט סתם אַזוי ענטפערן מיט אַ קלאָרן יאָ, אָדער ניין . . . דאָס אַבסאָלוט־זיכערע איז גאָרניט אַזוי שטאַרק־פעסט ווען דער שטרענגער לאָגיקער נעמט טרייבערן די אָדערן . . .

אינעם היינט איז דאָך פאַרוויקלט דער נעכטן און דער מאָרגן — און פאַרקערט. ס'איז אַלץ פליסיק, עלאַסטיש. ער ספקט אין פּערמאַנענט־אַבסאָלוטע לייזונגען. אפילו צוויי מאָל צוויי מוז ניט תמיד ווערן פיר. כ'זאָגט אַז דער טויט איז אַבסאָלוט. אָבער אינגאַנצן זיכער איז מען ניט . . .

ס'לעבן איז אַ פּערפּעטועלער אויפגיין און פאַרגיין. ס'בייטן זיך די בינע דעקאָראַציעס — אויב ס'לעבן זאָל געגליכן ווערן צו אַ דריי־בינע — ווי ס'האָט געוואָלט דער טראַגיקער שעקספּיר — דער בעסטער מוסטער — דער ים. כוואַליעס אין זייער ראַשיק־רוישיקן געלויף יאָגן זיך ווי צעווילדעוועטע לייבן מיט צעשויבערטע גריוועס צו די ברעג־פעלדזן. ווען זיי דערגרייכן דעם ציל, דעם ברעג, בלייבן זיי אויסגעשעפּטע, אָן כוחות. ווייסער שוים, בלויז שוים... זייער גורל — אויפלייז און צוריקצי . . . און ווידער און תמיד אַ פאַרמעסט צו אַ נייעם אָנהייב! . . . אַזוי כסדרה, נאָך מן־הסתם אַ רגילות פון מעשה בראשית. ס'איז נאַטור־געזעץ. אַלץ דרייט זיך אין פאַרכישופטן קרייז פון אָנהייב און פאַרגיי און פאַרקערט . . .

שוין טויזנטער יאָרן ווי ס'ראַנגלען זיך, שלאָגן זיך פעלקער, ראַסן יחידים אין אַ פאַרמעסט צו ברענגען דעם מענטשנטום, דעם מענטש כלערליי ישועות־ונחמות. דער פועל־יוצא: נייע מיזבחות פאַר נייע קרבנות! . . . אַזוי זינט מענטש איז מענטש געוואָרן. אָן אַ סוף, אָן אַן אָפּשטעל. אַן אייביקער חד־גדיא . . .

ס׳קומען אויך אויף דער ארענע נייע אידעאלאגן, נייע וועלט־פארזאר־גערס מיט שפאגל נייע אידייען, נייע משיחישע רעצעפטן. זיי צעטראמייטערן איבער דעם וועלט־קיילעך זייערע פילאסאפישע שיטות, סיסטעמען, קולטן. ס׳פאלק יובלט, קרוינט די נייע משיחים ווי זייערע פירערס, און ווידער הייבט זיך אן דער פראצעס פון פארקנעכטונג צו פרייהייט... ס׳פאלק וויל פריי זיין און דאך — דאך לאזט עס זיך פרייוויליק ארייננדרייען אין קאראהאד פון שקלאפן־טרייבער, פון געצנדינערס...

## די אייביקע רעטעניש — לעבן און טויט

לעבן און טויט זיינען תמיד געווען פון יענע רעטענישדיקע מיסטעריעס וואס האבן באשעפטיקט די דענקערס, די פילאסאפן, אין אלע צייטן אין זייער שטארקן נייגער ארייננצודרינגען אין דעם אומבאקאנטן, אין דעם מיסטישן.

ד״ר קאראלניק, דער גרויסער ערודיט פון די אלטע און נייע חכמות, איז אליין געווען א קוריאזער זוכער, נישטערער אין די נעפלדיקע שלייערן פון דעם אומבאקאנטן, פון דעם וואס לאזט זיך נישט משיג זיין דורך די נארמאלע מענטש־חושים. דורך ראציאנאליסטישן פארשטאנד לאזט זיך דאס מיסטיש קעסטל ניט אויפשליסן; ס׳בלייבט פארזיגלט אויף זיבן־מאל־זיבעציק שלע־סער. אט דער סוד פון אין־סוף קאן מען איינבייסן דורך א זעקסטן חוש, דורך אינטואיציע.

ס׳איז דאך עפעס ניט צו באנעמען אז דער מענטש זאל אין זיין ביאָ־לאגישן אויפבלייז טאקע פארשווינדן און אראפ פון דער וועלט־בינע. עפעס לאזט זיך ניט תופס זיין, אז דער מענטש זאל טאקע אויף אן אמת זיין צופרידן מיט אזא טעמפן גייסטיקן איינשטעל. איז דאך ער, דער מענטש, דאס איי־בערשטע פונעם שטייסל, עפעס מער ווי סתם א חומרדיקער אביעקט וואס מיט זיין פיזישן אויפהער, ווערט ער פאשאטן אין די מידברדיקע זאמדן פון פאר־געסעניש...

ניין, דער שכל איז ניט מתחייב אנצונעמען אזא מין סומירן פון מענטש־לעבן קיום. א מענטשלעכן לעבן קאן דאך ניט פארשוונקט ווערן ווי סתם עפעס אן אביעקט. אז ס׳זאלן לחלוטין ניט בלייבן קיין שפורן פון פריערדיקער עקזיסטענץ. דער קאלטער, אסקעטישער לאגיקער איז אפשר גרייט אקצעפ־טירן אזא ברוטאלע רעאליטעט. אבער, דער בעל־חלומות, דער מיסטיקער, דער סקעפטיקער איז מורד קעגן אזא אייז־קאלטן ראציאנאליזם, וואס איז גרייט זיך מתחתן זיין מיט אזא נאטוראליסטישן באנעם פון דער אייביק אלט־אלטער מיסטעריע: — לעבן און טויט.

קאראלניק דער מיסטיקער נעמט אויף אט די שיטה פון די נאטור־וויסנ־שאפטלערס מיט זיין פילאסאפיש־איראנישן שמייכל.

ניין, דער מענטש לייזט זיך ניט אויף ווי א שנייי־קרישטאל אין דער וואַ־

רימער זוו. אפילו דער שניי־קרישטאָל, פאַרזיכערן דאָך די זעלביקע נאַטור־וויסנשאַפטלער, ווערט דאָך אַ גילגול אין עפּעס אַ נייעם אַטאָמישן שפּליטער. אַ פּשיטא — דער מענטש ! . . . מענטשלעך לעבן איז עפּעס מער ווי סתם סטאַטיסטישע טאַבעלן פון די קלוגע ביאָלאָגן . . .

אפילו ווען דער קהלת זאָגט : אַז מענטש און בהמה האָבן איין טראָף. דער מענטש — ווי יעדער לעבנדיקער אָרגאַניזם ווערט פיזיש צעשטערט און ס׳בלייבט ניט קיין שום גערדעבעניש. איז אָבער פאַראַן די טרייסט : אַז דער גייסטיקער פאַרבלייב וואָס דער מענטש האָט געשאַפן איז צייטלאָז, לאָזט זיך ניט צעשטערן פון דעם בייזן געוויטער פון די צייטן.

## קאַראַלניקס יידישקייט־פילאָסאָפיע

דער שטענדיקער נייַן־זאָגער ; דער וואָס ספקט אין אויסשעפּלעכע ענט־פערס אויף פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען, קאָן זיך נישט אַריינפּאַסן אין אַ באַ־שטימטן פּאַרטיי־ווינקל. יידישקייט אין איר אוניווערסאַלן, ברייטערן אַרומ־נעם — קאָן נישט איינגעראַמט ווערן אין אַ ספּעציפישער ראַם. אַזאַ אַריינ־שפּאַרן אין אַן ענגן, שמאָלן שטייג מיינט פּשוט : דאָס אַטראָפירן פון די נאָר־מאַל־פונקציאָנירנדיקע דענק־חושים. אַזאַ איינגעשרומפּענע יידישקייט־פילאָ־סאָפיע איז בלוטלאָז, אימפּאָטענט און פאַרקערפּערט נישט אַלע פאַרבן־ניואַנ־סן פון אונדזער וועלט־פאָלק.

אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין דעם צייט־אָפּשניט פון די גרעסטע מענטש־דערפינדונגען און דערגרייכן, קלינגט פאַר אונדז פּרעהיסטאָריש, אַר־כייאיש, אָפּגעטראָגן דאָס קלאַמערן זיך אין אַ שיטה, אַ ירושה וואָס איז עקסטרעם־מאָניסטיש, טאָטאַליטאַר אין איר אויפנעם און אַרומנעם פון מענטש־וועלט באַציאונגען. אין זיין עסיי ״איבער דעם תהום״ (אין זיינע געזאַמלטע שריפטן, באַנד 2, ז׳ 229) דריקט ער אויס אָט דעם געדאַנק אויף אַזאַ אופן : ״יידנטום דאַרף נישט זיין קיין מוזיי־ירושה, אַ מין טוטאַן־כאַמען מומיע, אָדער אין בעסטן פאַל, אַן אַלט־גריכישע וואַזע.

אונדזערס איז גאָר אַן אַנדער ירושה, — אַ שלאָס פון דורות. אַ ירושה וואָס גייט איבער פון דור צו דור. אַ מאָנומענט פון פאַרגאַנגענע צייטן, אָבער אויך אַ הויז פאַר לעבעדיקע מענטשן. יידישקייט טאָר אויך נישט זיין פאַר־גליווערונגען, ווי אַ סך שטרעמונגען אויף אונדזער גאַס״.

ווי איר זעט, גלויבט ער אין ירושה פון דורות. ער וויל צונויפברענגען די נעכטיקע דורות מיט דער היינטיקער ווירקלעכקייט. ער זוכט נישט איבער־רייסן די קייט, נאָר שמידן אַ נייעם רינג. דער שטראָם טאָר זיך נישט פאַר־האַלטן — אַנדערש וועט ער אויסטריקענען. דער שטאָם מוז זיך ווייטער אַנט־וויקלען און ברענגען נייע פּירות.

קאראַלניק דער דענקער פון אַ וועלט־פּאָלק, פון ברייטערע האָריזאָנטן, איז נישט עלול אויפצונעמען און באַטראַכטן אַ ייִדישקייט־אידעאָלאָגיע פון איין באַשטימטן זע־ווינקל, ווי ס׳האָבן עס געטאָן דענקער פאַר אים — און עס וועלן עס נאָך טאָן אַ סך דענקער נאָך אים.

אין ברייטערן שטח פון דויערנדיקע ענטפערס אויף יסודותדיקע פּראָבלעמען, איז דוכט מיר, קאַראַלניק גערעכט. ס׳זיינען דאָך נישטאָ פאַראַן, איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל, אַבסאָלוטע תשובות אויף יענע ״אייביקע״ פּראָבלעמען, וואָס כאַטערן און פּייניקן דעם דענקנדיקן מענטש. היינטיק אַבסאָלוטע אמתן קאָנען אויף צומאָרגנס רעדוצירט ווערן צו אַבסורדן. ס׳זיינען כידוע נישטאָ פאַראַן קיין איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל צוגעשניטענע מלבושים פאַר אַלע גייסטיקע סעזאָנען. אין קעניגרייך פון אידייען איז נישטאָ בנימצא, אַז איין אידייע זאָל פאַרענטפערן אַלע קשיות. דאָרטן וואו עס באַלעבאַטעוועט די דיקטאַטור, טאָרט איר נישט ספקן און צווייפלען אין דעם אַבסאָלוטן אמת פון דער צייט־באַשטימטער אידעאָלאָגיע. דאָרטן הערשט די שיטה פון סדום. שטעלן קשיות אָדער אָפּפרעגן געוויסע תשובות, וואָס פאַרענטפערן נישט, ווערט באַטראַכט פאַר אַן אַפּיקורסות. אין געוויסע מדינות, וואו דער דענקנדיקער יחיד גייט נישט אין שפּאַן פון שטאַטס־קאָנפאָרמיזם, שטעלט ער זיין פיזישן קיום אין סכנה.

קאַראַלניק, וואָס איז געווען אַזוי היימיש אין אַזוי פיל קולטורן און פילאָסאָפיעס, האָט געוואוסט, אַז ס׳רוב ענטפערס פון אונדזערע קאָנפראָנטירנדיקע אידעאָלאָגיעס זיינען רעלאַטיווע, אין בעסטן פאַל. ער, מיט זיין סקעפּטיש־איראָנישן שמייכל, מיט דעם טיפן אריינבליק אין דער מענטשלעכער נשמה האָט באַגריפן, אַז ס׳איז נישט בנימצא די פילאָסאָפיע און דער דענקער, וואָס זאָל זיין בכוח צו פאַרענטפערן אַלע קאָמפּליצירטע מענטש־ און וועלט־קשיות פאַר אַלע צייטן. אוודאי דאָרטן וואו דער קאָנפאָרמיזם האָט די ממשלה איז נישט פאַראַן קיין אָרט פאַר די צווייפלערס; פאַר די מענטשן וואָס טראַכטן: טאָמער פאַרקערט? . . . דאָרטן קאָן נאָר געדייען איין אייביקער ענטפער און — באַסטאַ! . . . ס׳איז אָדער־אָדער. ס׳קאָן נישט געמאָלט זיין, אַז איין קשיא זאָל האָבן צוויי אָדער מערערע ענטפערס. דאָס שמעקט מיט אַפּיקורסות פון ערגסטן מין.

און ס׳האָט נישט דווקא צו טאָן מיט דעם, ווי ס׳האָט מיר אַמאָל געשריבן יוסף אָפּאַטאָשו אין אַ בריוו, אַז קאַראַלניק האָט נישט געהאַט קיין טיפע איבערצייגונגען. אַט האָט ער אין איין צייט געקאָנט אַרויסקומען מיט גרויס לויב וועגן דער שיטה פון אחד־העם און אַ צווייטן מאָל זאָל ער דעם אידעאָלאָג פון גייסטיקן ציוניזם אָנווייזן, אַז זיין שיטה איז צעשויבערט, טעותדיק און אירע הויפּט־הנחות און קאָן קיין תקומה נישט האָבן אין ייִדישן לעבן. אויבן־אויפיק קאָן זיך טאַקע דוכטן, אַז קאַראַלניק איז זיך דאָ סותר און זיינע סתירה־

דיקע אויספירן זײַנען דער עיקר געמיינט זיך צו שפּילן מיט פּאַראַדאָקסן. אָבער, דאָס איז נאָר אַן אויבנאויפיקער איינדרוק.

ווען מיר באַטראַכטן אָבער קאַראַלניקס סתירהדיקע געדאַנקען און פּאַראַדאָקסן אינעם ליכט פון דעם פילאָסאָף פון קולטור־פּלוראַליזם, דזשאָן דואי, קריגט קאַראַלניקס מחשבה אַן אַנדער תיקון.

קאַראַלניק האָט באַטראַכט יעדן פּראָבלעם פון פיל פּאַצעטן, פון מער ווי איין דימענסיע. איין ענטפער איז נישט תמיד דער אַבסאָלוט־דעצידירנדיקער. ווען מ׳טראַכט אין ברייטע פילאָסאָפישע קאַטעגאָריעס; ווען מ׳פּרוּווט אַ געדאַנק תופס זײַן אין זײַן גאַנצקייט, מוז ער לכתחילה נעגירט ווערן און נאָכדעם סינטעטיש אויפגעבויט ווערן. אין זײַן עסיי "דער מהרש"א" (2טער באַנד, "יידן און יידנטום") שרײַבט קאַראַלניק וועגן אָט דעם ענין בזה הלשון: "אמת דענקען הייבט זיך ערשט אָן ביי דער סתירה, ביי דעם ווידערשפּרוך און דעם ניין. דאָס וואָס איז ניט, ד.ה., וואָס מ׳קאָן נישט זען און נישט הערן, דאָס וואָס קיין שום חוש קאָן נישט אויפנעמען דירעקט, דאָס איז דער מאַטעריאַל פאַר דעם געדאַנק. אין אונדזער דענקען איז אַ לאַבאָראַטאָריע, וואו יעדע "ווירקלעכקייט" ווערט לכתבילה צעריסן, צעשטערט, פאַרניינט, כדי דערנאָך אויפגעבויט צו ווערן אויפסניי, אין אַן אייגענער פאָרם".

ווי איר זעט, וויגט זיך דער אמתער דענקער צווישן דעם י א און דעם נ י י ן. ס׳איז אַ מין וועגן אויף וואָגשאָלן. דער פּענדילשטיק וויגט זיך — אָט רעכטס און אָט — לינקס. ס׳איז נישט פאַראַן קיין איין באַשטימטער, אַבסאָלוט־אויסגעפורעמטער מעטאָד אינעם לאַנד פון אידייען. אפשר, אין די עמפּיריש־פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן — אפילו דאָ, איז מען נישט צו זיכער. ס׳איז פאַרן דענקער שווער צו דעצידירן. און שווערער נאָך צו קומען צו אַן אַבסאָלוטן באַשלוס איז פאַר דעם יידישן דענקער, מחמת די גאַנצע יידישע ווירקלעכקייט איז דאָך דער סאַמע היפּוך פון לאָגישער דעדוקציע.

די יידישע ווירקלעכקייט איז דאָך תמיד געווען אַזוי אומרעאַל. "... דער היינט איז ספק, דער מאָרגן — אַ רעטעניש; אָרום און אָרום ווענט און בערג, און דער יידישער גייסט האָט געמוזט, כדי צו לעבן, צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, אויסרייסן די בערג — דער פּילפּול איז געוואָרן אַ סאָציאַלע פונקציע און ניט קיין אינטעלעקטועלע נויטווענדיקייט", זאָגט קאַראַלניק אין ווייטערדיקע סענטענצן אין זײַן מהרש"א עסיי.

איז ער דאָך גערעכט. אפילו איצט, נאָכן גרויסן חורבן, ווען זעקס מיליאָן פון יידישן פאָלק זײַנען פאַרשניטן געוואָרן און די פאַרבליבענע יורדים האָבן דערלעבט דעם גרויסן משיחיסטישן נס פון גאולה, פון אַן אייגענעם מלוכה־לעבן, איז עס דאָך אויך נישט געשען לויט די כללים פון נאָרמאַלע פּראָצעסן און אין הסכם מיט גריכישער לאָגיק . . .

איז דאָך טאַקע דער גוי, דער באַרימטער היסטאָריאָסאָף אַרנאַלד טוינבי, שטאַרק אין כעס אויף אונדז, מחמת דער גאַנצער גאַנג פון באַנייטער יידישער מלוכהשאַפט שטימט, כידוע ניט, לויט זיין פּירוש פון היסטאָרישע פּראָצעסן. לויט זיין סיסטעם און פּאַרטייטש פון פעלקער־עקזיסטענץ, איז עס פּאַר אים שווער צו באַנעמען, אַז נאָך אַלע דראַמאַטיש־טראַגישע געשעענישן און גיל־גולים אין יידישן לעבן, זאָלן מיר נאָך קאָנען באַווייזן צו געדייען ווי אַ באַזונ־דערע עטנישע ענטיטעט, אין דער מישפּחה פון פעלקער. משמעות, ס׳איז עפּעס אַ יידישער שפּיצל, אַ פּאַראַדאָקס! . . . און דאָך — דאָך זעט איר דאָך! . . .

משמעות, אַז דער גוי טוינבי, וואָס זיינע פּירושים איבערן גאַנג פון די געשיכטלעכע פּראָצעסן איז אין גייסט פון גריכישן אופן פון טראַכטן, דערי־בער איז אים דער זיגזאַגישער גאַנג פון דער יידישער געשיכטע פרעמד, נישט באַגרייפלעך. דער גאַנג פון דער יידישער געשיכטע גייט נישט אויפן דרך־המלך פון אויסגעטראָטענע פעלקער־פּראָצעסן. אונדזער מאַרשרוט אויף די שליאַכן פון וועלט־געשיכטע איז לחלוטין אַן אַנדערער. דערפאַר אפשר די גיפטיקע שינאה צו אונדז.

קאַראַלניק האָט באַגריפן אָט די אַנדערשקייט פון דער יידישער געשיכ־טע, כאָטש ער איז דאָך געווען אַזוי היימיש אין די קולטורן פון פרעמדע פעל־קער. אין עצם איז ער געווען אַ קינד פון אונדזער פאָלק; טיף געוואָרצלט אי־נעם שטאַם פון אונדזערע אָבות, כאָטש ער איז נישט געבליבן פאַראַנקערט אינעם מאַניסטישן באַנעם און אויפנעם פון אונדזער געשיכטלעכן גאַנג צווישן די פעלקער.

ער זאָגט עס אַזוי עלאָקווענט אין זיין עסיי "דער אַלטער קאַמף" (שריפ־טן ב׳ 2 ז׳ 235) מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק האָט ער זיך אָנגעהויבן, רוים האָט געזאָגט: מאַכט, ירושלים האָט געענטפערט: גערעכטיקייט. רוים האָט געפּריידיקט: מאַכט, ירושלים האָט אַנטקעגנגעשטעלט אַ העכערן, אַ וווייטערן אידעאַל: מלכות שמים. צעזאַר, סאָלדאַט, אימפּעראַטאָר, ד.ה., באַפעלער, גענעראַל — פון איין זייט; דער כוהן, דער מענטש פון וואָרט, פון געדאַנק, פון מאַכט־פאַרלייקענונג — אויף דער צווייטער זייט". פון אָט די ציטירטע שורות קאָן מען אַרויסהערן דעם סאַמע עסענץ פון קאַראַלניקס יידישקייט־אידעאָלאָגיע. ס׳איז אַ מין פילאָסאָפיע מער גענייגט צום אַנאַרכיזם. ס׳איז אַ שיטה וואָס איז קעגן יעדער פאָרם פון שטאַטיזם, אָדער וועלכער ס׳איז קאָנ־פאָרמיסטישע טענדענצן. ער וויל נישט לאָזן זיין מחשבה פּענטען אין די כישופדיקע נעצן פון וועלכער ס׳איז אָפיציעלער פּאַרטיי־דאָגמע.

זיכער האָט ער זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. דאָ געפעלט אים אַזאַ שטאַנדפּונקט, מאָרגן קאָן ער פלירטעווען מיט אַן אַנדער געדאַנק. דוכט זיך ווידערשפּרעכלעך? אַוודאי! איז דאָך דער מענטש אַזוי . . . ס׳זיינען

פאַראַן פאַרשײדענע װעגן װאָס פירן צום ציל, צו שלימות. אויב מ׳װײס ביכלל װאָס ס׳איז אַזױנס פולע שלימות . . . דער מענטש װאַרימט אױס זײַן גאַנצן לעבן אַ פילאָסאָפיע, אַז אידעאַל און װען ענדלעך, נאָך יאָרן פון אידעאַליסטישן מקריב זײַן זיך, געפינט ער אױס, אַז ער האָט געגרײַזט, געלעבט מיט אַן איר־לוזיע. ס׳איז בלױז געװען אַ שײנער חלום, װאָס איז צערונען װי אַ װײסער, נעפּלדיקער רױך אין חלל . . . ס׳זײַנען נישט פאַראַן קײן אידײען װאָס קאָנען לײזן אַלע מענטש־קריזיסן; װאָס זײַנען גוט פאַר אַלע װעטערן און קלימאַטן. אַמאָל איז אונדז סימפּאַטיש אַזאַ אידײע, און אַמאָל — אַ צװײטע. ס׳איז געװענדט אין דער שטימונג און אין דער פּאָליטיש־גײַסטיקער קאָניוקטור. ס׳איז נישט אױסגעהאַלטן, ס׳איז נישט איבערצײַגנדיק! — שרײַען די פּאַר־טײ־דאָגמאַטיקער. לױט סוביעקטיװע פּאַרטײ־כללים און געזעצן — אוודאי נישט.

קאַראַלניק האָט אָבער איז אָט דעם אופן פון רעאַגירן איבער געשעענישן און פּראָבלעמען געזען פולשטענדיקע אױסגעהאַלטנקײט און אַ פעסטע, סאָלי־דע איבערצײַגנדיקײט װאָס איז מער אינעם גאַנג פון דער מענטשלעכער טבע. ״װאָס פאַרא זין איז פאַלן אַ קרבן אױפן מיזבח פון אַ אידײע, װען מאָרגן זאָל זי ליגן אַ באַנקראָטירטע, אַ פאַרבלוטיקטע אױפן מיסטקאַסטן פון געשיכ־טע? . . . יעדער אמת איז אײַנגעװיקלט אין ספיקות!״

אָבער אָפּגעזען װאָס ער איז געװען צופיל אינדיװידואַליסט, סקעפּטי־קער, מער פאַרנײַנער װי באַיאָער, האָט ער דאָך זיך אידײאיש פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער באַװעגונג. ער איז אַפילו אין פאַרשײדענע צײַטן געװען אַקטיװ־טעטיק און פאַרנומען װיכטיקע פּאָסטנס.

עס פאַרשטײט זיך, אַז די ײדישע פּראָבלעמאַטיק האָט אים באַשעפטיקט נישט פּאָליטיש, אַפילו נישט נאַציאָנאַל, נאָר דער עיקר — קולטור־רעליגיעז, געשיכטס־פילאָסאָפיש. אױב פעלקער לעבן דערװײַל אונטער אײגענע הימ־לען, זעט ער נישט קײן געװאַלדיקן חטא אַז אױך מיר ײדן זאָלן טעריאַטריאַל לעבן אונטער אַן אײגענעם הימל. ביפרט, װען מ׳שטױסט אונדז אַרױס אומ־עטום, מ׳קוקט קרום אױף אונדזער נאַציאָנאַל־גײַסטיקער אַנדערשקײט. אונ־טער אַזױנע אומשטענדן װערט שװין אַן אײגן מלוכה־לעבן ממש אַ קאַטעגאָ־רישער אימפּעראַטיװ. לעבן סוּאַװערן־זעלבסטשטענדיק װעט אפשר געבן מער מעגלעכקײט, אַז אונדזער אַלטער ײדישער געני זאָל דער װעלט װידער ברענ־גען נײַע רעװאָלאַציעס און חידושים . . .

ס׳װעט אױך שאַפן אַ מעגלעכקײט, אַז אונדזערע יונגע דורות זאָלן נישט דאַרפן לױפן צו פרעמדע װײַנגערטנער. מ׳װעט צוריקקומען צו די אַלטע ײדי־שע קװאַלן װאָס פאַרמאָגן נאָך גענוג שפרודלדיקײט און װיטאַליטעט. די אַלטע ײדישע היסטאָריע װעט זיך באַנײַען, אָפּפרישן.

## בריוו-אויסטויש מיט יוסף אַפּאַטאָשו

1953 ,5 מאַי

מיין ליבער נחום סומער,

כ'האָב דערהאַלטן אייער בוך: "מענטש און וואָרט". וואָס זאָל איך לייקענען? — כ'האָב אייך כמעט ווי נישט געגלייבט. איבערגעלייענט אייערע "מענטשן"-עסייען און כ'דאַנק אייך פאַרן בוך.

די מייסטע פון אייערע "מענטשן"-עסייען זיינען ערלעך געשריבן. און דאָס איז אַ סך. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז די איבעריקע "מענטשן"-עסייען זיינען נישט ערלעך געשריבן. אַ. גייז, לאָמיר נעמען אייער אַרבעט וועגן קאַראַלניקן. אוודאי איז אַ חטא, וואָס "מאַריאַנעטן געשטאַלטן" ווערן אַרויסגעהויבן בשעת "ענציקלאָפּעדישע" מענטשן פון קאַראַלניקס קאַליבער ווערן פאַרשוויגן".

**און אפשר זיינען פאַראַן טיפערע סיבות פאַרוואָס קאַראַלניק איז געבליבן** פרעמד דעם יידישן לייענער, כאָטש ער האָט אַזעלכע חסידים ווי איר? און איר זענט נישט דער איינציקער.

געדענקען דאַרף מען, אַז קאַראַלניק איז געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַ דורכגעפאַלענער דייטשישער דראַמאַטורג, ווי אַ דורכגעפאַלענער רוסישער עסייאיסט. זיין קוק אויף דער יידישער ליטעראַטור איז שטענדיק געווען פון אויבן אַראָפּ, ווי ער וואָלט אַ טובה געטאָן דער יידישער ליטעראַטור.

וויסן זאָלט איר, אַז מען דאַרף פריער שטעקן מיט לייב און לעבן אינעם אייגענעם פאָלק, טראָגן אין זיך דאָס געוויסן פון פאָלק און דערנאָך ערשט קומען מיט **איבערצייגונגען.**

קאַראַלניק האָט געהאַט סטיל, געהאַט וויסן און שאַרפקייט. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין איבערצייגונגען. ער האָט מיט דער זעלבער לייכטקייט געקענט אַראָפּרייסן אחד־העמען און צומאַרגנס אים לויבן. אויב אַ קריטיקער קען נתפּעל ווערן פון מ. ל. האַלפּערן און פון מ. ראַסקינען, איז עפּעס נישט גלאַטיק מיט דעם קריטיקער.

אַ פּאָר וואָכן פאַר זיין טויט, בין איך געווען ביי אים. ער האָט געוואוסט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע און ער האָט מיר כמעט איינגערוימט אין אויער אַריין: — אַפּאַטאָשו, איך בין אַ דורכפאַל. כ'האָב געוואָלט זיין אַ פּאָעט — נישט געוואָרן. כ'האָב געוואָלט זיין אַ דראַמאַטורג — נישט געוואָרן. כ'בין אַ דורכפאַל, אַפּאַטאָשו".

דאָ דאַרף מען זוכן קאַראַלניקן.

בלייבט מיר געזונט און שרייבט

אייער מיט פריינטשאַפט

י. אַפּאַטאָשו

חשובער פריינט י. אַפּאַטאָשו,

דערהאַלטן אײַער בריוו. אַ האַרציקן דאַנק פאַר די וואַרעמע ווערטער. אוודאי, איז פאַראַן אַ סך אמתדיקייט אין דעם וואָס איר זאָגט וועגן קאַראַל־ניקן, אָבער, נאָר טיילווייז.

געוויס, האָט ער געהאַט געגוג גרונט זיך צו פילן אַנטוישט, ווען ער איז געווען, ווי איר זאָגט: "אַ דורכפאַל אַלס דייטשישער דראַמאַטיקער און רו־סישער עסייאיסט". פאַרגעסט אָבער נישט, אַז בעת ער האָט געשריבן אין פרעמדע שפּראַך־פאָרמען, איז ער נאָך געווען אַ ביז גאָר יונגער מענטש. דעם גרעסטן טייל, פון זיין שאַפערישן לעבן, דוכט זיך אונדז — האָט ער געווי־מעט אונדזער יידיש־ליטעראַטור.

גאָר אַ סך פון אונדזערע זיילן אין דער יידיש־ליטעראַטור האָבן אָנגע־הויבן אין דער פרעמד — און אפשר, געווען ביטער אַנטוישט, ווען זיי האָבן זיך נישט געקאָנט איינבירגערן אין די פרעמדע ליטעראַטורן . . . מענדעלעס קומען צו דער יידיש־ליטעראַטור איז אויך עפּעס ניט געווען פון איינעם וואָס קומט מיט געוואַלדיקער ליבע . . . ס'איז געווען אַ קומען פון אַ משכּיל, פון אַן אויפקלערער. ערשט אַ סך שפּעטער אַנטוויקלט זיך פון דער פריינטשאַפט — אַ וואַרעמע ליבע . . . אויך דער גרויסער פּרץ, האָט עפּעס אין די פריע אָנהייבן באַדויערט וואָס ער מוז זיך ווידמען די "זשאַרגאָנישע ליטעראַטור" . . . שלום אַש, וואָס הייבט אַן אין אונדזער מאַמע־לשון; וואָס איז בּיכלל אַ פּראָדוקט פון די סאַמע טיפענישן פון אונדזער פאָלק — ציט צו דער וועלט, צום ברייטן דרויסן. נאַדיר דערציילט, אַז אַש האָט אים אַמאָל געזאָגט: "פאַר אַבֿרהם רייזען איז געגוג "איסט בראָדוויי. יאָ, שלום אַש, דאַרף די גאַנצע וועלט . . ." כ'וועל ניט קאָווירן פאַר דער אמתדיקייט פון נאַדירס זאָג. אָבער ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַשן . . . בעל־מחשבֿות, דער ראַפינירטער איראָפּייער, שרייבט עפּעס אויך ניט ווי איינער, "וואָס שטעקט מיט ליב און לעבן אין דער יידיש־ליטעראַטור" . . . אַ סך, גאָר אַ סך האָבן געשריבן אין אונדזערע לשונות און געהאַט אין זינען צו ווערן באַוואוסט ביי די גויים . . . ס'איז נאָך היינט אויך פאַראַן אַ גאַנץ באַדייטנדיקער טייל וואָס זוכט דעם "בלויען פויגל" ביי פרעמדע טישן . . . ס'וואָלט נאָר געווען אַ מעגלעכקייט צו לויפן צו פרעמדע, אוי, וואָלט מען געלאָפן . . . דער מצב פון יידישן טעאַ־טער, אילוסטרירט אַמבעסטן אָט דעם אמת . . . כ'וואָלט געקאָנט אייך ברענ־גען אַ גאַנצע גאַלעריע פון מענטשן, וואָס זיינען שטאַרקע זיילן אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָבן אין די פריע אָנהייבן, עפּעס געקוקט אויף אונדז "פון אויבן אַראָפּ" . . . אָבער ס'איז ניט נייטיק.

קאַראַלניקן מוז מען נעמען אינגאַנצן. ער איז בטבֿע געווען אַ מענטש פון שטימונג, פון געפיל, פון איפּרעסיע, דעריבער, די סתירה. ער האָט געזען אַלץ, אין דער ברייטער ראַם פון — אייביקייט; נישט פון קוק־ווינקל פון

פאַרגייענדיקן הייַנט . . . דערפֿאַר — אַז אַנדער מאָס, אַן אַנדער וואָג. ער איז געוועזן גענייגט צום עקלעקטישן אויסטייטש פֿון מענטש און אידייע — דעריבער, האָט זיך געשאַפֿן דער איינדרוק, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין פֿעסטע איבערצייגונגען, פּרינציפּן . . . אונדז דוכט זיך: — אַז ס'האָט לחלוטין נישט צו טאָן מיט זיינע דורכפֿאַלן — כאָטש ווער קאָן מיט דעצידירטקייט זאָגן אַז ער איז עס אַזוי שטאַרק צופֿרידן מיט זיך און מיטן אַרום? . . . ס'איז גיכער געוועזן זיין גאַנג אין דער ליטעראַטור; דער גאַנג פֿון אַבסערווירן אַלץ און אַלעמען מיט רעלאַטיווע, סקעפּטישע אויגן . . . אין תוך — האָט ער שוין גאָר געהאַט באַשטימטע מיינונגען און פֿעסטע פּרינציפּן. ביי וועמען פֿון אונדזערע גרויסע שרייבער־קינסטלער קאָנט איר געפֿינען: "איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אָנגענומענע באַגריפֿן?" . . . דער מענטש, ווי אַ בעל־שכל איז אין זיין קיום אויסגעזעצט צום פּראָצעס פֿון טראַנספֿאָרמאַציע און ענדערונג. אַנדערש וואָלט ער דאָך געוואָרן פֿאַרגליווערט, קאָנסערוואַטיוו. דער פֿרומער מאמין: גלויבט אין איינמאָל־פֿאַר־אַלעמאָל באַשטימטע אמתן . . .

מיט גרוסן,

אייער, נחום סומער

# דזשאָן באַראָס — פּאָעט־נאַטוראַליסט

(1921—1827)

צו דער קלײנער, עקסקלוסיװער גרופּע פון גרױסע נאַטור־ליבהאָבער געהערט אױך דער עסײאיסט־דיכטער, דזשאָן באַראָס. ער איז ניט געװען דער דורכאױס קאַבינעט־מענטש; דער עקזאַקטער נאַטור־פאָרשער װאָס גריבלט זיך אין מאַיל־צעפּרעסענע ביכער. כאָטש זײנע נאַטור־אימפּרעסיעס, באַהױכט מיט פּאָעטיש־פילאָסאָפישן ליריזם, האָבן אים געװאָונען אַ רעפּוטאַציע אין די נאַטור־װיסנשאַפטן.

דזשאָן באַראָס איז געבױרן אין דעם שײנעם דאָרף־שטעטל, ראָקסבורי, דעלעװער־קאַונטי, ניו־יאָרק, דעם 3טן אַפּריל 1827. ער איז געװען אײנער פון צען קינדער. זײנע עלטערן און עלטערנס־עלטערן האָבן זיך אױפגעהאַלטן אין יענעם טײל פון די קעטסקיל־בערג אַ סך דורות.

אין זײנע פריע יאָרן האָט ער זיך פאַרנומען מיט אַ סך באַשעפטיקונגען און פּראָפעסיעס. ער איז געװען — לערער, גערטנער, זשורנאַליסט — אױך געװען אַנגעשטעלטער פאַר נײן יאָר צײט אין פינאַנץ־אָפּטײל אין װאַשינגטאָן. דאָרטן באַקענט ער זיך מיט דעם גרױסן אַמעריקאַנער פּאָעט, דעם באַזינגער פון דער אַמעריקאַנער ערד; דעם באַזינגער פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע — װאָלט װהיטמאַן, אַ באַקאַנטשאַפט, װאָס האָט זיך פאַרװאַנדלט אין אַ נאָענט־אינטימער פרײנטשאַפט פאַר אַ סך, אַ סך יאָרן. צװישן די ערשטע פון באַראָס שריפטשטעלערישע אַרבעטן, װאָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין בוך־פאָרעם, איז געװען אַ קריטיש־ליטעראַרישער אָפּשאַץ פון װהיטמאַנען.

אין 1871 איז דערשינען זײן ערשט בוך עסײען װעגן פײגל, בלומען און סצענישע אימפּרעסיעס איבער דער לאָקאַלער לאַנדשאַפט. דאָס דאָזיקע װערק האָט אים אַרױסגעהײבן װי אַ נאַטור־קענער און ראַפינירטן װאָרט־מאָלער פון אונדזער אַמעריקאַנער מולטי־פאַרביקער לאַנדשאַפט.

זײנע ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן האָבן אַרױסגערופן אַלגעמײנעם אױפמערק צװישן נאַטור־ליבהאָבער און אין קרײזן װאו מ'באַשעפטיקט זיך מיט װיסנשאַפטלעך פאָרשן און אַנאַליזירן די פענאָמענאַלע דערשײנונגען פון אונדזער אוניװערז. מ'האָט אין זײן אופן שרײבן געזען אַ שטאַרקן אײנפלוס פון דעם עלטערן אַמעריקאַנער עסײאיסט־נאַטוראַליסט, הענרי דײװיד טאָראָ, דער מחבר פון "װאָלדן", אַ װערק װאָס האָט אַרױסגערופן באַװאונדערונג פון נאַטור־װיסנשאַפטלער און ליטעראַטור־מבינים.

בראָס, אין זיינע זיכרונות, לייקנט טאַקע ניט, אַז אין זיין וואַקלדירקן, ליטעראַרישן אַנהייב, איז ער געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס ניט נאָר פון טאָראָן, נאָר אויך פון עמערסאָנען, דזשאָנסאָן, קאַרלייל — און נאָך מער, פון דעם גרויסן דיכטער־באַהעם, וואָלט וויטמאַן, פון וועמענס גייסטיקער השפעה ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען ביז זיינע לעצטע טעג אין לעבן . . .

ער איז דאָך געגאַנגען און געפונען זיין אייגענעם וועג, סיי אַלס דענקער־עסייאיסט און סיי אַלס פּאָעט מיט אַן אייגן פּנים, וואָס האָט איבערגעלאָזט קענטיקע סימנים אויפן ברייטן שליאַך פון דער אַמעריקאַנער און וועלט־ליטע־ראַטור. זיין צויבער־פּערזענלעכקייט, זיין אייגנאַרטיקע אינדיווידואַליטעט האָט זיך אַריינגעקאַרבט, אַריינגעגלידערט אין דער פּיל־באַביימערטער, גע־דיכט־פּאַרצווייגטער אַמעריקאַנער קולטור־וועלט . . .

בראָס איז געווען דער גרויסער באַוואונדערער פון גאָטס־באַשעפענישן וואָס פּרוכפּערן זיך אויף אונדזער ערד־קוגל. אָבער, גאָר באַזונדערס האָט ער הנאה געהאַט פון די חידושים און קוריאָזן אויף דעם קליינעם ערד־שטח וואָס ער האָט באַוואוינט. ער דערציילט טאַקע — אַז כאָטש ער האָט אַ סך אַרומ־געריזט אין זיין לעבן, געווען אין ענגלאַנד, האַוואייאַי, וועסט־אינדיעס, אַלאַס־קאַ ; געמאַכט עקסקורסיעס אין יאָסעמיט מיט דזשאָן מיור ; יעלאָוסטאָן מיט טעאָדאָר רוזוועלט ; דרום־שטאַטן מיט טאָמאַס עדיסאָן, הענרי פאָרד און האַרווי פייערסטאָן — אָבער, אַ פּנים — ״אַז די רייכקייט און די וואונדער פון דער וועלט וועט איר געפינען לעבן אייער אייגענעם הויף״ . . .

זיין שטיקל נחלה, וואָס ער האָט פאַר יאָרן אַזוי זאָרגפעליק באַאַרבעט און פּאַרזייט — איז געווען זיין אוניווערסיטעט ; האָט אים געדינט אַלס זיין אַרבעטס־לאַבאָראַטאָריע. דאָ, אין אָפענעם פעלד, אונטער אַ בלוי־געוועלבטן הימל, האָט ער זיך פאַרטיפט און מעדיטירט איבער די וואונדער און רעטענישן פון אונדזער גאַנצן קאָסמאָס. דאָ, אין דער שטילער געגנט, וואו ניט ווייט פליסט דער שיינער, גרינער, פּאַספּאַר האַדסאָן, און וואו מ׳קאָן הערן דאָס געזאַנג פון ווינט, וואָס טראָגט זיך פון באַרג־און־טאָל, שפּאַצירט בראָס מיט זיין סקולפּטור־גוף און לייבן־קאָפּ ; מיט די דינע זיידענע האָר, וואָס זיינען אים געפאַלן איבער די אַקסלען. ער שפּאַצירט איבער די שטיל־שטילע, אָפּ־געלייגטע וועגן און סטעזשקעס צווישן וועלכע ס׳פּאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אַן איינזאַמער וואַלדשנעפּ אָדער אַ יאַזש, וואָס האָט פאַרלוירן זיין נאָרע . . .

דאָ, אין דער פּרעכטיקער, באַרגיקער קעטסקיל־געגנט פילט ער זיך אַזוי אינטים־נאָענט מיט יעדן גרעזל אין פעלד און מיט יעדן קוסט אין וואַלד. יע־דעם ווערימל און זשוקל איז אים אייגן, ווי אַ גליד פון זיין גרויסער מישפּחה. ער האָט עפּעס אַ ליידנשאַפטלעכע באַציאונג צו אָט דער וועלט פון גרויסע רעטענישן אַזן וואונדער . . .

איר זעט אים ביים אַנהייב פון פרילינג, אין טיפן עלטער, מיט זיין לאַנג־

לאַנגער, שניי־ווייסער באָרד וואָס כוואַליעט זיך אין אַ מילדן ווינטל, געבויגן איבער דעם אַקער־אייזן. דאָס צעאַקטערט ער זיין גערטנדל, וואו ער פאַר־פלאַנצט אַלערליי גרינסן און פּירות פאַר אייגענעם געברויך. אַ באמת ביב־ליש־פּאָזיטיווע געשטאַלט. אַ סקולפּטור־ווערק געהאַקט פון מאַרמאָר פון אַ מיקל אַנדזשעלאָ . . . מ'האָט אים דאָ אויך געזען אין זומער־פאַרנאַכטן, ווען דער מעריב איז געווען צעצונדן אין פלאַמיקן רויט, מיט אַ שפּריצקענדל אין האַנט צו באַוואַסערן זיינע באַליבטע בייטן פון ראש־חודש־רעטעכלעך, בוראַ־קעס, מערן, בעבלעך, קרויט־בלעטער, טאָמאַטן און קוקורוזע.

אין די זומער־חדשים צעפּטרט ער אַ סך צייט איבער זיינע בלומען־בייטן וועלכע ער קולטיווירט מיט אַזוי פיל הנאה און נשמה־ליבע. ער צערטלט זיינע בלומען, ווי די געטרייע, איבערגעגעבענע מאַמע צערטלט און ניאַנטשעט איר קליינוואַרג. ער האָדעוועט די פּאַטעטיש־באַזונגענע רויזן פון כלערליי מינים און קאַלירן. ער קולטיווירט אויך אין זיין בלומען גאָרטן גלאַדיאָלעס, פּענזיס, זיניאַס, טולפּאַנען, נאַסטורציעס, ליליעס, נאַרציזן, דאַליעס און אַלערליי קריך־געוויקסן, וואָס שלענגלען זיך אויף ספּעציעל־געבויטע ווענטלעך און פּלויטן. זיין וואויז־פּלאַץ איז ממש איינגעטונקען אין אַ מאַגישן טעפּיך פון רעגנבויגן פאַרבן, און די לופט איז פאַרפומירט פון פאַרשיידענע ריחות וואָס רייצן די נאָז־פליגלען. דאָס דאָזיקע ווינקל פון באַצויבערנדיקע קאָלירן און געדעמפּטע לופט פון שאַרפע אַראָמאַטן, איז ממש אַ גן־עדן פאַר כלערליי פייגל און פלי־זשוקלעך — דאַצו, האָט נאָך באַראָס פונאַנדערגעהאַנגען שטייגלעך, וואו פייגל פון אַלערליי מינים האָבן דאָ זיך אויפגעבויט זייערע נעסטן און אויס־געבריט יונגוואַרג אונטער דער וואַרעמער און פריינטלעכער אויפזיכט פון דעם גרויסן נאַטור־באַוואונדערער . . . איר זעט דאָ אויך אומשוועבן די פאַר־שיידענע זומער־פלאַטערלעך, צווישן זיי דעם מאָנאַרד און דעם שוואַלבן־עק וואָס באַוועגן זיך מאַיעסטעטיש צווישן די בלומען־געוויקסן, מיט זייערע סי־מעטרישע פאַרבן־ליניעס וואָס בייטן זיך אין אַ ליכטיק־־צעשטראַלטער זומער־זון . . . אויך די בינען געפינען דאָ זייערע פּאַלן און נעקטאַר, וואָס זיי פאַר־וואַנדלען אין האָניק אין די בינשטאָקן וואָס באַראָס האָט אויפגעשטעלט אין די אַרומיקע סעדער . . .

אין שפּעטן זומער און אָנהייב האַרבסט איז באַראָס שטאַרק באַשעפטיקט ביים איינזאַמלען די פּירות און פּרוכט פון זיין מי. אין די וואונדערלעכע אָק־טאָבער־טעג, ווען דער גאַנצער אַרום איז איינגעטונקען אין פייער־רויט און שמעלצט זיך אין גינגאָלד, און ס'הייבן אָן בלאָזן צפון־ווינטן; און אָט באַלד וועט אַ פוכיק־ווייסער שניי צודעקן די פלאַכע פעלדער און די הויכע בערג, זעט איר באַראָסן מיטן קופּער־פאַרברענטן פּנים, ווי ער קלייבט צונויף געלע בלעטער און פאַרוויאַנעטע רויזן . . . איר זעט דאָן אויך אַרומשפּאַצירן אויף זייטיקע וועגן, אין זיין מאַיעסטעטישן גאַנג, דעם וואונדערלעכן רויט־

ברוינעם פאזאן מיט זיין לאנג־לאנגן עק, ווי דער שלעפ פון א חופה־קלייד... אין רויט־צעצונדענע ביז־השמשותן הערט איר אויך דאס צויבערנדיקע געזאנג פון דעם "הערמיט־טראש" אדער דער "אמעריקאנער נאכטיגאל", ווי אנדערע רופן אים. וועגן אט דעם וואונדער־פויגל, מיט דעם ציגל־ברוינעם קאליר, ווייסער ברוסט און שווארץ־ברוינע קלייען־שפרינקעלעך, האט באראס אונדז איבערגעלאזט פערל פון קינסטלערישער שילדערונג, וואס ווערט ציטירט פון כימעט אלע ארניטאלאגן און ליבהאבער פון דער פייגל־וועלט... יענע אקטאבער־טעג מאלט ער אזוי צארט־ליריש. אט שרייבט ער: — "... ווי שיין ווערן די בלעטער אלט!... אזוי פיל ליכט און קאליר אין די לעצטע טעג פון זייער פארגיין... דער אקטאבער איז אן אמתער עונג פארן אויג — ווי שיין זיינען דעמאלט אונדזערע סעדער און פעלדער!... דאס גאנצע גאלד וואס זיי האבן איינגעזאפט אין די פרילינג און זומער חדשים ראדיאירט זיך איצט פאר אייך אין פולן גלאנץ ביי דער שקיעה פון זומער..."

באראס שרייבט אין איינעם פון זיינע פערל־עסייען, וועגן פארשיידענע פאזן פון דארף לעבן — "דער עיקר שארם פונעם פארם־לעבן איז און וועט נאך מן־הסתם לאנג בלייבן: דאס פארזייען גרינסן און תבואות, דאס האדעווען בהמות און אלערליי הויז־געפליגל, דאס פלאנצן סעדער און אומגיין מיט בינשטאקן; פערטיליזירן און קולטיווירן די ערד; בויען הייזער און שטאלן — דער דירעקטער קאנטאקט מיט אונדזער מוטער־ערד און די נאטור־עלעמענטן; דאס באטראכטן דעם בייט פונעם וועטער און דעם לויף פון די וואלקנס איבער אונדז; די אינטימקייט מיט אלץ ארום — מיט פייגל, חיה און פלאנץ — און גאר באזונדערס דער צובונד מיטן הארץ און נשמה פון וועלט־באשאף... דער דארף־מענטש איז דאך אייגנטלעך דער גרויסער נאטוראליסט; דאס גרויסע בוך אין וועלכן ס'איז אלץ פארשריבן איז דאך אפן פאר אים טאג־און־נאכט — און ווי זים און הארציק ס'איז איינצוזאפן אין זיך פון אט די דערפארונגען... געבענטשט זיינען יענע וואס האבן זייערע יוגנטטעג פארבראכט נאענט צו דער ערד!..." זעט איר זיכער דא דעם איינפלוס פון רוסא צום מענטש פון דער נאטור. איר פילט דא אויך די השפעה פון טאראן וואס זינגט זיין גרויסן שיר־השירים צו די נאטור־עלעמענטן... באראס איז אבער ניט געווען דער עקסטרעמער פאנאטיקער וואס האלט זיך שטרענג ביי איין שיטה, ביי איין פילאסאפיע. ער האט אין זיין וועלט אויך איינגעשלאסן דעם הימל. ער איז גיכער געווען א פאנטעאיסט, כאטש כ'ווייס ניט צי ער איז געווען ספינאזאס א תלמיד... דער נאטוראליסט געפינט גענום אומעטום... יעדער איינזאמער ארט איז באפעלקערט מיט אינטערעסאנטע אביעקטן פאר זיין אבסערוואציע... "דער געבוירענער נאטוראליסט" — האט געזאגט באראס — "איז איינער פון די מזלדיקסטע מענטשן אויף

אונדזער פּלאַנעט. דאָס גרויסע בוך פון בריאת־העולם איז דאָך אָפן פאַר אים, ער דאַרף נאָר בלויז איבערמישן די בלעטער . . .״

ב

אין די ווינטערדיקע, קאַלטע נעכט, זיצט באָראַס ביים קאַמין, פאַרציט זיין ליולקע און לייענט די גרויסע מייסטערווערק וועגן די מיסטעריעס פון אונדזער קאָסמישער עקזיסטענץ . . . און אויף די ראַנדן פון די זייטן פאַר־צייכנט ער זיינע באַמערקונגען, מיינונגען, שטימונגען און אימפּרעסיעס פון מענטש און בוך; פון נאַטור און וועלט . . . פון צייט צו צייט אינספּירירט פון אַ טיפן געדאַנק וואָס ער האָט נאָר וואָס געלייענט אין אַ בוך, שטעלט ער זיך אויף פון זיין געפּלאַכטענער שאָקל־שטול און גייט צו זיין שרייב־טיש און שנעל, שנעל וואַרפט ער אַן אין דריבנער, פּערלדיקער שריפט, גרעסערע נאָ־טיצן וואָס צעוואַקסן זיך שפּעטער אין פּרעכטיק־וואונדערלעכע עסייען וועגן מענטש און נאַטור . . .

אין די דאָזיקע שטילע נעכט באַהערשט אים די מוזע און אַז אינעווייניק־סטער דראַנג צו שאַפן און שרייבן . . . אין אָט די דאָזיקע שעהן ווען דער רוח־הקודש טריפט אַריין טראָפּנס זון־ליכט אין זיין געמיט, ווערן געבוירן נשמהדיקע, תפילהדיקע, צאַרטע לירישע לידער . . . די איינדרוקן און אימ־פּרעסיעס וואָס ער האָט אין זיך איינגעזויגן, ווי אַ שוואָם אין די פרילינג און זומער חדשים, ברענגט ער איצט צום אויסדרוק אויף פּאַפּיר געלייטערטע און געלויטערטע. אין די זומער־חדשים איז ער ניט צו־פּראָדוקטיוו ליטעראַ־ריש . . . אין אָט די חדשים האָט ער זיך געגרייט און געזאַמלט מאַטעריאַל וואָס ער האָט שפּעטער דורכגעזייעט זיין מוח ווי דורך אַ זיפּ, כדי ס'זאָלן ניט בלייבן קיין פּלעווען . . . פון צייט צו צייט האָט אים באַזוכט וואָלט וויטמאַן. האָבן די דאָזיקע גרויסע גייסטער ליב געהאַט צו שפּאַצירן אין שטילע, זומער־דיקע לבנה־נעכט; ווען די שטערן פינקלען צו אונדז אַרונטער אַזוי שעלמיש און שטיפעריש און אָט זעט איר ווי ״ס'פאַלט אַ שטערן״ אין וויטן חלל . . . אין אָט אַזעלכע נעכט זיינען די דאָזיקע צוויי גרויסע פּאָעטן געגאַנגען מיט שטעקלעך און פעסטן טראָט און גלי־פליגעלעך האָבן פאַרבייגעשוועבט זייערע אויגן און דאָס כאַבאַטשען פון די אָקסן־זשאַבעס האָט זיך דערטראָגן צו זייערע אויערן פון ערגעץ אַ נאָענטער סאַזשעלקע. האָבן אַזעלכע נעכט גע־ווירקט ווי שטאַרקער שאַמפּאַניער וואָס האָט פאַרשיכורט און אָפּגעקגעפירט אין אַנדערע, פאַנטאַסטישע וועלטן, וואָס האָבן ניט געהאַט מיין ממשותדיקע שייכות מיט אונדזער ״רעאַליסטישער״ ערדישער עקזיסטענץ . . . לאַנגע מינוטן האָבן זיי אַזוי שפּאַצירט אין שווייגנדיקער שטילשווייגעניש צווישן די געדרייט־געשלענגלטע שטעגן. זייערע מוחות זיינען געווען פאַרטאָן אין טיפער מעדיטאַציע איבער די ניט־פאַרשטענדלעך סודותדיקע וועגן און אומ־

וועגן פון אונדזער אוניווערס; וועגן דעם זין־און־אומזין פון לעבן און טויט... דער אויסגעשריי פון עפּעס אַ נאַקטורנישן פויגל וואָס צערייסט איצט ווילד זיין רויב — האָט זיי אויסגעניכטערט פון די ניט־דאַאיקע מחשבותן; פון דעם שיכורדיקן טראַנס . . .

זיי האָבן גערעדט היציק און ליידנשאַפטלעך וועגן ליטעראַטור, וועגן רעליגיע, וועגן פּאָליטיק; זיך דערציילט פאָלק־אַנעקדאָטן און טשיקאַווע, אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון זייערע לעבנס־דערפאַרונגען. הילכיק, האַרציק געלעכטער האָט צעוויגט די לופט אין דער שטילער, אויסגעשטערנטער נאַכט...

אין זיינע נאַטור־שילדערונגען האָט באַראַש אויך רעפלעקטירט איבער דער מאָראַל פון פאָלק און יחיד. ער שרייבט אין זיין עסיי וועגן "נוצלעכע ענדע־רונגען" אין דעם נאָרמאַלן גאַנג פון דער נאַטור, זיינען די ענדערונגען וואָס קומען פאָר בלחש, די מער נוצלעכע. די ראַשיקע ענדערונגען, וואָס ס'רוב קו־מען זיי מיט שטורעמדיקן אויפברויז און פאַרפלייץ, זיינען אין זייער תוך: צעשטעריש, דעסטרוקטיוו. דער ברום פון אוראַגאַן־ווינטן, דער וואולקאַ־נישער פאַרפלייץ פון לאַווע, עדר אויפקראַך פון דונער, זיינען די סיבות פון פלוצימדיקן אויפברויז און אויפריים פון די נאַטור־עלעמענטן; פון אַן אַנאַ־לאָגישער סיטואַציע פון פּאַסיוקייט און שטילקייט, ווערן זיי בליץ־שנעל און מוראדיק איינשלינגעריש . . . דער קול דממה דקה איז די שטים פון לעבן און וואוקס, און פון — דער אייביקייט . . . אין לעבן פון אַ פאָלק איז עס דאָס זעלביקע. . ." האָט איר דאָ קלאָר און לויטער זיין סאָציאַל־פילאָסאָפיע. ס'נויי־טיקט זיך ניט קיין רש"י קאָמענטאַרן. הלוואי וואָלטן זיך אונדזערע קהלשע אַפּוטרופּסים צוגעהערט צו די פּשוטע רייד פון אָט דעם אַלטן חכם, וואָלטן אַ סך פון די אומזיניקע הריגות פון מענטש קעגן מענטש אויסגעמיטן גע־ווארן . . . ער, דער גרויסער נאַטוראַליסט, וואָס האָט זיך אַפּטמאָל געפונען אַרומגערינגלט צווישן ווילדע חיות, האָט דאַך זיין געלאָדענע ביקס ניט אויס־געשאָסן — און די ווילדע חיה האָט אין אים דערפילט אַ נאָענטן פריינט וואָס האָט זיך דערנעענטערט און אַרויסגעגעסן פון זיין האַנט — און די חיה איז צוריק אין איר נאַרע אַ זאַטע און צופרידענע, און באַראַש איז אַוועק אַז אויפגעהייטערטער, אַ צופרידענער וואָס זיין ביקס האָט ניט אויסגעשאָסן און ס'איז אַפּגעהיט געוואָרן דער זעקסטער געבאָט פון די עשרת הדיברות . . .

"די פעלדער, וועלדער און די וואַסערן זיינען פאַר אונדז אַן אָפן בוך; אַ ניט־אויסשעפּלעכער קוואַל פון אינספּיראַציע. ניט נאָר דאַרפן מיר לערנען די שריפט פון אָט דעם בוך — נאָר אויך איבערזעצן די שפּראַך, די סימנים און די היראָגליפן . . ." באמת גאָלדענע ווערטער. שוין דער גרויסער חכם שלמה האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מענטש דאַרף לערנען ביי דער מוראַשקע. דער באַוואוסטער שריפטשטעלער מעטערלינק, דער מחבר פונעם גרויסן סימבאָ־לישן ווערק "דער בלויער פויגל", האָט אַ סך יאָרן פאַרבראַכט אין שטודירן

די מלוכה פון די בינען. האָט ער אָנגעשריבן אַ ביז גאָר וויכטיק און אינטערעסאַנט ווערק, פול מיט רעוואָלאַציעס און קוריאָזן וועגן דער בינען־געזעלשאַפט, וואו ער ווייזט אָן, אַז מיר מענטשן האָבן פיל אייגנשאַפטן פון אונדזערע מלוכה־אָרגאַנען און זייערע פונקציעס איבערגענומען ביי אַט דער בינען־געזעלשאַפט וואָס איז פיל, פיל עלטער פון אונדזער מלוכה־לעבן . . .

באַראָס האָט געהאַט אַ גאָר יום־טובדיקן תענוג צו שפּאַצירן צווישן די פעלדער און סעדער אין דעם אָנהייב פרילינג, ווען די נאַטור האָט איר תחית־המתים, איר רעסורעקציע. ווען די נאָר־וואָס פראָסט־פאַרגליווערטע ערד נעמט אַרויסשיקן אירע ערשטע גראָזן און שפּראָצן; ווען די בין און דאָס זומער־פייגעלע נעמען אַרומפלאַטערן צווישן די ערשטע בלימלעך צו געפינען נעקטאַר; ווען דער זאַפט רינט אין די אָדערן פון מייפל־בוים; ווען דער בלויער פויגל און דער קופּער־ברוסטיקער ראָבין הייבן אָן אין קאָיאָר זינגען דאָס געזאַנג פון ליבע; ווען דער טשיפּמאַנק, דער וואַלדשנעפּ, דער בער און די אַנדערע חיהלעך און אינסעקטן הייבן אָן אַרויסקריכן פון זייערע ווינטער־נאָרעם; ווען די טייכן הייבן אָן טאַנצן און גאַלאָפּירן — ווען די גאַנצע נאַטור איז שוואַנגער מיט ניי לעבן, מיט אַ נייעם אויפבלי . . .

געוויס איז דער דאָזיקער זמן פון יאָר אפשר דער אינטערעסאַנטסטער און טשיקאַווסטער פאַר דעם נאַטור־ליבהאָבער. אָבער פאַר דעם נאַטוראַליסט זיינען אַלע צייטן פון יאָר פול מיט חידושים און רעוואָלאַציעס.

אויך דער האַרבסט — מיט זיין אָנוואורף פון קאָליר און פאַרב אויף באַרג און טאָל, מיט זיין צעשמאָלצן גאָלד און בראָנדז; מיט איינזאַמל פון צייטיקער פּרי אין פעלד און סאָד; מיט צעפלי פון פייגל קיין דרום — דאָס און די אַנדערע אָנגעהויפטע אוצרות אין שפּייכלער פון נאַטור, האָט טויזנט חנען; איז אַן אָפּפריש פאַרן מידן וואַנדערער אויף גאָטס ברייטע שליאַכן — רעגט דעם מענטש צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער מיסטעריע פון לעבן און טויט . . .

ווינטער — וואָס אַסאָציאירט זיך אין אונדזער געדאַנק מיט אומקום, מיט פאַרגיין, מיט אויפהערן עקזיסטירן . . . דער קאָלאָריט פון אַ ווינטער־לאַנדשאַפט יאָגט אָן אַן אימה, אַ שרעק . . .

אַ ווינטער־שטורעם, אַ שניי־זאַווערוכע, גרויע וואָלקנס, וואָס טראָגן זיך ווי שדים איבער אונדז — טרייבן דעם מענטש אין וואַרעמער שטוב, די חיה אין איר נאָרע. שלאָגט דער טריבער, פרירנדיקער וועטער אין אונדז אויף קהלותדיקע מחשבות, געדאַנקען . . .

אָבער דער נאַטוראַליסט באַראָס, דער מענטש באַראָס — געפינט אויך גרויסע מעלות אין דער צייט ווען אַלץ ליגט פאַר אונדז אייז־פאַרגליווערט. ווינטער איז דער מענטש מער צוגעלאָזן, פריינטלעכער, חברישער — אויך די חיה און דער פויגל, אפילו דער פיש אין טייך — הייבט זיך אָן דערנענטערן

אין פראַסטיקע ווינטער־חדשים . . . מענטש און חיה נעמען זיך טוליען, געפּי־נען וואַרעמקייט איינער ביים אַנדערן. ס'איז אויך די צייט ווען דער בן־אָדם הייבט אָן טיפער אַריינקוקן אין זיין אייגענער נשמה. ער זוכט זיך צו דער־גרונטעווען צו די אייביק־קאָנפליקטירנדיקע און סתירותדיקע פּראָבלעמען וואָס מאַטערן זיין מוח, זיין אינטעלעקט . . .

בעת דער מענטש זיצט געמיטלעך ביי זיין פייער־קאַמין אַרומגערינגלט מיט נאָענטער מישפּחה און פריינט — הייבט ער אָן באַגרייפן זיין סאָציאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער אינסטינקט פון דעם עגאָ האָט עפּעס ניט קיין צופיל שליטה איבער אים אין יענע מאָמענטן פון עליית־הנשמה . . . ער זוכט אַ תיקון פאַר דעם אומרו וואָס פייניקט אים שוין אַן אייביקייט . . .

ווינטער האָט איר די זכיה צו זיין דער עדות פון אַ נייעם מעשה בראשית. איר זעט ווי די וועלט הייבט זיך אָן אַרויסשיילן פון דעם אַרומיקן תוהו־ובוהו . . . אָט ווי באָראַס שילדערט דעם ווינטער . . . "ס'איז פאַראַן אַזויפיל שיינקייט און יסודותדיקע געאָלאָגיע אין דעם שניי־שטורעם. די נאַטור דער־לויבט אונדז אַריינבליקן אין איר לאַבאָראַטאָריע און זען דעם פּראָצעס פון וועלט־באַשאַף — די געזעצן און די מיסטעריע פון קריסטאַליזאַציע. אונדזער מאַמע־ערד איז אַ צוזאַמענשטעל פון קריסטאַלן: דער האַרטער גראַניט־שטיין איז איינגעפּרעסטער, קאָמפּאַקטער שניי, אַ שטיק פאַרגליווערט אייז וואָס איז אַמאָל געווען צעשמאָלצענע לאַווע — און וועט אפשר ווידער אַ מאָל פאַר־וואַנדלט ווערן אין צעלאָזענעם שניי . . . די נאַטור איז אַ צונויפשטעל פון צוויי עיקרדיקע פאָרמען: — דער צעל און דער קריסטאַל — ראשית, דער קריסטאַל, צום סוף, דער צעל . . . אַלע אָרגאַנישע עלעמענטן איז דער נאַטור זיינען די סיבה פונעם צעל; די ניט־אָרגאַנישע פונעם קריסטאַל . . ."

אין דעם פאַלנדיקן שניי זעט איר דעם אָפּקיל און גליווער־פּראָצעס און די זיך צעשפּריצנדיקע, אַרויסשטראַלנדיקע פאָרמען וואָס זיינען די אַרכיטעקטן פון אונדזער פּלאַנעט און ערד־קוילעך . . ." דער יעניקער וואָס שטייט פאַר־חידושט פאַר דער שיינקייט וואָס די וועלט צעוויקלט פאַר אים אין דער צייט פון זומער, וועט האָבן געגנוג סיבות צו באַוואונדערן די רעטענישן פונעם ווינ־טער־זמן. אמת, אַז דער פּראַכט און דער גלאַנץ פאַרשווינדן מיטן קומען פון ווינטער — אָבער ס'בלייבן די עיקר־עלעמענטן — דער טאָג און די נאַכט, דער באַרג און דער טאָל און דער שטענדיקער שפּיל פון די נאַטור־כוחות און דער אייביקער הימל איבער אונדז . . ." האָט איר איז אָט דער פּרעכטיקער שילדערונג און אָבסערווירונג פון אַ ווינטער־לאַנדשאַפט, דעם הומאַניסטישן אויפפאַס פון באָראַסן דעם נאַטור־וויסנשאַפטלער.

אחוץ גרויסער קענער פון נאַטור־געשיכטע, האָט באָראַס אויך געהאָט אַנדערע איינגנשאַפטן. ער איז געווען אַ ווערסאַטילער, אַ פילזייטיקער מענטש

מיט א סך גייסטיקע אינטערעסן. ער האט געשריבן איבער רעליגיע, פילא־סאפיע, ליטעראטור, געאלאגיע און וועגן אנדערע ענינים און פראבלעמען. אבער ער האט זיך געפילט נאענט־אינטים ווען ער האט געשריבן וועגן נאטור־געשיכטע. ער אליין כאראקטעריזירט זיך זייער טרעפלעך: — "כ'בין זי־כער" — האט ער געשריבן — "אז ס'רוב פון מיינע לייענער וואלטן געוואלט כ'זאל זיך בעסער האלטן ביי מיין געביט פון נאטור־געשיכטע. כ'פארשטיי זיי אויסגעצייכנט. איך אליין האב ביכלל גרוים הנאה ווען כ'קאן עפעס מחדש זיין אויף אט דער טעמאטיק. ס'איז פאר מיר א פארגעניגן מיט זיי צו פאר־ברענגען א טאג צווישן פעלדער אדער וועלדער; אדער גאר פאר זיי גיבן מיינע אימפרעסיעס פון א שפרודלדיק טייכל..."

אין סעפטעמבער 1920 פארט ער קיין קאליפארניע צו ווינטערן דארטן און זיך אנשעפן מיט נייע,פרישע כוחות און גלייכצייטיק צו פארברענגען זיי־נע טעג ארומשפאצירנדיק צווישן פעלדער; קלעטערן אויף בערג, באטראכטן די סאמע אויסטערלישע באשעפענישן וואס באפעלקערן די דארטיקע וועלדער און טייכן — און שפעטער עס פארוואנדלען אין ליטעראטור, ווי די בין זאפט אין זיך אריין דעם זאפט פון דעם עפל־צוויט, כדי עס שפעטער צו פארוואנד־לען אין האניק... אויף זיין וועג צוריק פון אט דער רייזע, דעם 29סטן מערץ, 1921 ווערט ער פלוצים קראנק און הויכט אוים זיין נשמה אין טיפער עלטער פון 84 יאר. די נאטור־וויסנשאפטן האבן פארלוירן א גרויסן תלמיד. די וועלט האט פארלוירן א גרויסן הומאניטאריער...

ער איז געווען אין שענסטן זין פוןווארט — אן עסטעט, א שיין־גייסט. ער האט אין א מייסטעריש־עלאקווענטן סטיל געמאלן פאר אונדז זיינע נאטור עקסקורסיעס און דערפארונגען. זיינע נאטור־מעדיטאציעס און רעפלעקסן זיינען אמתע פערל אין אונדזער עסיי־ליטעראטור.

ער איז געווען א פראליפישער שרייבער וואס האט אונדז איבערגעלאזט א רייכע ירושה פון פינף־און־צוואנציק ווערק איבער די פארשיידנסטע פעל־דער און געביטן. א סך פון אט די ווערק זיינען היינט אזוי צייטיק און זאפ־טיק־פריש, ווי זיי זיינען געווען מיט פופציק יאר צוריק, בעת זיי האבן צום ערשטן מאל דערזען די ליכטיקע וועלט.

מיר האבן דא אין אונדזער עסיי־פארטרעט נאר געצייכנט קאנטורן, ארויסגעהייבן פראגמענטן, נאר באלויכטן אייניקע פאזן און אספעקטן פון דעם גייסטיקן אריסטאקראט — דזשאן באראס, וואס פירט אונדז אריין אין א וועלט פון וואונדער און רעטענישן...

# אַלמיס בוך רופט אַרויס אייגענע מחשבות

צום פופציק יאָריקן יובל פון א. אַלמיס פּראָליפּיש שאַפערישן דרך איז אונדזער יידיש־ליטעראַטור איז דערשינען דורך דעם "ראַציאָנאַליסטישן פאַר־לאַג" אין אַרגענטינע אַן ערנסט־וואָגיקער אָפּקלייב פון זיינע עסייען — "אין גערשנגל פון אידייען".

אַלמי איז אַ ווערסאַטילער שרייבער וועלכער קומט צום אויסדרוק אין עטלעכע ליטעראַרישע זשאַנערן. אָבער ניט וועגן זיינע אַנדערע פאָרמען וועלן מיר דאָ רעדן. מיר וועלן דאָ בכלל אויסמיידן די אַלע סטערעאָטיפּישע באַנאַ־ליטעטן מיט וועלכע ס'אָפּערירן די בוך־רעצענזענטן. דער עיקר פּאָראַינטע־רעסירט אונדז איצט די פּראָבלעמאַטיק וואָס ווערט אַרויסגעהייבן אין זיין דערמאָנטן בוך עסייען.

דער אויטאָר באַהאַנדלט ענינים וועלכע פאַרנעמען אַ פּראָמינענט אָרט אין די גייסטיקע ספערן פון גאָר אַ סך אינטעלעקטואַלן פון אונדזער תקופה. ס'זיינען, אייגנטלעך פּראָבלעמען איבער וועלכע ס'האָבן זיך געמאַטערט געלערנטע און דענקערס אין פאַרשיידענע צייטן. הגם אַלמי האָט ניט קיין פּרעטענזיעס אויף אָריגינעלקייט פון טעמאַטיק וואָס ער באַרירט, איז ער אָבער אינטריגירנדיק־אינטערעסאַנט, סטימולירנדיק — און אָפּטמאָל, גע־וואַגט אין זיינע אויספירן. ער האָט אויך די גרויסע מעלה, — וואָס ער רופט אַן זאַכן ביים ריכטיקן נאָמען און זיין לשון איז קוואַליק־קלאָר און פּליסיק, ניט פאַרדרייט, פאַרפּלאָנטערט.

אויך מיר זיינען אַ סך פון די תוך־פּראָבלעמען גאָר־נאָענט און כ'וואָלט געקאָנט גאַנץ גרייכלעך זיך אידענטיפיצירן מיט די אויספירן פונעם מחבר. ס'זיינען אָבער אין בוך פאַראַן אַזוינע ענינים וואָס רופן אַרויס קשיות און וואָס אינטריגירן צו פירן אַ מחלוקת לגבי די הנחות מצד דעם מחבר. ס'קאָן דאָך גרייכלעך זיין אַז דאָס זיינען אונדזערע אימפּרעסיעס, רעפלעקסן, לייענער־דיק דאָס בוך. ס'זיינען אייגנטלעך אייגענע מחשבות, טראַכטענישן וואָס דאָס בוך איז גורם אַרויסצורופן ביים לייענער. דאָס זאַלץ פון אַן אמת דעמאָקראַ־טישער געזעלשאַפט באַשטייט דאָך אין עצם אַרויסצואַווייזן טאָלעראַנץ צו יענעמס געדאַנקען, מיינונגען און דאָך — דאָך, זיך אידייאיש צעגיין אין די הנחות...

אָט, למשל: דענקט אַלמי אַז דער קינסטלער קאָן אַפּראַיאָרי, ניט פּלאַ־נירן, באַשטימען דעם כאַראַקטער, מהות פון זיינע העלדן־טיפּן, פּונקט ווי ס'קאָנען ניט פּלאַנירן אין פאַרויס די עלטערן וואָס פאַרא קינדער צו ברענגען

אויף דער וועלט . . . דער קינסטלער דארף שרייבן לשם קונסט און ניט צוליב וועלכע ס'איז אנדערע צילן.

איז דוכט מיר, אז אין דעם פרט איז די געזונטע לאגיק וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש אין אלמים אנדערע ארבעטן, עפעס ניכשל געווארן. אוודאי איז דער עצם פראצעס פון ברענגען קינדער אויף דער וועלט א ריין ביאלאגישער. ס'דוכט מיר אבער, אז דער פראצעס פון געבוירן קינדער און קינסטלערישער יצירה זיינען עפעס ניט קיין גלייכע מחותנים . . .

וואלט עס טאקע אזוי געווען, וואלטן דאך אונדזערע טענות, גערעכטע און אומגערעכטע, וואס מיר האבן צו דעם־און־יענעם קינסטלער געווען ריינע אבסורדן . . .

אויב קינסטלערישע יצירה איז פרעדעטערמינירט פון עפעס א מיסטעריעזן כוח איבער וועלכער דער קינסטלער האט ניט קיין שליטה, איז וואס איז דא שייך צו האבן טענות ? . . . ״דער קינסטלער און זיין מישפט איז גערעכט״ צו פאראפראזירן א פאלק־ווארט.

אונדז דוכט זיך, אז אין פאל פון קינסטלערישער שאפונג, איז דער קינסטלער דער פולער באלעבאס. ער מוז זיין ווארט־כינום פארארדענען אין א ראם פון דיסציפלין. אנדערש וואלט עס גורם געווען כאאטישע צעשויבערטקייט, הפקרות . . . דער קינסטלער וואס האט ניט דעם כוח צו קאנטראלירן זיין יצירה דורך קריטישן שכל און פארשטאנד, נאר איז אינגאנצן באהערשט פון אינטואיטיוו־עמאציאנעלע אימפולסן, איז ניט תופס דעם עצם פון קינסטלערישער יצירה ; זיין ווערק מוז געשטעלט ווערן אונטער א חשד פון קינסטלערישער פערפעקציע.

מיר וואלטן דא געקאנט אילוסטרירן מיט אן א שיעור פאלן צו באווייזן אז די קינסטלערס זיינען דווקא יא די פולע באלעבאטים פון זייערע קרעאטיווע ווערק. זיי האבן פשוט ניט ארויסגעלאזט זייערע שאפונגען אויף דער ליכטיקער וועלט ביז וואנעט זיי האבן ניט געפילט אז זיי זיינען שוין צייטיק און ראוי צו דערשיינען. ווי זאגט דער פייטן אין יום־כיפורדיקן מחזור : ״כי הנה כחומר ביד היוצר . . .״ דער גרויסער קינסטלער איז גאנץ באוואוסטזיניק וועגן זיין ראל און שליחות אלם קינסטלער. ער שטעלט ניט אינגאנצן צום דינסט זיין טאלאנט דעם גאט פון אינטואיציע, צו בלינדע כוחות . . .

אלמי האט אויך איז בוך א גרעסערע עסיי וועגן דעם רעטעניש־דיקן עניין:

— ״טויט און אומשטארבלעכקייט״.

וואונדערט זיך אלמי, הלמאי, דער אב פון די נביאים, משה, האט ארויסגעוויזן אזא שפלדיקייט, אזא געבראכנקייט פון גייסט, פון כאראקטער, בעת ס'איז געקומען דער מאמענט פון זיין פטירה. ער איז געווען גרייט אויפצוגעבן אזויפיל פון זיין מענטשלעכער חשיבות כדי דער רבש״ע זאל זיך מרחים זיין אויף אים און אים שענקען נאך איייניקע טעג פון לעבן.

ס'דוכט מיר, אז "נשיקת משה" איז דווקא כולל דעם יידישן וועלט־באַ־נעם. דער ייד לייגט אַ סך געוויכט אויפֿן "דרך החיים". ער גלאָריפיצירט דאָס לעבן און ניט דעם טויט. דער "פיקוח נפש דוחה שבת" איז דאָך אַ גרונט יסוד פון דער יידישער אמונה, פון דער יידישער עטיק. "לא המתים יהללו יה", זינגט דער בעל־התהילים. און קוהלת, דער אַלטער חכם זאָגט: "ס'איז בעסער צו לעבן דאָס לעבן פון אַ הונט, איידער זיך גרייסן מיטן ייחוס פון אַ טויטן לייב . . . יאָ, דאָס גאַנצע יידישע לעבן זינגט שירה צום לעבן! . . .

ס'איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס דער חסידיזם האָט באַנומען יידיש לעבן אין אַט דעם זין. הדווה, פרייד, געזאַנג, איז דער עיקר שבעיקרים פון חסידישן דרך. יעדעס ווערימל זינגט שירה צום בורא פאַר זיין אויפהאַלט, פאַר זיין קיום.

איז דען אַ וואונדער אַז בעת ס'ווערט געבוירן אַ קינד אין אַ יידיש הויז איז אַ גרויסע שימחה און בעת אַ מענטש שטאַרבט ווערט דאָס יידישע הויז ארומגענומען מיט אַ גרויסן טרויער; מ'פאַרהענגט די שפּיגלען ווי אַ סימ־באָל פון טיפער אבלות.

אפילו דער רמב"ם, דער גרויסער מאַמין וואָס פאַרטיידיקט דעם געדאַנק פון השארת הנפש, האָט פונדעסטוועגן ניט געהייסן יידן גיין אויף קידוש השם אויב ס'האָט זיך נאָר ניט געהאַנדלט אין לייקענען דעם סאַמע תוך פון יידישער אמונה.

לעבן איז הייליקער פון אַלע דינים. שויז ווען אברהם וויל ברענגען יצחקן ווי אַ קרבן צום גאָט וואָס פּרואווט אים אויס אין לאָיאַליטעט, שיקט ער אים אונטער אַ מלאך אַפּצושטעלן די האַנט וואָס איז גרייט אויפצוהייבן אַ מעסער צו פאַרגיסן דאָס בלוט פון זיין אייגן קינד פאַרן גאָט פון זיין אויס־דערוויילטקייט . . . ניין, דער מענטש איז דאָ העכער פאַרן פּרינציפּ. וואָס פאַר אַ זין האָט דער שענסטער פּרינציפּ אויב דער מענטש דאַרף ווערן זיין קרבן? . . .

יידישקייט קאָן ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק פון טויט, ווייל מיטן טויט שטעלן זיך אָפּ אַלע פונקציעס, טעטיקייטן פון אַ יידישן מענטשן.

די אַמאָליקע מצרים האָבן געשאַפן אַ באַזונדערן טויטן־קולט, פאַרגעע־טערונג פונעם מענטשן נאָכן טויט, בעת דער לעבעדיקער מענטש איז געווען אונטערגעוואָרפן צום רצון פון ווילד־פּרימיטיווע טיראַנען; מענטשלעך לעבן איז געווען ציניש־ביליק . . .

דער ייד איז ניט קיין שרעקעוודיקער פאַרן טויט, איז אים אַלעמאָל גרייט באַגעגענען. ס'האָבן זיך פרומע יידן תמיד אָנגעגרייט מיט תכריכים ביים לעבן אויב דער טויט וועט קומען אומדערוואַרטעט. אָבער ווי קיין שליח טוב זיינען זיי אים ניט גרייט אויפצונעמען, באַגעגענען. אַ זעלבסטמערדער איז

ביי יידן תמיד באטראכט געווארן ווי א זינדיקער און מ'האט אים קובר געווען ביים פּלויט . . .

יידישקייט איז דער יסוד פון א העברעו הומאניזם, דערפאר איז דער ייד דער שטארקער באיאער פון לעבן; דער שטארקער ראנגלער פאר דער חשיבות פון מענטשלעכן קיום. דער ייד איז קעגן דער ניהיליסטישער טענ־דענץ וואס שטעלט דעם טראפּ אויף פארגיין; אויף א פּעסימיסטישער פילא־סאפיע פון אויפלייז . . .

כ'ווייס ניט, צי די צוואה פון גריכישן דענקער סאקראטעס, — "אז דער מענטש וואס דארף שטארבן, זאל שטארבן אן שרעק, אן באדויער און אן א ציטער פון דער ברעם", ווייל זיין "ערדישע נסיעה" האט ער דאך פאר־ענדיקט און איצט גייט ער אריבער אין אן אנדער וועלט, וואו ס'הייבט זיך אן זיין "צווייטע עקסיסטענץ" — איז אננעמבאר פארן אמתן יידישן מאמין? אויך דער ייד גלויבט אז ס'איז פאראן א המשך און אז אונדזער קיום אויף אט דעם וועלטל איז נאר א פּרוזדור צו יענער גרויסער וועלט פון אייביקייט... אבער דערווייל זוכט ער צו געניסן פון די תענוגים און מקיים זיין די תרי"ג מצוות פון אט דעם וועלטל אונדזערס. אין פארשיידענע תפילות בעט ער זיך מיט תחנונימדיקן געוויין ביים רבוש"ע אז ער זאל אים דערווייל פארלענגערן די טעג אויף אונדזער עולם השקר . . .

אלמי האט אבער אין זיין גרעסערער עסיי "טויט און אומשטארבלעכ־קייט" אונדז מהנה געווען מיט ביז־גאר אינטערעסאנטע פּרטים פון די חכמים פון פארשיידענע צייטן און קולטורן וועגן אט דעם ענין וואס מאטערט דעם מענטש זינט ער האט אנגעהויבן מעדיטירן וועגן די אייביקע רעטענישן פון אונדזער קיום.

אין בוך וועט איר אויך געפינען א פיינעם און ביז־גאר געלונגענעם אפּ־שאַץ וועגן מארקסן און זיין תורה. "וואס איז דא שייך צו רעדן פון א מארק־סיסטישער לערע" — שרייבט ער — "וואס דארף ראטעווען די מענטשהייט, אז די מארקסיסטן אליין ווייסן נישט וואס דאס איז? . . . וואס פארא לערע איז דאס, וואס יעדער פון אירע פירנדיקע אנהענגער טענהט, אז נאר ער ווייסט וואס זי איז און אז דער אנדערער אינטערפּרעטירט זי פאלש, פארע־טעריש, דעריבער איז א מצוה אים צו ליקווידירן". און ווייטער דארט שרייבט ער — "ווי קאנען מיר דערווארטן עפּעס גוטס פון א לערע, וואס בעת זי איז באשטימט אויף היילן די חולאת פון דער מענטשהייט, איז זי נישט אימ־שטאנד צו היילן כאטש אירע אייגענע אנהענגער, זיי צו לייטערן פון שלעכטס, פון קינאה־שינאה, פון מארד לוסט? . . . צו א לערע וואו דער מענטש איז ניט מער ווי א שרייפל צו עפּעס א מאנסטער־מאשין מוז זיך דער מענטש־יחיד וואס האט נאך ניט אנגעווארן דעם צלם אלוקים, באציען מיט א היפשער דאזע פון סקעפּטיציזם . . . ער ווייזט אז אויף דעם בלוטיקן שיגעון פון מארק־

סיזם־קאָמוניזם אין זיינע פאַרשיידענע נוסחאות. ער, דער מחבר, איז אוודאי ניט קיין מחדש פון נייע סאָציאַלע פּראָגנאָזן. ער גלויב אָבער, אַז אין דער צוקונפט וועט דער מענטש פּאַרט איינשטעלן אַ גערעכטערן סדר וואו דער מענטש גופא וועט זיך באַציען מיט מער חשיבות צו זיין מיטמענטשן, כאָטש דער מענטש איז, לויט זיין נאַטור, מער גענייגט צו "שלעכטס" ווי צו "גוטס" . . .

איבער די 226 זייטן פון אַלמיס בוך זיינען אַנגעוואָרפן פיל וויכטיקע פּראָבלעמען איבער וועלכע דער מחבר זוכט זיך פאַרטיפן און רעפלעקטירן, ווי למשל: פּרווידיאַניזם און יודאַאיזם. דער איבערמענטש פון פרייען ווילן. קינסטלערישע מיסיעס. אידייע און טענדענץ. פאַרשטענדלעכקייט און אומ־פאַרשטענדלעכקייט. דאָס געהיימניש אַרום ספּינאָזאָס טויט. אַגב, די לעצטע אַרבעט וואָס איז אויך פאַראַן אין אַנדערע לשונות האָט אַרויסגערופן גרויס אַנזען צווישן ספּינאָזאַ־פאַרשערס. דער מחבר זוכט באַווייזן אויפן יסוד פון פאַרשיידענע מקורות און פון אייגענער דעדוקציע, אַז דער דענקער ספּינאָזאַ איז ניט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט וואָס ס'זאָל האָבן גורם געווען זיין לונגען־קראַנקייט, ווי ס'איז ביז איצט אָנגענומען אין אַלע ספּינאָזאַ ביאָ־גראַפיעס. ער האַלט אַז ספּינאָזאַ איז דערמאָרדעט געוואָרן און ער באַווייזט עס אויפן סמך פון מקורות און לאָגישן איינוואַנד אַרום דער מיסטעריע פון ספּינאָזאָס לעצטן טאָג אויף אונדזער ערד.

אויך אַנרעגנדיק איז זיין עסיי "אין וואָס איך גלויב". ס'איז באַקאַנט אַז דער מחבר איז ניט קיין אַטעאיסט, ניט קיין גלויביקער אין היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. ס'האָבן אים אַפילו איינקע רעליגיעזע שריפטן פאַרבעטן זיך צו באַטייליקן אין זייערע אויסגאַבן. אָבער נאָכן איבערלייענען זיין עסיי "אין וואָס איך גלויב", גלויבט זיך מיר קוים צי זיין "גלויבן" איז אַן אַפירמאַציע פאַר די אָנגענומענע, אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזע באַגריפן. דער פרומער מאמין וועט זיכער אָפּוואַרפן אַזאַ "גלויבן" וואָס דאַרף נישט אונדזערע מצוות, אונ־דזערע תפילות, אונדזער כורעים ומשתחווים פאַר אים.

אַלמי גלויבט אין אַן אַבסטראַקטן, קאָסמישן גאָט־שכל; אַ ראַציאָנאַ־ליסטישן גאָטש אַן אַ טראָפּן פון מעטאַפיזיק. ס'איז אַ קאַלטער גאָט אַן וועל־כע ס'איז מענטשלעכע אַטריבוטן צו וועלכן מ'דאַרף ניט פאַלן קיין כורעים, כדי אים וואָוילגעפעלן און אויספועלן פּריווילעגעס, פּערזענלעכע לאַסקעס . . . זיין גאָט איז אַפילו ניט דער אונדז באַקאַנטער פון תנ"ך. ער זאָגט אין זיין דעראָמנטער עסיי: — "דער גאָט פון חומש וואָס האָט הימל און ערד באַ־שאַפן און פון אַדמען אַ ריפּ אויסגעשניטן — איז אַזוי קליין אין פאַרגלייך צו דעם בורא וואָס האָט באַשאַפן דעם אוניווערס מיט די מילי־מיליאַסן גאַ־לאַקסן און נעבולאָס, וואָס זייער צאָל און זייער פאַרנעם און זייער "ווי אַזוי"

און זייער "צוליב וואָס" דער מענטשלעכער מוח וועט קיינמאָל ניט משיג זיין". (דאָרטן, זייט 155).

אָדער ווייטער דאָרט שרייט ער אויס פּאַטעטיש: "וואָס דער ביבלישער גאָט האָט אַלץ געטאָן פאַר דעם קליינעם הייפעלע בני־ישראל אין מצרים. צען מכות. דעם ים געשפּאָלטן, עמוד הענן, עמוד האש. אָבער זעקס מיליאָן יידן — צווישן זיי די פּרומסטע פון די פּרומסטע; צווישן זיי מיליאָנען קליינע קינדער — האָט ער געלאָזט אויסשעכטן . . . הפקר יידיש לעבן, הפקר דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, הפקר די וועלט! ! . . ." יאָ, רירנדיק, פּאַטעטיש זיינען אוודאי אָט די רייד פון אַ צעפּייניקטן יידישן אינטעלעקטואַל, אָבער דער פרומער מאמין וועט זיי צוריקווייזן ווי אַפּיקורסות; ער וועט אוודאי אויך זיך ניט אידענטיפיצירן מיט אַ קאָסמיש־פילאָסאָפישן גאָט וואָס נייטיקט זיך ניט אין קיין תפילות, אין קיין מצוות . . .

מיר וואָלטן געקאָנט אָנווייזן אויף אַנדערע אַספּעקטן פונעם ביז־גאָר אינטערעסאַנטן בוך, אָבער דאָס וואָלט דאָך געמיינט, איבערגעבן אַלע עסייען וואָס געפינען זיך אין בוך. איז דאָך דאָס אוממעגלעך פאַר אַן אַפּשאַץ אינעם געוויינלעכן נוסח. וועלן מיר זיך טאַקע באַנוגענען מיט די אָנגעצייכנטע ראַנד־באַמערקונגען; הערות אויף די זייטן פונעם ספר . . .

מיר רעקאָמענדירן דעם לייענער אַליין זיך איינצושאַפן דאָס בוך, געשריבן פון אַן אחריותדיקן און קרעפטיקן שרייבשטעלער מיט יראת הכבוד פאַרן געדרוקטן וואָרט און וואָס באַרירט פראַגן, פּראָבלעמען וואָס רעגן צו אייגענע רעיונות, טראַכטענישן, אין אַ צייט פון טעכנאָלאָגישע סאַטעליטן וואָס דרייען זיך אַרום אונדזער ערד־פּלאַנעט . . .

אונדזער ערנסט פילאָסאָפישע עסייאיסטיק איז די לעצטע יאָרן ניט צו רייך אין ווערק פון אַזאַ פאַרנעם, באַזונדערס איצט, ווען דער יידיש־וועלטלעכער סעקטאָר געפינט זיך אין אַ קלעם; אין אַ צייט פון רעווידירן און איבערשאַצן גייסטיקע ווערטן, איז אַלמים בוך עסייען געוויס אַן אַקטועל־צייטיקער צוטראָג צו אונדזערע אידייאישע ראַנגלענישן . . .

.1958

# א. גלאַנץ־לעיעלעס — דיכטער־עסייאיסט

(צו זיין 70סטן געבוירנטאָג)

## 1

לויטן קאַלענדאַר איז א. גלאַנץ־לעיעלעס שוין געוואָרן אַ בן־שבעים, כאַטש, אין אויסזען וואָלט אים קיינער ניט געקאָנט פאַרדעכטיקן אַז ער האָט שוין טאַקע אַריינגעשפּאַנט אין ביבלישן עלטער. די יוגנטלעכקייט וואָס איז אים עד־היום געבליבן אין זיין ליד, זיין עסיי, — אַפילו אין זיין פּובליציסטיק, איז אויך שטאַרק פּרעזערווירט געוואָרן אין זיין פיזישן אויסזען. אַוודאי, ווען איר וועט שטאַרק זיך איינקוקן אין זיין פּנים וועט איר דאָ און דאָרט מערקן אַ קנייטשל, פּונקט ווי איר וועט זיך אַנשטויסן אויף מאָטיוון אין זיין געשריבן וואָרט, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם רייפן עלטער פון אַ בן־שבעים . . .

איז לאָמיר אים ווינטשן אַז אָט די יוגנטלעכקייט וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם שעפערישן מענטשן, א. גלאַנץ־לעיעלעס זאָל נאָך אַזוי אָנהאַלטן אַ סך, אַ סך יאָרן . . .

## 2

א. גלאַנץ־לעיעלעס קומט צו דער יידיש־ליטעראַטור ווי אַ נאָוואַטאָר, ווי אַ ברעכער פון אַלטע פאָרמען. אין אַ צייט ווען טראַנען פאַלן, אַלטע סיסטעמען ווערן פאַרשטויסן, מוז די ליטעראַטור אויך אַוועק פון שאַבלאָן, פון אַלט־וואַרג. די וועלט געפינט זיך אין קאָנוואָלסיעס און אַ נייע וועלט געבוירן, טאָר דאָס יידישע ליד, די עסיי, דער פּובליציסטישער אַרטיקל זיך ניט קלאַמערן אין אַלט־איינגעזעסענע פאָרמען און שרייבן ווי גאָרניט וואָלט געשען אין אונדזער סאָציאַלן אָרגאַניזם . . . די ליטעראַטור איז ווי דער סייסמאָגראַף אין דער נאַטור־וועלט. דער סייסמאָגראַף פאַרצייכנט יעדן אויפרודער אין אונדזער ערדישן פּלאַנעט, אַזוי אויך, איז עס דער חוב פונעם אחריותדיקן, ערנסטן שרייבער צו רעאַגירן אויף די קאַטאַקליזמען פון אונדזער סאָציאַלן אָרגאַניזם.

ווי זאָגט טאַקע גלאַנץ־לעיעלעס : ״די אינזיכיסטן זיינען געגאַנגען מיט דעם גאַנג פון די מערסטע דיכטער, זייערע מיטצייטלערס, אין אַנדערע לשונות. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די פּאָעטן פון אַלע פעלקער געזוכט נייע אימאַזשן און נייע האַרמאָניעס פאַר זייער אויסדרוק. דאָס אינ־

זיכיסטישע ליד איז דעריבער באמת געווען, אויב נישט דער איינציקער, איז דער קענטיקסטער אנזאג פון דעם נייעם, אנדערשדיקן ליד פון דער נייער עפּאָכע — אויף יידיש". (ז׳ 116 "וועלט און ווארט").

און אוודאי האט מען אט די יונגע גרופּע רעבעלן ניט באגעגנט מיט אפּענע אָרעמס. זיי האבן בשעתם אנגעפּירט א האַרטנעקיקן קאַמף פאר אנערקענונג און קעגן דעם קאָנפּאָרמיזם; קעגן די עפּיגאָנען וואס האבן זיך געשראָקן פאר א ניי־ווארט ווי דער טייוול פאר ווייראַך . . .

לאנג, גאר־לאנג האט גענומען אז די באציאונגען לגבי אט דער איינגעעקשנטער גרופּע פוטוריסטן האט זיך גענומען בייטן, ענדערן. ביסלעכווייז האבן זיי איינגענומען איין פּאָזיציע נאך דער אנדערער. ביים היינטיקן טאג זיינען זיי כימעט דאָמינירנדיק אין אונדזער קולטור־וועלט, כאטש אט די וועלט איז אזוי שטארק פאריתומט געווארן, פאראָרעמט געווארן צוליב סיבות וואס זיינען ניט געווען אפּהענגיק פון אונדז . . .

## 3

גלאנץ־לעיעלעס איז ניי און פריש אין יידישן ליד. ער קומט ווי אן אפּיקורס, ווי א שטורמער קעגן טראדיציאנעלן, קעגן אלט־קלאסישן דרך. די ליטעראַטור האט אירע ווארצלען אינעם נעכטן, אבער זי מוז אַרויף אויפן ברייטן שליאך וואס פירט צו דער וועלט, צום מאָרגן. מ׳קוקט קרום אויף די דאָזיקע יונגעלייטלעך וואס בונטעווען זיך. די קריטיק איז עפּעס שווער זיי איינצובייסן, קאן ניט תופס זיין זייער שיטה פון אינטראָספּעקטיוויזם, אדער ווי זיי אליין האבן עס גערופן, — אינזיכיזם.

"דער נייער נוסח" — שרייבט גלאנץ־לעיעלעס אין זיין פריער־דערמאָנטער עסיי וועגן מינקאָוון — "האט געפאָדערט נייע פאָרמען. האבן די אינזיכיסטן איינגעפירט אי דעם פרייען פערז, אי זעלטענע שטרענג־געצוימטע מעטערס און ריטמען, ווי סאנעטן, ווילאנעלן, ראָנדאָס, טריאָלעטן וכדומה".

זיין סאָציאַל ליד, זיין יחידיש ליד קריגט אן אנדער תיקון. ער ווי דער גרויסער חסיד פון פרוידן ברענגט אויך אריין דאס פּרווידיאנישע אינעם ליד. ער האלט פונעם כלל — אז גארניט דארף זיין פרעמד דעם פּאָעט. אלע קאָמפּלעקסן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט דארפן אויך געפינען אן אָרט אינעם גייסטיקן פרצוף־פּנים פונעם דיכטער; ער דארף זיך ניט הערמעטיש אָפּשליסן אין זיין חדר און זיך איזאָלירן פון דער פּראָבלעמאַטיק פון זיין צייט, פון זיינע מיטצייטלערס. אלץ וואס איז מענטשלעך דארף דאס ליד כולל זיין.

לעיעלעס דער דיכטער איז העט, העט אוועק אויפן ברייטן שליאך פון אורבאניזם, פונעם גרויס־שטאָטישן, כאטש דאס שטעטלדיקע, מיט איר גאַנצער ראָמאַנטיק איז אים ניט פרעמד, פונקט ווי ער, דער גרויס־שטאָטישער — פון די הימלקראַצערס און די רוויקיקע קוימענס — איז אויך שטארק באווירקט

פונעם דארפישן, פון די שטילע שטעגן און פארטייעטע סאזשעלקעס. איר וועט ביי אים געפינען א סך וואונדערלעכע נאטור־לידער. איז עס זיכער ניט קיין סתירה אין זיין שאפערישן דרך, ווי שוין געזאגט, דעם אמתן דיכטער איז אלץ נאענט, אייגן. אלע קלאנגען, אקארדן פון אונדזער וואכעדיקייט און פון אונדזער יום־טוב; פון אונדזער פרייד און פון אונדזער טרויער זיינען דער גייסטיקער קלימאט אין וועלכן ס'אטעמט דער פאעט, דער קרעאטיווער מענטש.

אין זיין צייט, פונקט ווי נאך אין אונדזער צייט, איז געווען דער געשריי וועגן "אומפארשטענדלעכקייט". ווי זאגט אויף דעם גלאנץ־לעיעלעס אין זיין דערמאנטן בוך אויף ז' 113 — "בנוגע א פארטיפטן פאעטס ארבעט איז אין תוך גארנישט שייך די פראגע פון פארשטענדלעכקייט. עס איז א פראגע פון דער אנטוויקלונגס־מדרגה פון דעם לייענער, ווי אויך פון דער שפראך. וואס עס זעט אוים שווער־פארשטענדלעך אין איין צייט, ווערט זעלבסטפארשטענדלעך אין אן אנדער צייט. אויב מ'קאן זאגן אויף פושקינען, דעם לויטערסטן, כמעט דורכזיכטיקן גרויסן פושקינען, אז מען פארשטייט נישט וואס ער וויל, ווייל מען איז געווען צוגעוואוינט צו די פסעוודא־קלאסישע מאניערן פון דיער־זשאווינען און פון אנדערע פריעריקע פאעטן, איז דאך באמת אוים וועלט. איך רעד שוין נישט וועגן שעקספירס סאנעטן, וועגן פראנסים טאמפסאנען, וועגן אזוינע טייערע ענגלישע דיכטער, ווי דזשעראלד מענלי האפקינס, אדער וועגן א גאנצער גרופע טאלאנטפולע דייטשישע פאעטן נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה".

## 4

אבער גלאנץ־לעיעלעס איז ניט נאר באוואוסט ווי א דיכטער און דער שאפער פון א מאדערניסטישער ריכטונג אין אונדזער פאעטישן פארנאס.

פונקט ווי זיין ליד איז געווען אן אויפטו, א רעוועלאציע, א צוטראג צו אונדזער ליטעראטור, אזוי אויך איז זיין עסיי, זיין זשורנאליסטישער ארטיקל. פונקט ווי ער ברענגט אריין פראבלעמאטיק אינעם ליד, אזוי שעמערירט זיין עסיי מיט דער שיינקייט און ראפינירטקייט פון גוטער פאעזיע. דער פאעט און דער עסייאיסט האבן געשלאסן א גליקלעכן זיווג.

א. לעיעלעס איז אויך באקאנט ווי א פעאיקער זשורנאליסט וואס קאמענ־טירט און אנאליזירט איבער די לויפיקע טאג־געשעענישן. אויך אין דעם פרט איז ער אייגנארטיק און האט זיין אריגינעל־יחידישן צוגאנג צו אונדזער גע־זעלשאפטלעכקייט. ער שרייבט ניט ווי א זייטיקער אבסערווירער וואס די פראבלעמען וועלכע ער באריירט האבן ניט קיין שייכות מיט אים אליין. פאר־קערט, די פראבלעמען וואס ער באהאנדלט מיט טעמפעראמענט, מיט גרינט־לעכקייט, באנעמט ער ריין סוביעקטיוו. ער איז ניט נאר פראטאקאל־פארציי־

כענער, אַנאַליטיקער. נייז, ער האָט זיין מיינונג און טראָגט צו זיין ממשותדיק וואָרט. ער האָט אַ פּערזענלעכן אינטערעס אין דעם און יענעם עניין וואָס ווערט דורך אים פּובליציסטיש באַרירט. ער איז ניט נאָר פאָרמעמער פון טעאָריעס, נאָר ער איז אויך מאַנער און קעמפער פאַר יענע אמתן וואָס זיינען אים נאָענט. ער איז ניט נאָר געווען פאָרמעמער פון די אידייען פאַר אונדזער יידישיסטישער שול־באַוועגונג, נאָר ער איז אויך איינער פון די ערשטע בויער און ציגל־לייי־גער פאַר אָט דער באַוועגונג אין אונדזער וועלטלעכע יידישן לעבן. ער איז בכלל איינער פון די איבערגעבנסטע אַדוואָקאַטן פאַרן יידישיזם, יידישיזם ניט בלויז ווי קיום פאַר לשון־יידיש, נאָר ווי אַ פילאָסאָפיע פאַר אונדזער מאָדערנער וועלטלעכער יידישקייט.

ער איז געבליבן אומקאָמפּראָמיסלעך אויף צוויי געביטן — פאַר וועל־כע ער האָט איינגעשפּאַנט זיין גאַנצן טאַלאַנט און ענערגיע פאַר אַ סך יאָרן — מיר מיינען די געביטן פון קאָמוניזם און יידישיזם. ער איז געווען איינער פון די גאָר־ערשטע יידיש־שרייבערס וואָס איז ניט מיטגעריסן געוואָרן פון דער אילוזיע, פונעם מיראַזש — רוסישע רעוואָלוציע. אַ סך וויכטיקע יידיש־שריי־בערס זיינען אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין שטאַרקן שטראָם פון דער רוסישער רעוואָלוציע וואָס איז געקומען מיט צוזאָגנדיקע לאָזונגען און פּאַראָלן פון מענטש און ייד באַפרייאונג און פון סאָציאַלער גאולה. ווען דער מענטש און דער ייד האָט זיך געצאַפּלט אונטער די שווערע שטיוול פון סאָציאַלער אומ־זיכערקייט און פיזישן אויסראָט, זיינען אָט די לאָזונגען פון עמאַנציפּאַציע און פרייהייט געווען אַרויסרופעריש און צוזאָגנדיק . . . ער איז געווען צווישן די ערשטע וואָס האָט וויזיאָנעריש פאַרויסגעזען אַז דער טייוול האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ מאַסקע פונעם מלאך . . . זייער געשריי וועגן דער ממשלה פון פרייהייט איז ליגנעריש און פאַרעטעריש. וואָלט ער זיך איצט אוודאי געקאָנט גרויסן מיט זיין פּראָפעטישקייט, ווען די ווירקלעכקייט וואָלט ניט אָנגענומען אַזוינע חוזקדיק־טראַגישע פּראָפּאָרציעס. די ווירקלעכקייט איז נאָך שוידער־לעכער און טראַגישער ווי די גרעסטע סקעפּטיקער האָבן געקאָנט פאָראויס־זען . . . פון דעם גרויסן חלום וועגן ייד־ און מענטש־באַפרייאונג האָט זיך געענדיקט — אַ בלוטיקער טייך ! . . . דער חלום פון יידיש־שאַפערישן מענטשן וועגן אַ זוניקן אויפשפּראָץ פון דער יידיש־ליטעראַטור האָט זיך ציניש, בלוטיק געענדיקט מיט אַ שוואַרצן דעקרעט פון סאָוועטישע מושלים וואָס האָבן אונדז אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט, אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט . . .

פון דער אַנדערער זייט איז ער געבליבן דער גרויסער עקשן און מאמין פון יידיש־קודש. ווי זאָגט ער אין אַן אינטערעסאַנטער עסיי וועגן דעם שריפט־שטעלער י. י. טרונק צו זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג, וואָס איז פּונקט אַזוי טרעפלעך צו זיינע אייגענע זיבעציק יאָר : — "צו זיבעציק יאָר זיינען די קאַר־בן פון סקעפּטיציזם ספּעציעל קענטיק אויף טרונקס פּאָרטרעט. ווי קאָן מען

אים דאָס פאַרדענקען ? דאָס פּוילישע יידנטום — אָפּגעווישט. יידישע לשון — באַדרענגט פון אַלע זייטן. אַלע חלומות — פאַרפלויגענע פייגעלער, נישט אויף צוריקצוקומען. דאָס אייגענע לעבן — פול מיט נסיונות, צרות, שווערי־קייטן. זיי אַ חכם און מייד אויס סקעפּטיציזם.

"און דאָ, ווי אַ לאַדזשער צו אַ לאַדזשער וויל איך זאָגן צו מיין פריינט און חבר י. י. טרונק אויף דער שוועל פון זיין אַכטן צענדליק.

"עס שאַדט אויך איצט נישט אַ זופּ צו טאָן פון דעם כוס פון לאַדזשערי־שער ראָמאַנטיק און פאַנטאַסטיק. סוף כל סוף — קיין שום זאַך גייט נישט פאַרלוירן אין דער וועלט פון אידייען. קיין אַנדערע וועלט איז דאָך פּאַקטיש נישטאָ, אָדער האָט נישט די ווערט צו זיין. און דאָ, אין דעם קאָסמאָס פון מחשבה, בענקשאַפט, טרוימעריי, טראַכטעניש, וויזיע, שטרעבונג וועט אייביק זיין די יידישע ליטעראַטור . . ." זיינען אָט די מחשבהדיקע ווערטער געזאָגט צום שרייבער י. י. טרונק אויפן שוועל פון זיין אַכטן צענדליק ווי אַנגעמאָסטן פאַר אים אַליין, דעם גרויסן מאַמין פון דער קדושה פון יידיש און אַלץ וואָס יידיש איז כולל, ווען ער אַליין שטייט איצט אויפן שוועל פון אַכטן צענדליק...

5

לעצטנס איז דערשינען זיינס אַ בוך ליטעראַרישע עסייען — "וועלט און וואָרט" איז דאָס דאָזיקע בוך אַ מין שליסל צו זיין גאַנצער פּערזענלעכקייט. דאָ זעט איר ווי גלאַנץ־לעיעלעס, דער פּאָעט, דער דראַמאַטיקער, דער עסיי־איסט, דער ליטעראַטור־קריטיקער, דער פּובליציסט, לעבן בשלום. נישטאָ קיין מחיצה צווישן דעם פערזן־שמידער און דעם קעמפער פאַר דער יידיש־נאַציאָ־נאַלער אידייע. ווי ער האָט טאַקע געזאָגט אין אַ שמועס מיטן שרייבער יעקב פּאַט : — "ער שרייבט ניט מיט צוויי הענט, נאָר מיט איינער. אַז טשויר־טשיל קאָן קריגן דעם נאָבל־פּריז פאַר ליטעראַטור, איז עס אַ גוטער באַווייז פאַר דער שייכות צווישן ליטעראַטור און אידייע, נישט בלויז סטיל.

"— איך געהער צום אַרבעטער־רינג — זאָגט ער מיר — איך געהער צום קולטור־קאָנגרעס, איך שרייב פּובליציסטישע אַרטיקלען, איך שרייב לי־דער, עסייען, דראַמעס, און איך פיל מיך, ווי איין מענטש. איך ליג ניט אין באַזונדערע קעסטלעך. ער געפינט אין זיך איין שנור פון ווירקונגען — פון די נביאים ביז וואָלט וויטמאַן, ביז עדגאַר פּאָ, ביז י. ל. פּרץ . . ." (שמועסן מיט יידישע שרייבער פון י. פּאַט, ז' 106).

דאָ זעט איר אים אין זיין פּילזייטיקייט און אין זיין פּראַליפישקייט. אַ סך פון די פּראָבלעמען מיט וועלכע ס'ראַנגלט זיך דער פּובליציסט, דער קעמ־פער פאַר ייד־מענטש באַפרייאונג ; פאַר וועלטלעכער יידישקייט, קומען דאָ צום פולן אויסדרוק. דער עיקר איז עס אַן אינטערעסאַנט בוך פון אַ זייל פון אונדזער יידישער קולטור־וועלט.

ס׳איז דא פאראן פיינער מעמואריסטישער מאטעריאל וועגן דער ליטע־ראַרישער סביבה פון זיין דור און זיינע מיטצייטלערס צווישןביידע וועלט־מלחמות יהואש, לייוויק, אפאטאשו, מינקאוו, גלאטשטיינע, סוצקעווערן א.א. זיינע פארטרעטן, פראפילן זיינען געצייכנט מייסטעריש. מיר זעען די שרייבערס — וואס ס׳דוכט זיך אז מיר האבן זיי געקאנט — נעענטער, אינ־טימער, סימפאטישער. איך האט דא דעם פרילינג און דעם הארבסט פון אונ־דזער קולטור־וועלט וואס האט אזויפיל שטורמען איבערגעוועטערט אין די פיר צענדליק יאר פון לעיעלעס־גלאנצעם אייגענער געזעלשאפטלעכקייט . . .

די עסייען זיינען געשריבן אין א ליריש־נאסטאלגישן טאן וואס דערמאנט געפרעסטע רויזן אין א קלאסישן בוך לידער. דער מחבר אפערירט ניט מיט קיין אקאדעמיש אנגעקראכמאליעטער עברי, כאטש ער שפרודלט מיט ערודי־ציע, וויסיקייט, פאראדאקס און אפילו אביסעלע לייכטער איראניע וואס שנירלט זיך צווישן די שורות.

ער איז דא־און־דארט אפילו ליטעראטור־קריטיש אין זיינע אפשאצן וועגן די פאעטן, דערציילערס, עסייאיסטן, קריטיקערס וואס ווערן דורך אים בא־האנדלט אין זיין בוך. ער איז אבער ניט פון דעם בייזן, פעדאנט־קריטיקער וואס גייט רק ארום כיט א לאמטערן אין האנט זוכן בראדעווקעס אויף דער נאז פון דעם און יענעם שאפערישן מענטשן. ווי זאגט ער טאקע אליין וועגן די פונקציעס פון קריטיקער, לאמיר אים לאזן רעדן: — ״וויכטיק איז אנצו־וויזן אין א ווערק זיינע מעלות, דאס, וואס האט א ווערט אי היינט, אי מארגן. די חסרונות, די פגימות זיינען א טפל. פשוט, ווייל אזא איז אונדזער וועלט— פול מיט פגימות און אומפערפעקציעס. דאס מוז געפינען זיין אפשפיגלונג אויך אין קונסטווערק . . . (ז״ז 268).

יא, דאס איז פונדאמענטאל, תוכיק אינעם אויפנעם פון א ווערק. אזוי האבן געשריבן און געלערנט די גרויסע ליטעראטור־קריטיקערס אנהייבנדיק פון דעם גריכישן אריסטאטל.

דאס בוך ״וועלט און ווארט״ ווארפט א פראזשעקטאר פון פערציק יאר געזעלשאפטלעכקייט פון אן אחריותדיקן שעפערישן מענטש אינעם ליכט פון היינט, ווען אונדזער פאלק האט איבערגעלעבט די האק פון תליון און דאך — בלייבט דער מחבר דער גרויסער מאמין, דער בעל ביטחון פון דער יידיש־קול־טור און איר וועלט־אויסגעשפרייטקייט.

1959.

# וויליאַם נאַטאַנסאָן

(צום ווערן אַ בן־שמונים)

דער חשובער שריפטשטעלער וו. נאַטאַנסאָן ווערט היי־יאָר אַ בן־שמונים. ס'איז עפּעס פּאַרדראָסיק וואָס אַט דער פילאָסאָפישער עסייאיסט ווערט נישט געהעריק אָפּגעשאַצט אין אונדזערע קולטור־קרייזן. פאַרוואָס אַזאַ קאַלט־פּראַסטיקע באַציאונג צו איינעם וואָס האָט מיט אַזוי פיל באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור אויפן פעלד פון פילאָסאָפיע און עסייאיסטיק?

לויט זלמן רייזענס "לעקסיקאָן", איז נאַטאַנסאָן געבוירן געוואָרן אין חודש חשון 1883 אין שטעטל פּאַווילאַטש, קיעווער גובערניע. ווי דער שטייגער פון יענער צייט האָט ער געקראָגן אַ טראַדיציאָנעל יידישע דערציאונג. געלערנט תנ"ך און גמרא. צו צוואַנציק יאָר איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער ממשיך געווען זיין יידישע און וועלטלעכע דערציאונג. פאַר אייניקע יאָר אַפילו שטודירט מעדיצין אין אוניווערסיטעט. שפּעטער זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט פילאָסאָפיע. ער באַטייליקט זיך אין דער "פרייע אַרבעטער שטימע" און אין זשיטלאָווסקיס "דאָס נייע לעבן" מיט ערנסטע אַרבעטן איבער קולטור־פילאָסאָפישע ענינים. ער שרייבט גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם פראַנצויזיש־יידישן פילאָסאָף, אָנרי בערגסאָן; וועגן דער שיטה פון "פּראַגמאַטיזם" וואָס ס'האָט אַנטוויקלט דער דענקער וויליאַם דזשיימס. ער פאַרעפנטלעכט אויך אַרטיקלען און עסייען וועגן דער יידישער ליטעראַטור, צווישן אַנדערע, אַ גרעסערע אַרבעט וועגן י. ל. פּרץ אין ליכט פון פילאָסאָפיע.

אַ דאַנק דער פריינטשאַפט פון דעם שרייבער י. באַבינסקי (אויך איינער פון די פאַרשוויגענע) וואָס האָט אים דערמוטיקט אַרויסצוגעבן זיין מאָנומענטאַל ווערק — "קולטור און ציוויליזאַציע", וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ רושם. אַ ווערק וואו ער אַנטוויקלט ברייט דעם אונטערשייד צווישן קולטור און ציוויליזאַציע. דעם עצם באַגריף פון "קולטור" שטעלט ער אַוועק ווי די ענדגילטיקע לייזונג צו אַ סך סאָציאַל־פאַרפלאָנטערטע פּראָבלעמען וואָס זיינען דער אַרויסוואוקס פון אונדזער מאַטעריאַליסטיש־מעכאַניסטישער ציוויליזאַציע. דער פעטיש, די מאַשין אונטערטעניקט דעם מענטשן. ווי אַן אַנטידאָט צו אַט דער סיסטעם אַנטוויקלט ער אַן אייגענע שיטה געבויט אויף די יסודות פון קולטור, פון עטיק און די העכסטע פאָרם פון מאָראַל. נאָר ווען דער מענטש וועט דורכגעגעבן מיט די ווערטן פון אונדזערע עטישע, קולטור־שאַפונגען, וועט אונדזער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעך לעבן זיך דערהייבן צו אַ

הכערער מדרגה; און דער באַגריף מענטש װעט דאַן קריגן דעם אמתן תיקון און קיום . . .

זאָל זיך, חס־וחלילה, ניט שאַפֿן דער פֿאַלשער אײַנדרוק, אַז ער איז קעגן יענע המצאות װאָס דער מענטשלעכער גערדאַנק האָט דערפֿירט כדי אונדזער לעבן זאָל אַרומגערינגלט װערן מיט מער און מער באַקװעמלעכקײטן. ער זאָגט עס אין זײַן דערמאָנט װערק אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן: — "דער דאָזיקער חילוק איז זין און אין דער באַדײַטונג צװישן ציװיליזאַציע און קולטור איז שױן פֿון זיך אַלײן גורם אַ שטאַרקע באַטאָנונג פֿון דעם פֿאַקט, אַז אַן אמת מענטשלעך לעבן הײסט נאָר אַזאַ לעבן, װאָס אין אים איז די ציװיליזאַציע אונטערטעניק צו דער קולטור, און ניט פֿאַרקערט, אַזאַ לעבן, אין װעלכן די ציװיליזאַציע איז דער מיטל, און די קולטור איז דער צװעק, און ניט "װײַזאַ װערזאַ" (ז' 9).

אין יאָר 1935 דערשײַנט זײַנס אַ ביז גאָר װיכטיק װערק — "צו דער רעװיזיע פֿון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן גדאַנק", װאָס איז אײַגנטלעך אַ רוף צום ראַדיקאַלן עלעמענט אויף דער ײדישער גאַס צו שאַפֿן אַ סאָציאַל־רעליגיעזן סינטעז. אין דאָזיקן װערק זוכט ער דורכצופֿירן אַ טיפֿע רעװיזיע פֿון ראַדי־קאַליזם. אַ סך פֿון די אידײען װאָס ס'האָבן געפּרײדיקט די אַמאָליקע ראַדי־קאַלן האָבן אָנגעװוירן זײער גלאַנץ און קאָמפּפּיאַיקײט. ס'זײַנען אַנטשטאַ־נען געװיסע שינוים אין ײדישן לעבן און די אידעאָלאָגיעס פֿון נעכטיקן ראַ־דיקאַליזם זײַנען הײַנט שטאַרק פֿאַרעלטערט. ער האַלט, אַז — "מיר מוזן רײניקן דעם ראַדיקאַליזם פֿון זײַן גאָרניט־געבנדיקער און גאָרניט־זאָגנדיקער ראַדיקאַלעכץ. מיר װילן אָבער ניט און מיר דאַרפֿן בשום־אופֿן אים ניט אױס־לײדיקן פֿון דעם אידעאַל פֿון אַ סאָציאַלן אײַנפֿיר . . ." (ז' 27) — ער דענקט אָבער אַז "דער סאָציאַלער אידעאַל פֿון דעם ראַדיקאַליזם, פֿון עקאָנאָמישער גלײַכהײט און גײַסטיקער פֿרײַהײט פֿאַר אַלע מיטגלידער פֿון אַ געזעלשאַפֿט דאַרף עטיש פֿאַרטיפֿט און רעליגיעז דערהײבן װערן" (ז' 28).

זינט דעמאָלט זײַנען אַרײַנגעטראָגן געװאָרן אַ סך נײַערע שינוים אין ײדישן לעבן. מיר האָבן דורכגעמאַכט דעם גרויסן פֿאָלק־חורבן פֿון זעקס מי־ליאָן פֿאַרשניטענע לעבנס, און פֿון דער אַנדערער זײַט — דער גרויסער נס־ישראל. בײדע דערשײַנונגען האָבן שױן געמאַכט טיפֿע שניטן, שאַרפֿע רע־װיזיעס אין די אידײאישע פֿראַגנאָזן פֿון אונדזערע פֿאַרגאַנגענע דורות. אָבער פֿיל פֿון דעם װאָס נאַטאַנסאָן האָט געשריבן מיט מערערע יאָרן צוריק האָט ניט פֿאַרלוירן די אַקטועלקײט און די פֿרישקײט. ס'רוב פֿון דעם װאָס ער האָט גע־זאָגט נעכטן איז פּונקט אַזױ אַמתדיק בײַם הײַנטיקן טאָג. דאָס איז אַ גוטער סימן. ס'באַװײַזט װיפֿיל פּאָזיטיװקײט ס'איז פֿאַראַן אין זײַנע אידײען, װײל זײ האָבן װײניק אָנגעװוירן אונטער דער קאַװאַדלע פֿון געשיכטלעכע קלעפּ

און קאטאקליזמען, וואס האבן צעטרייסלט א סך נעכטיקע סאציאלע סיסטע־מען.

ווי דער איבערזעצער פון ספינאזאס ווערק "עטיק" אין יידיש, איז ער אליין שטארק באווירקט געווארן פון אט דעם פילאסאפישן גאון. ער פרואווט אפשרייען כלערליי אפיקורסים און גאט־לעגסטערער און זוכט איינצופלאנצן און באפעסטיקן צווישן אונדזער יידיש־אינטעליגענץ פיעטעט פאר דער פאנ־טעאיסטישער פילאסאפיע וועגן דער סובסטאנץ פון וועלט־מענטש. דער זוכנ־דיקער גייסט וויל זיך דערגרונטעווען צו די יסודות פון קאסמאס און זיך עפעס דערוויסן וועגן די פסיכישע רעטענישן פון דעם האמא סאפיענס.

אין 1936 איז אויך דערשינען זיינס א פארטיפט־וואגיק ווערק וועגן דעם דיכטער ה. לייוויק, "דער דיכטער פון אנקום און אויפקום". ס'איז א גוט דורכגעטראכט און אנאליטיש ווערק וועגן דעם גרויסן דיכטער אויפן פאן פון זיינע פראפעטישע און סימבאלישע חזיונות. לייוויק איז ניט בלויז דער דיכטער פון עסטעטיזם. ער איז אויך דער טרעגער פון א גרויסער אידייע. אין לייוויקס שאפן ראנגלט זיך די צוויי־געשטאלטיקייט, דער דואליזם אין דער מענטשלעכער נשמה. דער מענטש פירט אן אייביקן געראנגל מיט זיך, מיט די דעמאנישע כוחות וואס דרעמלען אין אים און פון צייט צו צייט זיינען גובר זיינע בעסערע מענטש־אייגנשאפטן. אין לייוויקס ליד קומט צום אויסדרוק דער פראטעסט קעגן דער רשעות און רציחה פון דעם מין מענטש וואס אידענ־טיפיצירט זיך מיט די חיות אין ווילד־וואלד. לייוויקס שעפערישקייט איז ווארצלדיק־יידיש און דעריבער אוניווערסאל־מענטשלעך. ער איז ממש "קראנק געווען אויף יידישקייט" ווי ער אליין האט עס אויסגעדריקט אין א ליד. ס'איז אוודאי געווען די השפעה ביי לייוויקן פון די גרויסע הומאניסטן; די מאראליסטן, די מאנערם פון געוויסן, אבער אין עצם איז ער דער המשך פון דורות אידישקייט . . .

לעצטנס איז אויך דערשינען נאטאנסאנס א ווערק: "מענטש און קאס־מאס", וואס ער באריירט ביז גאר אינטריגינדיקע ליטעראַרישע און פילאסאפי־שע פראבלעמען. דאס ספר וועט געווים אויפגענומען ווערן ווי א וויכטיקער צו־טראג צו אונדזער עסיי־ליטעראטור.

ניט קיין גרינגלעכן אפשאץ פון נאטאנסאנס ווערק זיינען מיר גרייט דא אייך אונטערטראגן. מיר האבן נאר געוואלט דורך אונדזערע באמערקונגען אנ־ווייזן אז נאטאנסאן וועט בקרוב ווערן אן אכציקער און מ'דארף אט די דאטע ניט פארזען אין אונדזער סביבה. נישט צופיל פארמאגן מיר אט די מענטשן פון מחשבה און געדאנק.

# נח שטיינבערג — דער געקריוודעטער קריטיקער

א מאדנע פאלק זיינען מיר. מיר האבן זיך ליב צו בארימען, אז מיר זיינען א פאלק פונעם ספר — און דאך האט דער ספר, דאס בוך, נישט קיין גליקלעכע מערכה ביי אונדז; ס׳ליגט פארשעמט, פאריתומט אויף די פאלי־צעס פון די ביכער־געשעפטן, אדער אין די קעלערס ביי די מחברים. מ׳הערט גאר ווייניק, אז אין אונדזערע לשונות זאל א מחבר נתעשר ווערן פון זיינס א ספר.

און אויב דער מזל פונעם בוך איז נישט אזא געהייבענער, אז מיר זאלן באמת קאנען שטאלצירן מיט אים, איז די דאליע פון געוויסע מחברים ביי אונדז גאר א שפלדיקע, א טרויעריקע. ביטער איז דאס ברויט פון אט די גע־קריוודעטע, באעוולטע שרייבערס. נישט נאר האבן זיי נישט דעם שכר הסופרים, וואס עס געניסן שרייבערס ביי אנדערע פעלקער — נאר זיי בלאנ־קען ארום אויף אונדזער עולם־התוהו פארשוויגענע, פארשעמטע. זייער גורל איז גרינגשעצונג ביים לעבן און פארשווייגעניש ווען דאס לעבן האט אויפ־געהערט . . .

צו אט דער בראנזשע פון פארשוויגענע מחברים געהערט — נח שטיינ־בערג. כ׳וויל זיך דא נישט אריינלאזן אין פרוידיאנישע סברות און אויפן סמך פון אט די גריבלענישן ארויספשטעלן די סיבות וואס האבן גורם געווען, אז אט דער פארנעמיקער שריפטשטעלער זאל אזוי טראגיש פארשוויגן ווערן ביים לעבן און נישט בעסער איז זיין מערכה יארן נאכדעם ווי ער איז אוועק אין דער אייביקייט . . .

משמעות, די מעטאפיזיקער זיינען גערעכט. יעדער מענטש ווערט גע־בוירן מיט זיין באזונדער מזל און א שרייבער איז דאך אין עצם אן ארימער מענטש, געשמידט אין די קייטן פון גורל . . . איז מן־הסתם נח שטיינבערגס מזל געווען פון דעם געליטענעם, דעם נשמה־ליידנדיקן — און נישט אליין האט ער געטיילט אט דעם גורל. ס׳איז דער טראגיזם פון א תקופה, פון א דור.

## 2

נח שטיינבערג איז געשטארבן א פארביטערטער, מיט דעם געוויין פון אן איוב, זוכנדיק, נישטערנדיק אין דעם גייסטיקן מידבר א מענטש, אן עטישן מענטש וואס קאן באנעמען דעם אינעווייניקסטן צער, דעם טרויער פון א צווייטן מענטש. ער האט דערפילט די אויסגעליידיקטקייט, די פוסטקייט פון טור־שאפונגען, וועט אונדזער סנציאל־געזעלשאפטלעך לעבן זיך דרהייבן צו א

היינטיקן בר־דעת. ער, דער בן־אדם, איז געוואָרן אַ שרייפּל אין אַ מאָרד־מאַשין, אַ קנעכט צו אַ קולט וואו דער צלם אלוקים ווערט צעפּערטלט, צע־ריבן . . . ס׳ערגסטע — דער ליגן מיט וועלכן דער מענטש אַפּעריִרט און פּיי־ניקט זיין קרבן, דעם מיטמענטש . . .

דער "קאָנווענציאָנעלער ליגן" איז די פאַלשע דינסטמויד פון אונדזער געזעלשאַפט — קעגן וועלכן ס׳האָט אַמאָל געשטורעמט דער איקאָנאָקלאַסט מאַקס נאָרדוי — דער גייסט וואָס פּאַרסמט דעם מענטש פון אונדזער צייט. און אויב מ׳זאָל באַצייטנס זיך נישט אַנשטעלן קעגן אים, וועט ער דערפירן די וועלט צו גייסטיקן באַנקראָט . . .

אין זיין לעצטן בוך, "אַ מענטש פאַרלאַנגט", האָט נח שטיינבערג גע־וואָרנט און געמוסרט, ווי די אַמאָליקע שטראָפערס, קעגן אָט דער משוגעת, וואָס איז נאָך ערגער ווי דער אַטאָמישער משחית, — און וואָס וועט אונדז, ווי דער ביבלישער מבול, פאַרשווענקען פון דער ערד, אויב מיר וועלן נישט אָנ־ווענדן אַנדערע מאָסן, באַגריפן אין אונדזערע מענטש־באַציאונגען . . .

3

אָבער אין תוך גענומען, האָט איר אַרויסגעהערט פון אָט די מאָנענדיקע מוסר־רייד פון נח שטיינבערג דעם פאַרביטערטן, אַנטוישטן, ליידנדיקן, גע־קריוודעטן שרייבער־מענטש, וואָס האָט אַמאָל געחלומט צו ווערן דער גרויסער שרייבער ביי יידן. אויף דער עלטער האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז זיין חלום איז צערונען ווי אַ שנייעלע אין דער זון. נישט נאָר איז ער נישט געוואָרן דער שרייבער־קריטיקער, וואָס האָט געחלומט צו ווערן, נאָר בכלל האָט ער גע־טיילט דעם ביטערן גורל פון גרינגשעצונג און פאַרשוויגונג . . .

די פרוסטרירטקייט, די אַנטוישונג האָט אים דערפירט צו זוכן, צו ניש־טערן אין די סאַמע יסודות פונעם מענטש און ער האָט גענומען אַסאָציִירן זיין פּערזענלעכן גורל מיטן טראַגיזם פון מענטש בכלל. זיינע ליידן זיינען די ליידן נישט פון אַן איינצלנעם יחיד אין גרויסן אוניווערס, נאָר ס׳איז אַן אַל־געמיינע חולאת, אַן עפּידעמיע, וואָס האָט זיך אַנגעזעצט אויפן מענטשטום און זוכט אים אַריינשליידערן אין די אָפּגרונטן . . . האָט ער געזוכט אַ תרופה פאַר דעם סאָציאַל־ליידנדיקן מענטשן, וואָס האָט זיך ווי אַ ווירבל־ווינט אַריינ־געדרייט אין אַ באַשטאַנד, וואָס אויב ער זאָל זיך באַצייטנס נישט באַפרייען פון אָט דעם קאַנסער, וועט עם קאָנסעקווענט פירן צו וועלט־אומקום.

נח שטיינבערג האָט די לעצטע יאָרן געלעבט ווי אַ רעליגיעזער מאַמין. ער האָט געהאַלטן אַז ס׳איז גאָר מיאוס און הכנעהדיק צו פאַראַדירן מיט גרויסע ווערטן און שיינע אידעאַלן און אַליין טאָן דאָס פאַרקערטע. אַזאַ מאָ־ראַל איז די מאָראַל פון רשעים און זונות. דאָס זיינען גרימירטע פּאַיאַצן אין אַ צירק. זיי זיינען נאָך ערגער. די ערשטע זוכן פאַרוויילן און אַמוזירן קליינ־

ווארג און האבן דאך נישט קיין פרעטענזיעס צו פריידיקן תורות פון קינסט־לערישע אמתן, בעת די צווייטע רעדן פון קדושה און פרעפלען בוימלדיק וועגן מקריב זיין זיך פאר מענטש־אידעאלן. ער האט פיינט געהאט די גרימירטע צדיקים. פריער פאר אלץ האט ער זיך אליין געשטעלט עטיש־מאראלישע פאר־דערונגען, און דאס האט ער אויך געמאנט ביי די אנדערע שרייבערס.

ווי זאגט ער אין איינעם פון זיינע פראזע־לידער:

„. . . צו וואס טויג זייער הויכער מליצה־טורעם,
אז צו אים דערהייבט זיך בלויז א וויכער פון שטויב ?
א ווארט איז ביי זיי נישט קיין ווארט —
נאר א וועגטקע עפעס צו כאפן. — — ״

---

„זיי לערנען די גאנצע וועלט —
גיבן אלעמען צו פארשטיין . . .
נאר נישט זיך אליין — — — ״

נח שטיינבערג האט באנומען און באטראכט ליטעראטור ווי א תורה, וואס דארף הומאניזירן און פארשענערן דאס סאציאל־לעבן פון דעם האמא סאפיענס. עסטעטיק און עטיק זיינען ווי א צווילינג געבונדן. איינס דארף און מוז דערגאנצן דאס אנדערע.

ער רעדט וועגן משה נאדירן ווי וועגן דעם ווירטואז, דעם מייסטער, דעם מכשף פון ווארט־דעקאראציעס און ווארט־שפילן. ס׳איז אבער פוסטער שפיל. ווערטער אן נשמה, אן קדושה. אין שפעטערדיקע יארן האט נאדיר דערשפירט אז אין סך־הכל האט ער דעם שפיל פארלוירן. ווי זאגט שטיינבערג וועגן אים: ״ער האט זיך געהאלטן אויף א בריק פון ווערטער און זיינע מעשים זיינען גע־ווען איינגעטונקען אין קויט״. (ז. 208 פון דערמאנטן בוך)

ווי זאגט ער ווייטער דארטן אין זיינע ״קריטישע באמערקונגען וועגן נאדירן״ — — ״איבערבוי פון כאראקטער דארף געשטעלט ווערן אין צענטער פון אלע מענטשלעכע אספיראציעס. מענטש־שאפונג איז וויכטיקער ווי קונסט־שאפונג. שוין דא אויף דער וועלט אלערליי ליטערא־תורות — אבער מענטש־מוסטערן זיינען דא וויניק. — — מ׳דארף בויען א נייעם מענטשן און אנהייבן פון זיך אליין . . .״

אין ערגעץ האט טאלסטאי געזאגט: — ״טאלאנט איז ליבע. דער וואס האט ליב איז טאלאנטירט״. יא, אונדזער נח שטיינבערג האט רעליגיעז גע־גלויבט אז דער מענטש פון טאלאנט מוז זיין גאב, זיין יצירה איינשפאנען צו דערהייבן דעם מין מענטש צו א העכערער מדרגה. דער שרייבער וואס ווייזט ניט ארויס קיין ליבע צום מענטש איז עם דערפאר וואס זיין טאלאנט איז סטעריל, אנעמיש, פרוכטלאז.

ער האט געהאלטן, אז דער געוויסן ביי טייל שרייבערס פון אונדזער דור

האָט אַטראָפּירט צוליב דעם גײַעג פֿון זוכן זיך צופּאַסן צום קאָנפֿאָרמיזם. מיר זײַנען געוואָרן שרײַבערס פֿון מאָדעס, שולן, ריכטונגען, אָבער אַז קינסטלערישע אמתן, אַז אידייען. מיר האָבן קאַפּיטולירט צו מאַטעריאַליסטישע קאָמפּאָרטן, צו פֿאַלשע קונסט־געטער. אײנעם גײַעג צו איבערשטײַגן אײנער דעם צווייטן אין פֿאַלש־מינצערײַ, האָבן מיר צעבראָכן די לוחות פֿון אונדזערע קינסטלער־טאַלאַנטן, ס'רוב פֿון זיי האָבן זיך אײַנגעשפּאַנט צו שלעפּן דעם וואָגן פֿון שקר, פֿון ציניזם, פֿון מאָראַלישן גראַמעסק . . .

4

נח שטײַנבערג האָט געזוכט דעם מענטש בײַם שרײַבער און דעם שרײַבער בײַם מענטש. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט שרײַבערס, כאָטש ער האָט זיי געמוסרט, זיך געבייזערט קעגן זיי. אוודאי איז די ליבע נישט געווען קיין קעגנזײַטיקע. מ'האָט אים מיט צופֿיל ליבע נישט אָפּגעדינט.

ער האָט אַ סך געשריבן וועגן שרײַבערס, באַזונדערס וועגן די "יונגע", וועגן די פֿון זײַן דור. שרײַבנדיק וועגן אַנדערע אַנטפּלעקט ער זיך אַליין.

זײַן קריטישער מעטאָד איז נישט דער אָנגענומענער נוסח פֿון בלויז אַנאַליטיש צעגלידערן אַ ווערק און דערמיט איז זײַן עובדא ווי אַ קריטיקער אויסגעשעפּט. ער באַמיט זיך אַרײַנלעבן אין דעם אינטימען לעבן פֿונעם שרײַבער. דאָס אינטימע לעבן פֿונעם אויטאָר דינט אים ווי אַ פּסיכאָלאָגישער שליסל זיך צו דערנענטערן צום תוכיקן, צום נשמהדיקן, צום לאַבאָראַטאָריש־אינעווייניקסטן, וואָס האָט דערמעגלעכט דאָס ווערק.

אים אינטערעסירן אַלע שרײַבערישע דאגות און זאָרגן; קאָנפֿליקטן און קאַפּריזן. זײַנע אָפּשאַצן וועגן שרײַבערס זײַנען פּאָרטיפּטע פּאָרטרעטן פֿון שרײַבער־פּערזענלעכקייטן. איר זעט דעם דיכטער אין זײַנע ליכט־און־שאָטן מאָמענטן. ער וויל איר זאָלט זען אייער באַליבטן אויטאָר מיט אַלע זײַנע מעלות און מיט אַלע זײַנע חסרונות; מיט אַלע זײַנע וועגן און אומוועגן. אין אַ ווערק קאָנט איר דערטאַפּן כלערליי צווײַטן פֿון פּסיכישע קאָמפּלעקסן און סתירות מיט וועלכע ס'ראַנגלט זיך דער קינסטלער. דער קריטיקער דאַרף אין זײַן אַרומנעמיקן אָפּשאַץ אויף זיי אָנווײַזן.

אין זײַן גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן משה נאַדירן פֿירט ער אַרויס דעם שרײַבער־קינסטלער אין ראָם פֿון זײַן פּריוואַט־אינטימען לעבן, דערײַבער ווערט ער פֿאַר אונדז פֿאַרשטענדלעכער, מענטשלעכער.

נח שטײַנבערג פֿירט דעם שרײַבער אַרויס פֿון זײַן איזאָלירטן בוידעם־שטיבל. ער זעט דעם קינסטלער אין זײַן גרויסקייט און אויך אין זײַנע טאָג־טעגלעכע טריוויאַלקייטן. ער זעט דעם שרײַבערס עליה און גלײַכצײַטיק, זײַן ירידה. אָט דער קריטישער קריטעריום איז אפֿשר נישט דער סאַמע אָביעקטיווסטער אין דעם אָפּשאַץ פֿון קינסטלערישע נאַטורן, אָבער דערפֿאַר אָטעמט

ער מיט לעבן, מיט וויטאַליטעט. ער אינטריגירט אונדז צו בלעריי מחשבות וועגן קונסט־שאַפונג און צו דערזען דעם מהות פון קינסטלער־שאַפערס.

ווי זאָגט שטיינבערג אַליין וועגן קריטישע מאָסן: „ — — אַ וויסנ־שאַפטלעכע קריטעריום צו מעסטן קונסט־ווערק איז נישטאָ.

„די מאָס פון קריטיק איז דער קריטיקער אַליין. ס'ווענדט זיך ווי גייסט־רייך ס'איז דעם קריטיקערס פּערזענלעכקייט . . . אַ קריטיקער דאַרף האָבן דעם טאַלאַנט צו זיין רעצעפּטיוו צו קאָנען אַריינדרינגען אין אַ געוויסער שאַ־פונג. ער דאַרף זיין אַלזייטיק מיט חוש פאַר אַלעריי פאָרמען, אינהאַלטן, סטילן . . .

„בלויז אַריינטייטשן און אויסטייטשן אַלעריי אידייען און געדאַנקען איז נישט קיין עכטע קריטיק . . .”

נח שטיינבערג ווערט באַטיטלט ווי דער קריטיקער פון די „יונגע”. ער האָט זיך שטאַרק געמיט צו באַקענען און אַרויסהייבן אָט די גרופּע,—וואָס איז אַריין אין דער ליטעראַטור־געשיכטע ווי די „יונגע” — פאַר דעם לייענער, אָבער די שרייבער גופא האָבן געהאַט צו אים בלעריי טענות.

ער קומט אין אונדזער ליטעראַטור ווי אַ נאָוואַטאָר מיט נייע קעמפּע־רישע פאַראַלן, צו וועלכע מ'איז עפּעס נישט צוגעוואוינט אין אונדזער ליטע־ראַרישער באַלעבאַטישקייט מיט איינגעשטעלטע קריטישע מאָסן און נוסחאות.

די יעניקע אין אונדזער פּרעסע וואָס פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַרישן אָפּשאַץ, האָבן נישט צוגעלאָזט קיין נייעם קריטי־קער, מיט נייע באַגריפן, און ווי ס'איז דער שטייגער, וואָס קומט אָפּפרעגן אַלטע, קאָנסערוואַטיווע אמתן. נישט גרינג איז זיין דרך אויף אונדזער לי־טעראַרישן שליאַך. מ'האָט זיין בוך קריטישע פאַרטרעטן פאַרשריען, דערפון חוזק געמאַכט, נאָך איידער ס'האָט דערזען די ליכטיקע וועלט . . .

דער אמת איז: נח שטיינבערג איז נישט געקומען פאַרנעמען דאָס אָרט פון די אַמאָליקע קריטיקערס. ער קומט מיט זיין אינדיווידועלן צוטראָג, מיט זיין אייגן פּנים. ער וויל נישט זיין קיין פאַרכאַפּער פון אַלטע שטולן. ער וויל זיך נישט קריגן קעגן די אַלט־איינגעזעסענע קריטיקער־פירמעס. אָבער דער רעוואָלט, דער קאַמף ווערט אויף אים ממש אַרויפגעצוואונגען.

זיין צוגאַנג, זיין מאָס צו שאַצן ליטעראַרישע פערזענלעכקייטן איז עפּעס נישט אין דעם אָנגענומענעם נוסח, דערפאַר דער חשד, דער פאַרדאַכט. אמת, ער קומט זיך נישט אַריינרייסן מיט געוואַלד אין אונדזער ליטעראַרישער אכסניה, אָבער זיינע ליטעראַרישע אָפּשאַצן וואָס ער פאַרעפנטלעכט דאָ־און־דאָרט, רופן דאָך אַרויס צופיל אויפמערק, דעריבער דאַרף מען אים נישט אויפנעמען מיט ברייטע אָרעמס. מ'דאַרף אים האַלטן אויף אַ געוויסער דיס־

טאנץ פון ליטעראַרישן שליאַך. די אַנערקענונג טאַר אים נישט אָנקומען גרינג.

אין זיינע שפּעטערדיקע אַרויסטריטן קעגן דער אַנערקענטער יידישער ליטעראַטור־קריטיק האָט ער אַנגעוויזן אַז אונדזער קריטיק ליידט פון צופיל מליצה, פון צופיל טייטשן און אַריינטייטשן. מ׳האָט אַ סך ליטעראַרישע פיר־מעס ביי אונדז צופיל אויפגעגרויסט צוליב איבערגעטריבענער מליצה פון טייטשן און אַריינטייטשן. די פאַמיליאַריטעט צווישן קריטיקער און שרייבער איז אין אונדזער אַרימקייט נישט קיין געזונטע. ס׳האָט דערפירט אַז אונדזער ליטעראַטור־קריטיק וויגט זיך צווישן עקסטרעמען: אָדער איבערטריבענער לויב, אָדער אונטערשאַצן, און וואָס ערגער נאָך — פאַרשווייגעניש. פון אַזאַ אַבנאָרמאַלקייט ווערט אונדזער ליטעראַטור ניט געווינען . . .

איז אוודאי נח שטיינבערג נישט געווען כולו הונדערט פּראָצענט גערעכט אין זיין קריגן קעגן אונדזער ליטעראַטור־קריטיק און אין זיינע קאַמפן קעגן טייל שרייבערס אונדזערע. ווי ס׳איז שווין דער שטייגער פון מענטשן וואָס פילן, אַז זיי האָבן דעם שפּיל פאַרלוירן, כאַפּן זיך אַריין אין זייערע וואָרט־געפעכטן באַגריפן און עלעמענטן וואָס זיינען סתירהדיק צו זייערע עיקר־צילן. נח שטיינבערג אַליין וואָלט מן־הסתם אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן אין אַ מער געלייטערטער סביבה, אַ גאַר־היפּשן טייל פון זיין פּאָלעמישן לעק־סיקאָן שטאַרק אויסגעמיטן און זיך נישט געוואָלט אידענטיפיצירן מיט אים.

מ׳דאַרף אָבער באַגרייפן, אַז נח שטייבערג האָט אַ לעבן־לאַנג געפירט אַ שטילן קאַמף אַז דער רשע, דער בעל גאווה זאָל נישט ווערן דער פאַרכאַפּער. ער האָט געזוכט אַז עטישן צוגאַנג אין אונדזער ליטעראַטור. און דער קאַמף איז געווען אַ דאָן־קיכאָטישער. זיין לוין: פאַרשוויגעניש און איזאָלירטקייט.

ס׳ליגן אין מיין אַרכיון אייניקע בריוו זיינע וואָס זיינען סאַטיריש־ציניש, סאַרקאַסטיש־פאַרביטערט קעגן געוויסע שרייבערס ביי אונדז. שרייט פון זיי אַרויס אַן עלטערער, טראַגיש־איינזאַמער, געקריוודעטער מענטש, וואָס איז איזאָלירט אין אַ פּראָווינץ־שטאָט, און דערצו הערן אים אויף דינען די אויגן, די אַלטע אויגן . . . כאַפּן זיך ביי אים אַרויס ווערטער, עפּיטעטן, וואָס ער, דער עטיקער, דער מוסר־זאָגער וואָלט נישט באַדאַרפט נוצן . . . אָבער אין אַ וועלט פון רישעות איז נישט אַזוי גרינג צו זיין אַ צדיק כולו פיר־און־צוואַנ־ציק שעה פון מעת־לעת . . .

# מרדכי דאַנציס — מענטש און שרייבער

ס׳איז מערקווירדיק ווי די מילן מאָלן ביי אונדז. דוכט זיך, אַט ערשט נעכטן איז ער באַקרוינט געוואָרן צווישן די גדולים, — און אַט, — עטלעכע יאָר זינט זיין אוועקגיי איז דער וועלט פון שאַטנס און ער איז שוין כימעט אַ פאַרגעסענער . . .

ס׳רעדט זיך דאָ וועגן דעם אינטערעסאַנטן מענטשן, פּראָליפישן שרייבער, מרדכי דאַנציס. בעת ער איז געווען טעטיק ווי פּובליציסט, ראַדיאָ-קאָמענטאַטאָר, ציוניסטישער טריבון, איז ער ממש געווען אויף אַלעמענס ליפּן. איז אין דעם פּרט זיינען מיר עפּעס אַ מאָדנע פאָלק. מיר צעפּויקן יעדן גראַשנדיקן געדאַנק וואָס ס׳האָט אַרויסגעזאָגט עפּעס אַ גויאישער שרייבער וועגן יידן, און דאָ זיינען פאַרבאָרגן אוצרות ממש, און קיינער נעמט זיך ניט די מי, זייערע וואונדער צו אַנטפּלעקן . . .

ס׳איז טשיקאַווע: מיר פאַרמאָגן אייניקע ליטעראַטור-פאָרשער וואָס וועלן זיך גריבלען אין מויל-צעפרעסענע אַלטע שימות, כדי אַרויסצוהייבן, אַרויסצופּישן פון שטויב פון פאַרגעסעניש אייניקע פערטל-פּאָעטן און גראַמען-פלעכטער, וואָס זייער גאַנצער גייסטיקער פאַרמעג איז אין גרויסן סך-הכל באַשטאַנען פון אייניקע ביליקע טעאַטער-קופּלעטן. אויפן סמך פון אַט דעם פּאָעטישן באַגאַזש שרייבט מען גרעסערע אָפּהאַנדלונגען, פּירושים און מ׳זוכט אַריינטייטשן ״נישט-געשטויגענע-נישט-געפלויגענע״ רעיונות, מחשבות . . . מ׳שליסט זייערע ״שאַפונגען״ איין אין אַנטאָלאָגיעס און מ׳צעזינגט זיך וועגן זיי תהילות-ותשבחות אין שרייבער-לעקסיקאָנען . . .

האָבן מיר גאָרניט חלילה צו יענע ליטעראַטור-היסטאָריקערס וואָס זוכן אַרויסהייבן פון פאַרגעסנקייט אַט די פאַרגעסענע פינף-גראָשנדיקע לאָורעטן. אוודאי דאַרף מען געפינען אַ זכות פאַר יעדן וואָס האָט זיך געמיט פאַרן יידישן לשון, פאַר דער יידיש-ליטעראַטור. מ׳דאַרף אָבער אין די אָפּשאַצן אָנווענדן די געהעריקע מאָס פון פּראָפּאָרץ, אַנדערש טראָגט עס דעם כאַראַקטער פון — גראָטעסק, חוזק.

ווערט עס דעריבער פאַרדראָסיק ווען מענטשן פון אַ דאַנציס קאַליבער ווערן אַזוי שנעל פאַרגעסן, אַזוי שנעל פאַרגעסן . . .

דאַנציס איז בלי ספק געווען אַ רעגנבויגנדיקע, קאַלירפולע פּערזענלעכקייט. ער איז געווען אַ גאָט-געבענטשטער טאַלאַנט אויף פיל געביטן. ער איז געווען דער שיין-שרייבער פון לירישער מעדיטאַציע און זיין פּען האָט אויך

געקאַנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ביקס אין אַ מאָמענט פון פאַלעמישן צעפלאַקער.

ער איז געווען אַ וואונדערלעכער, האַרציקער מענטש וואָס ס׳איז אים געווען שווער צו זאָגן ״ניין״. אַ סך מענטשן האָבן אויסגענוצט זיין שוואַכקייט פון ניט קאָנען אָפּזאָגן עמעצן אַ ״טובה״ וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן צו זיין פאַר אים אַ רעה . . . ער איז אָפּטמאָל געשטרויכלט געוואָרן צוליב אָט דער שוואַכקייט זיינער וואָס האָט ממש דערפירט צו אומזיסטע קריגערייען און רכילות־טרייבעריי מצד פריינט זיינע. מענטשן פון פּען־צעך וואָס האָבן געאַרבעט מיט אים אין פאַרשיידענע רעדאַקציעס דערציילן אַ סך טשיקאַווע מעשיות וועגן אָט דער שוואַכקייט. ער האָט זיך טיילמאָל געמוזט אויסבאַהאַלטן צוליב די שטענדיקע באַזוכערס וואָס זיינען געקומען צו אים אַז ער זאָל אינטערווענירן דעם און יענעם קהלשן אַפּטרופּוס, צוליב עמעצן אַז ״עוולה״ אָדער אויספּועלן ביי אַן אַנדער ״גדול״ עמעצן אַ בריוול וואָס קאָן העלפן אין פּרנסה עסקים . . . ער, דער גרויסער בעל־טובה וואָס ער איז געווען, און אין פּיל פאַלן, וויסנדיק אין פאָראויס, אַז דאָס וואָס דער באַזוכער פאָדערט פון אים, איז ממש אוממעגלעך צו דערגרייכן, אָבער ניט האָבנדיק דעם מוט צו אַנטזאָגן דעם ניט־געבעטענעם גאַסט, האָט ער צוגעזאָגט אַז ער וועט זיך באַמיען דורכפירן דעם פאַרלאַנג . . . אָבער ניט האָבנדיק וועלכע ס׳איז מעגלעכקייט די הבטחה גוטצומאַכן, האָט עס אים געפירט צו אַלערליי קאָפּ־דרייעניש און אומזיסטע פאַרדרוסן. ס׳האָבן אים אויך אויסגענוצט כלערליי נודניקעס און שאַרלאַטאַנעס וואָס זיינען טאָג־טעגלעך אים געקומען באַזוכן אין די רעדאַקציע־צימערן. אין זיין שרייב־חדר האָט מען תמיד געטראָפן איניקע מענטשן וואָס זיינען געקומען צו אים וועגן דעם און יענעם פּראָבלעם. און דאַנצים האָט קיינעם ניט געטריבן און קיינעם ניט אַנטזאָגט . . . איז מען געקומען צו אים ווי צו אַ רבין זיך צו עצהן וועגן עמעצן אַן אינטימען, רייןפּריוואַטן עניין. אָט די איניקע פּאָרטרעט־שטריכן כאַראַקטעריזירן אַמבולטסטן דעם האַרציקן מענטשן, דעם בעל־מידות וואָס איז תמיד גרייט טאָן אַ טובה אַ באַקאַנטן און אין מערסטע פאַלן מענטשן וואָס ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן פריער ניט געזען, אַפילו. ווען אַ סך פון אָט די טאָג־טעגלעכע עצה־טובהניקעס האָבן אים פאַרשאַפט אַ סך אומאַנגענעמלעכקייטן . . .

דאַנצים דער שרייבער איז געקומען צום אויסדרוק אין כמעט אַלע שרייבפאָרמען. ס׳איז געבליבן אַ היפּש ביסל פון גאַר נישקשהדיקע, ראַפינירטע לידער וואָס זיינען געווען געדרוקט אין פיל שריפטן און אין זשורנאַלן. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט פיינע דערציילונגען וואָס האָבן אַרויסגעהייבן עקזאָטישע געשטאַלטן פון אונדזער אַמאַליקן לעבנס־שטייגער מעבר לים און אויך פון דער אַמאַליקער ״איסט־סייד״ וואָס האָט געשפּרודלט און געווימלט מיט טשיקאַווע ביזאַרע יידישע טיפּן.

זיין פּראָליפישע פּעדער האָט אויך איבערגעלאָזט אייניקע ביז־גאָר אינ־טערעסאַנטע ראָמאַנען אויף אַ ברייטער היסטאָרישער קאַנווע. די לעבנס פון שלמה מיימאָן, דעם טיפן דענקער פון 18טן יאָרהונדערט, מקובל און באַהעם־וואַנדערער; וועגן דעם וויזיאָנער־ראָמאַנטיקער, דעם באַגרינדער פון פּאָלי־טישן ציוניזם, טעאָדאָר הערצל, וואָס האָט מיט זיין מעטעאָרישן אויפבליץ אין יידישן לעבן איבערגעלאָזט טיפע שפּורן. — ביידע אָט די לעגענדאַרע געשטאַלטן ווערן געמאָלן מיט אַ סך וואַרימקייט און פּיעטעט. ס'שנירלט זיך אין זיי דורך דאָס סוביעקטיוו־יחידישע; די אידייאישע זוכענישן און גילגור־לים וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געמאַטערט דעם מוח פון דעם מחבר אַליין — דאָ זעט איר זיינע גייסטיקע סימפּאַטיעס און יענע אַספּעקטן און פאַזן אין יידישן לעבן, וואָס האָבן אים אויפגעטרייסלט און איבערגעלאָזט טיפע וואונדן אין זיין צאַרטער נשמה. ס'איז אַוודאי אַ שאָד וואָס אָט די פּרעכטיקע נאָוועלן זיינען נאָך ביז־איצט ניט פאַרעפנטלעכט אין בוך־פאָרם.

ס'איז באמת אַ חוב פון זיינע אומצאָליקע פריינט וואָס זיינען צו אים אַזוי אָפט געקומען אַז ער זאָל זיך עוסקן פאַר זייערן אַ פּריוואַטן עניז, אַז זיי זאָלן זיך איצט מטריח זיין און אַרויסברענגען אייניקע בענד פון דאַנצים' געזאַמלטע שריפטן וואָס וואָלטן זיכער געווען אַ וויכטיקער צוטראָג צו דער יידיש־ליטעראַטור.

דאַנצים האָט אויך פאַרעפנטלעכט טויזנטער אַרטיקלען, פעליעטאָנען און עסייען אין פאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפטן. ס'וואָלט געווען אַ חסד של אמת ווען אַ געוויסער טייל פון אָט די וואונדערלעכע עסייען און שפּילעוודיקע פעליעטאָנען זאָלן אַריינגענומען ווערן צווישן צוויי טאָוולען און זאָלן ניט פאַרלוירן גיין צווישן צייטונג־שטויב . . .

אין אַן אָפּקלייב פון גאָר אַ קליינעם טייל פון זיינע שריפטן וואָס איז דערשינען באַלד נאָך זיין פּטירה, האָט דאַנצים דאָרטן אַ מיניאַטור־עסיי "אַ צייט צו זאַמלען" וואָס דינט פאַרן באַנד ווי אַ פּאַסיקער אַריינפיר. ער שרייבט צווישן אַנדערס: ". . . ווען די מעלאָדיע וואַכט אויף, זעץ איך זיך אַוועק און שרייב. אַמאָל שרייב איך נישט מער ווי אַ פּאָר בלעטלעך, אַמאָל אַ גאַנץ קאַ־פּיטל. וואָס ס'וועט דערפון אַרויסקומען ווייס איך נישט, ס'קימערט מיך אויך נישט. אפשר וועל איך עס אָפּדרוקן, אפשר וועט עס בלייבן אינאיינעם מיט אַנדערע ניט־פאַרעפנטלעכטע מאַנוסקריפּטן. אַוודאי דאַרף מען עס אָפּדרוקן, אַוודאי . . . — אַזוי רעדט צו מיר אימיצער פון צייט צו צייט, מאַנט ביי מיר און האָט צו מיר טענות. פאַרוואָס ניט אַ בוך? פאַרוואָס ניט עטלעכע בי־כער? האָסט געגוג אָנגעשריבן אין דיין לעבן, קלייב אָפּ דאָס בעסטע, דאָס וואָס פאַרדינט אַריינגענומען צו ווערן צווישן טאָוולען, יאָ, זאַמל איין די תבואות וואָס דו האָסט פאַרזייט און געשניטן אין שייער . . . זאַמל איין וואָס גיכער ס'זאָל חלילה נישט ווערן צו שפּעט . . ."

איז שוין דאַנציסן ניט באַשערט געווען איינצוזאַמלען זיין גייסטיקן פאַר־מעג. יאָ, ס'איז געוואָרן שפּעט. ער איז פּריצייטיק און פּלוצים אַוועק פון אונדזער וועלט. דאַרפן עס טאָן זיינע הונדערטער פריינט, זיינע טויזנטער לייענער וואָס האָבן געהאַט אַ גייסטיקן גענוס בעת זיי האָבן געלייענט דאַנ־ציס' פּרעכטיקע אַרטיקלען און עסייען.

דאַנציס איז ניט געווען קיין געשוואָוירענער יידישיסט, כאָטש ער האָט דאָך געהאַט אַזאַ ליבשאַפט צו אונדזער יידיש־קודש און צו אונדזער יידישער ליטעראַטור. דאַנציס איז ניט נאָר געווען פאַרליבט אין דער יידישער ליטע־ראַטור, נאָר אויך אין אירע שאַפערס. ער האָט זייער אָפט געשריבן און גע־רעדט וועגן יידישע דיכטערס, דערציילערס, עסייאיסטן און וועגן שרייבערס בּיכלל. ניט נאָר האָט ער געשריבן וועגן די קאַרפּן־קעפּ, וועגן די גדולים, נאָר דווקא וועגן די קלענערע, וועגן די וואָס ווערן געקריוודעט און די אָפיציעלע קריטיקערס פאַרזעען זיי . . . ער האָט געהאַט באַציאונג און וואָרעמקייט גראַד צו די יעניקע וואָס פאַרנעמען ניט דעם אויבנאָן, וואָס פאַרמאָגן ניט קיין שטאַרקע עלנבויגנס . . . ניט נאָר שרייבערס האָט ער מקריב געווען מיט אַ גוט וואָרט, נאָר ער האָט בכלל דערמוטיקט און געמונטערט יעדן שאַפערי־שן כוח, צי אין דער ליטעראַטור אָדער אין וועלכן ס'איז אַנדער צווייג וואָס איז פאַרבונדן מיט קינסטלערישער יצירה. ער איז אין דעם פּרט געווען אַן אויסנאַם צווישן די שרייבערס.

ער זאָגט עס טאַקע אין אַן עסיי — "מיר איז שטענדיק שווער אָפּצוטיילן דעם שרייבער פון בוך. ווען איך לייען אַ בוך, אינטריגירט מיך צו וויסן וואָס פאַר אַ מענטש איז דער פאַרפאַסער: איז ער יונג אָדער אַלט, איז ער אַ מענטש מיט פיינע מידות אָדער אַ רשע און ווי זעט ער אויס? איז ער פון הויכן אָדער נידעריקן וואוקס? איז ער אַ בלאָנדער אָדער אַ ברונעט? און נאָך און נאָך זאַכן אינטערעסירן מיך צו וויסן וועגן דעם שרייבער וועמענס שאַפונג איך האַלט אין מיינע הענט . . ." (פון בוך "אייגן ליכט", ז' 341).

ווי איר זעט איז דאַנציס ניט נאָר פאַראינטערעסירט אין דעם ווערק גופא, נאָר ס'פאַראינטערעסירט אים אויך דאָס פּערזענלעכע פונעם מחבר. און פון דעם וואָס כ'האָב געלייענט פון דאַנציס' פּעדער און פון אייגענער דערפאַרונג, ווייס איך, אַז דאַנציס האָט געזוכט און גענישטערט ביים בעל מחבר דאָס יחידישע, דאָס אינטימע, דאָס אינעוווייניקסטע וואָס דער מחבר זוכט אָפטמאָל פאַרבאָרגן אין זיינע ווערק. אַנדערע באַטראַכטן פאַר אַ חסרון אַריינצוברענגען דעם פּערזענלעכן מאָמענט אין זייער שאַפערישן גאַנג. ער האָט עס באַטראַכט פאַר אַ געוואַלדיקער מעלה. מיר ווילן ניט נאָר דאָס ווערק, נאָר אויך דעם מענטש הינטערן ווערק. דאָס דאַרף זיין דער שפּיגל פאַר דער נשמה פון דעם שרייבער. דער שרייבער דאַרף ניט נאָר זיין דער "נאה דורש", נאָר אויך דער מענטש פון מעשים טובים. ס'איז אוודאי ניט קיין חסרון צו

געפינען עסטעטישקייט אין א ווערק פון א מחבר, — ס׳איז אבער אויך פון א העכערער מדרגה ווען דער שאפער פארשעמט ניט דורך זיינע טאג־טעגלעכע מעשים די שיינקייטן וואס געפינען זיך אין זיינע ווערק . . . יא, אזוי האבן זיך יידישע מחברים און געלערנטע תמיד נוהג געווען.

זאגט טאקע דאנצים אין אן אינטערעסאנטער עסיי ״טשיקאווע דער־פארונגען פון א לייענער״ אט וואס: ״דער ווילנער גאון איז געווען פארהיי־ליקט ביי יידן ניט פאר זיין גאונות, ניט פאר זיין פירוש אויף משניות, נאר דער עיקר פאר זיין צדקות, פאר זיין דערהייבנקייט אלס מענטש, אלס אדם עילאה״ (פון דעם דערמאנטן בוך אויף ז׳ 341).

דאנצים איז דא טיף יידיש אין זיין אויפפאס פון קינסטלערישער יצירה. ס׳איז ניט דער דרך אין דער קונסט וואס איז דער עיקר פאראינטערעסירט מהנה צו זיין דעם לייענער מיט עסטעטישע ווערטן. די עטישע דרכים פון מענטש ביכלל און פון די מחברים ביפרט זיינען ניט דעם ״ראפינירטן״ לייע־נערס דאגות; ס׳איז א טפל זאך; דער מחבר איז ניט קיין מאראליסט, ער איז ניט מחוייב אונדז צו געבן מוסר ספרים און זיינע אייגענע מידות, אויפ־פירונגען אין זיין פריוואטן לעבן דארפן בלייבן ריין־פריוואט.

ניין! דאנצים דער יידישער מענטש, דער יידישער שאפער, מיט ווארצלען אין אלטע קוואלן, וואס האבן משפיע געווען זיין שאפערישן גאנג, איז אומצופרידן פון אט דער מאדערנער פילאסאפיע, וואס זוכט נאר ווירקן אין די ספערן פון עסטעטיק אליין. די פערזענלעכקייט פונעם שאפער דארף אונדז דינען ווי א מוסטער. צו אים הייבן זיך די אויגן פונעם פאלק, ווי צו דער זון. דארף זיין שאפערישער וועג און זיין ריין־יחידישער גאנג זיין די פאר־קערפערונג פון געלייטערטקייט און קדושה. דער קינסטלער דארף ניט נאר שאפן גרויסע ווערק, נאר אויך זיין אייגן לעבן אין דער באציאונג פון ״בין אדם לחברו״ דארף אונדז אינספירירן . . .

דאנצים איז אויך אפט ארומגעפארן איבער לענדער און קאנטינענטן און ס׳זיינען געבליבן גייסטרייכע שילדערונגען פון זיינע נאענטע און ווייטע נסיעות, צווישן זיי א גאר פיין בוך — ״היימלאנד״.

אין אט דעם בוך קומען צום אויסדרוק אימפרעסיעס, איינדרוקן פון א רייזע קיין ארץ ישראל. דא איז דאנצים נאסטאלגיש לירייש. ער לעבט ווידער פאר אונדז אויף ארץ ישראל, בילדעריש, מאלעריש אזוי ווי מיר האבן גע־קענט דאס לאנד פון די אבות פון די בלעטער פון אונדזער תנ״ך. ווי א מאזאיק פון שיינעם געוואנט מאלט פאר אונדז דאנצים דאס לאנד פון זיין חלום, פון אונדזער אלעמענס חלום. די פרעכטיקע נאטור לאנדשאפטן, די שיין־דעקא־רירטע קארניוואלן פון תל־אביב, די שווארץ־אויגיקע תימנער שיינהייטן, אלץ, אלץ איז געמאלן מיט אזויפיל תפילהדיקע אויסגוסן . . . באטש דא־און־דארטן וועט איר געפינען אומפינקטלעכקייטן וואס האבן א שייכות צו סטאטיסטיק,

צו סאָציאָלאָגיע. אָבער דאָס איז ניט דער עיקר. דער עיקר: מיר האָבן דאָ דאַנציסן דעם פאַרליבטן אין לאַנד פון אונדזערע אָבות מיט אַלע חושים פון זיין נשמה. ס'איז אַ ביז־גאָר וויכטיק אויטאָביאָגראַפיש ווערק.

בעת אונדזער היינטיקערווירקלעכקייט, ווען ישראל איז שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אייגענער מדינה, זיינען די בילדער וואָס דאַנציס מאָלט אַזוי לעבעדיק, נאָך היינט פאַר אונדז פריש־צאַפּלדיק און פאַרמאָגן אוודאי דעם חן פון קינסטלערישער פאַרטרעטירונג.

דאַנציס דער קוועקזילבערדיקער זשורנאַליסט וואָס איז אַ ברכה פאַר אַ טאָג־צייטונג. די אַרבעט ברענט ממש אונטער זיינע הענט. ער איז בכוח געוועזן אַליין אויסצופילן די ליידיקע זייטן פון אַ צייטונג און זיין פּרעכטיק פאָלקסטימלעך לשון ווערט ניט אַן פון איר שיינקייט מיט וואָס ער איז זיך קונה שם געוועזן פאַר אַ סך, אַ סך יאָרן אין אונדזער צייטונג־פּראָפעסיע.

ס'איז פאַראַן אין זיין וואונדערלעכן סטיל די שפּילעוודיקייט פון אַלטן, אויסגעשטאַנענעם וויין . . . איר האָט גרויס הנאה לייענענדיק דאַנציסן אפילו ווען ער שרייבט וועגן סתם גרוי־וואָכעדיקע ענינים. ער האָט פאַרמאָגט דעם כוח צו באַלעבן דעם ענין וואָס ער באַרירט דורך דער שיינקייט פון זיין פאָלקסטימלעך, אידיאָמאַטיש לשון. עס פילט זיך ניט די בליי־שווערקייט אין זיין אויסדרוק. זיינע זאַצן, פּאַראַגראַפן האָבן זיך אַזוי גראַציעז־חנעוודיק געשנירלט, געשלענגלט ווי אַ פריש־קוואַלידיקער טייכל ביים אָנהייב פרילינג...

איז איצט, — בעת ס'זיינען שוין אַוועק אייניקע יאָר זינט דאַנציס האָט פאַרלאָזט אונדזער עולם־השקר, דאָס טומלדיק־האַווענדיק וועלטל, וואו דער מענטש איז רק פאַרטאָן אַרומשמייענדיק צו באַפרידיקן זיינע עגאָ־אינטערעסן, זיינע עקסצענטערישקייטן, — די צייט זיך צו דערמאָנען, אַז ס'האָט אַמאָל, אין דעם ניט־גאָר ווייטן עבר, זיך אַרומגעדרייט צווישן אונדז אַ וואונדערלעכער מענטש, אַ זעלטן־אינטערעסאַנטער שרייבער, וואָס האָט מיט זיין טאַלאַנטפולער פעדער צוגעטראָגן פּערל וואָס ס'וואָלט געווען אַ יושר זיי איינצוזאַמלען, וואָס אים דעם שרייבער אַליין איז ניט באַשערט געווען, אין די שייערן פון אונדזער יידיש־ליטעראַטור . . .

1957.

# משה וויטיעס — קריטיקער־עסייאיסט

משה וויטיעס (דר. מ. סארגען) איז אין אונדזער ליטעראַטור ניט קיין פּנים־חדשות. ער איז שוין ליטעראַריש־פּראָדוקטיוו אַ סך יאָר, כאָטש ער איז נאָך ניט קיין "אויבנאָניקער" אין אונדזער ליטעראַטור; ער געהערט נאָך ניט צו דער בראַנזשע פון געוואויגענע און געמאָסטענע . . .

אין משך פון זיין ליטעראַריש שאַפן האָט ער אָפּגעשפּאָרט אַ גאָר וואָזשנעם פּאַרמעגן, וואָס אַ סך שרייבערס מיט איינגעפונדעוועטע רעפּוטאַציעס, וואָלטן מיט אים געמעגט שטאָלצירן, הן אין איכות און הן אין כמות . . . זיין ערשטלינג בוך: "עסייען וועגן ליטעראַטור" וואָס איז דערשינען דורכן פאַרלאַג "פעדער" באַשטעטיקט עס.

לאַנג האָט אונדז משה וויטיעס געלאָזט וואַרטן אויף זיין ערשטלינג, אָבער ס'האָט געלוינט. זיין ווערק וועט זיכער אויפגענומען ווערן פון בעסערן יידיש־לייענער ווי אַ וויכטיק־וואָגיקער צוטראָג צום אוצר פון יידישן וואָרט.

דער מחבר אין זיין אַריינפיר־וואָרט זאָגט עניוותדיק: "איך האָב זיך געשטעלט דעם ציל אויפצושטעלן אַ בוך וואָס זאָל פאַראייניקן די הנאה, דעם פאַרוויילנדיקן געניוס פון דער ליטעראַרישער עסיי, מיט דעם נוצלעכן און באַלערנדיקן פון אַן אינפאָרמאַטיוון טעקסט" (ז' 11).

דער מחבר באַמיט זיך אין אָט דעם ווערק אונדז געבן אַ האַנט־בוך פאַר ליטעראַטור און וועגן אונדזער וואָרט־קונסט אין די פאַרשיידענע זשאַנערן און ליטעראַרישע ריכטונגען. " — — — אין אונדזער יונגער ליטעראַטור אויף מאַמע־לשון איז דאָס פעלד פון טעאָרעטישער פאַרטיפונג אין דער עסטעטיק, אין דער פילאָסאָפיע פון ליטעראַטור, אין גאַנצן גענומען, אַ קרקע־בתולה. דער מין עקספּערטיזע באַלייכטונג פון ליטעראַטור־פּראָבלעמען איז ביי אונדז כמעט ניט בנמצא . . ." (ז. 10).

איז דאָס בוך געשריבן טעקסט־בוך מעסיק מיט אַן אויג צו געבן פּרעציזע דעפיניציעס איבער צענדליקער טערמינען וואָס קורסירן אויף דער ליטעראַרישער בערזשע. מיט איין וואָרט: ס'איז אַ בוך צום לערנען און הנאה־האָבן.

ווען איר באַקענט זיך אָבער מיט די אַכטצן קאַפּיטלען וואָס דאָס בוך פאַרמאָגט, זעט איר אַז ס'איז מער ווי אַ בוך מיט ליטעראַרישע פּירושים. אמת, ס'איז אַן ערנסטער פּרוּוו אַקאַדעמיש, כמעט פּראָפעסאָריש, צו באַ־

האנדלען פארשיידענע אספעקטן און פאזן אין דער ליטעראטור־וועלט—ס׳איז אבער מער ווי דאס. דא קומט צום אויסדרוק וויטיעס — דער קריטיקער־עסייאיסט אין זיין פילפארביקייט.

משה וויטיעס׳ ליטעראַרישע פאַרם איז די רעפלעקסיע, די קריטישע עסיי. אונדזער ליטעראַטור־קריטיק האַט נאָך בכלל עפּעס אַ שטיף־מוטערישע באַציאונג לגבי אַט דעם ליטעראַרישן זשאַנער. ס׳זיינען ביי אונדז בכלל נאָך ניט קלאָר די פונקציעס פון דער עסיי.

ס׳זיינען פאַראַן ביי אונדז ליטעראַרישע קאַבלעפּל וואָס האָבן בכלל אַ נעגאַטיוו־פּראַסטיקע באַציאונג לגבי אַט דעם ליטעראַרישן זשאַנער. אָבער, אַפּגעזען, וואָס ס׳דענקען די דאָזיקע ליטעראַרישע עפּיגאָנען מיט פאַרעלטער־טע באַגריפן וועגן ליטעראַטור, הייבט זיך אָן איינהיימישן, איינגלידערן אַט דער צווייג ביי אונדז. מיר האָבן שוין אַ באַדייטנדיקע צאָל פון חשובע, וואָגיקע מיטגלידער אין אַט דעם זשאַנער פון אונדזער ליטעראַטור, כאָטש זייערע ליטעראַרישע פונקציעס זיינען נאָך ניט קלאָר דעפינירט געוואָרן . . .

משה וויטיעס פאַרמאָגט די באַרופענע אייגנשאַפטן פון דעם עסייִ־נוסח. ער פאַרמאָגט — ערודיציע, וויסן, סיי יידיש און סיי סעקולאַר וויסן. און דער עיקר: ער קאָן טאַקע אויסגעצייכנט די ספּעציפישע טעכניק פון אַט דעם זשאַנער. ער פאַרמאָגט אַ באַזונדערן חוש אַרויסצוקריגן אַלע וואָרט־קלאַנגען, וויבראַציעס, ניואַנסן, שאַטירונגען פון אונדזער מאַמע־לשון. ער קאָן שרייבן אין קלאַסיש־אידיאָמאַטישן נוסח; אונדז מהנה זיין מיט אגדה און מדרש־לשון. ער איז גאָר אַ גרויסער בריה צו שרייבן וועגן די קאָמפּליצירטסטע, אַבסטראַקט־שווערע פילאָסאָפישע ענינים מיט געמיטלעך שפּילעוודיקער לייכטקייט. דאָס איז דאָך אַ מדרגה צו וועלכער נאָר שפּראַך־ווירטואָזן קאָנען זיך דערהייבן. ער זאָגט טאַקע: "די מייסטער ליטעראַטן, אַלע כמעט — אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט — זיינען אין זייער סטיל, אין געדאַנק אַזוי איינפאַך, און לויטער און נאַטירלעך".

אונדזער יידיש פאַרמאָגט דאָך שימערירנדיקע וואָרט־פּערל, מ׳דאַרף נאָר קאָנען זיך אַראָפּלאָזן אין די טיפענישן פונעם פאָלק כדי זיי פון דאָרטן אַרויסצוציען. און אונדזער משה וויטיעס איז אַ געניטער טויכער אינעם ים פון שפּראַך־חידושים און וואונדער. זיין אופן פון אויסדרוק שמעקט מיט פריש־אויפגעאַקערטער ערד. עס פילט זיך אויך דער שוימיק, שאַרפער ריח פון עפּל־זאַפט. זיין סטיל איז קרישטאַל־קלאָר און האַרציק באַטעמט.

זיינע עסייען באַזיצן קולטור, געדאַנק, חריפות, וואָס זיינען דאָך אייגנט־לעך גאָר גרויסע מעלות ביים טאַלאַנטירטן עסייאיסט. אחוץ אינטעלעקט, צייכענען זיך זיינע עסייען אויס מיט שוואונג, וויטאַליטעט, שאַרם, ראַפּי־

נירטקייט, עלאַסטישקייט, שפּילעװדיקייט, װאָס רעגן, באַװירקן, סטימולירן דעם לייענער צו פּאַרטיפּונג, מעדיטאַציע, דערהייבונג. װי טרעפלעך זאָגט עס טאַקע װיטיעס אַליין אין איינער פון זיינע פּרעכטיקע עסייען—"װעגן סטיל": "דאָס גאַנצע לעבן פונעם אמתן קינסטלער איז אָפּגעגעבן דעם ציל אַריבער־צובליקן איבער דעם עולם־השקר פונעם אילוזאָרישן און שיינבאַרן, צו דער העכערער װעלט פון אידייע און אַנטפּלעקונג; און זיין שטרעבן איז צו מייס־טערשאַפט פון פאָרעם און װאָרט, בכדי צו פיקסירן זיין זעאונג אין דעם פּאַר־כישופטן שפּיגל פון ליטעראַטור" (ז. 61).

ניט נאָר דער קינסטלער דאַרף אַנטפּלעקן דאָס װייטע, דאָס ניט־זעע־באַרע, דעם "בלויען־פויגל" דורך דער מאַגיק פון זיין װאָרט, אויך דער עכטער עסייאיסט — װאָס זיין פורעם איז דאָך אַ באַשטאַנד אין דער שיינער ליטע־ראַטור — אין זיין פּלי־פּלאַטער איבער ענינים פון אונדזער קיום, האָט דעם זעלביקן ציל: סוגעסטירן דאָס עסטעטיש־שיינע, דאָס גרויסע — דעם אויס־געחלומטן מאָרגן פון אַ ליכטיקער װעלט.

דער עסייאיסט איז ניט נאָר באַרופן אַרומצושפּאַצירן מיט אונדז דורך די לאַבירינטן פון די װעלט־קולטורן און אונדז באַקענען מיט די גאונישע אויפטועז װאָס לייכטן אַרוים װי דימענטן פון די פאַרגאַנגענע דורות. דער עסייאיסט דאַרף אויך אין אונדז אָנצינדן אַ לעמפּל װאָס דורך אים זאָלן מיר קאָנען דערזען די אויסגעפּאַנטאַזירטע װעלט פון מאָרגן. װי זאָגט דער באַ־רימטער אַמעריקאַנער שרייבער, ראָבערט אינגערסאָל, װעגן דעם גרויסן דראַמאַטיקער, װיליאַם שעקספּיר, װאָס האָט אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין דער מענטשלעכער נשמה: "אין דעם פּלאַם פון שעקספּירס גייסטיקער שע־פעַרישקייט האָבן די אָרעמסטע מעטאַלן אַנגענומען די פאָרם פון גאָלד... פּשוטע, װאָכעדיקע מענטשן האָבן איבערגעשטיגן אָלימפּישע געטער".

יאָ, דער כּוח פון טאַלאַנט, פון ליטעראַרישער שעפערישקייט דאַרף אין אונדז אויפװעקן די פּאָטענצן צו װייטע האָריזאָנטן, צו אַ שענער לעבן אין דער װעלט פון מאָרגן...

אָבער דער עסייאיסט איז ניט אינגאַנצן שלום־ושלװה מיט דעם אידייען־אַרכיטעקט. ער זאָגט אונדז ניט אַלעמאָל צו קיין גן־עדנס. פּאַרקערט, ער זיצט ביים פּאַרקאַן פון גן־עדן, װאָס ס'האָט פאַר אונדז פאַרטראַכט דער רעליגיעזער דענקער, דער פילאָסאָף, דער סאָציאָלאָג און ער לאָמענטירט לירישנאָקטורניש: אַז דער גאַנצער געריידר װעגן דעם אימאַגינערן פּאַראַדיז, װעט גאָר זיין אַ שרעקלעכער גיהנום פאַר דעם מענטשן פון מאָרגן... ער איז סקעפּטיש, איראָניש, ציניש. װאָרפט אָן אַן אומרו, אַ מורא. ער ברענגט אַריין דעם װאָרעם פון צװייפל, פון ספק — טאָמער פאַרקערט?...

ווי פאַרשטייט דער עסייאיסט, משה ווײַטיעס? לאָמיר דאָ איבערגעבן אין זיינע אייגענע ווערטער: "דער עסייאיסט רעדט צו זיין לייענער "כדבר איש על רעהו", ווי צו אַ נאָענטן חבר. ער איז ניט ביי זיך קיין גאָט־געזאַלבטער און ער האַלט זיך נישט פאַר קיין "אָראַקל" וואָס האָט אַ פּריווען צוטריט צום ראַט פון די געטער; אים איז נישט אָנפאַרטרויט די לעצטע וויזהייט, און ער רעדט נישט אַראָפּ פון אָלימפּישע הויכן מיט אַ טונקל־סימבאָלישער מעטאַפאָריק צו זיין בלודנעם, געפּלעפטן צוהערער, וואָס בוקט זיך פאַר אים מיט דערשראָקענעם יראת־הכבוד. אויך דער עסיי־שרייבער, ווי זיין לייענער, איז אַן עלנטער ילוד־אישה, אַ נאַטור־קינד וואָס האָט אויפגעוואַקסן אין דעם פאַרשאָטענעם אור־וואַלד פון מיסטעריעס וואָס באַגלייטן דאָס לעבן. ער איז דער פּראָטאָקאָל־פירער פון זיינע אייגענע אוואַנטורן מיטן לעבן, זיין צוזאַמענטרעף מיט דער וועלט. ער איז אַ פרייער דיכטער, אין דער ליטעראַטור פון זיין פאָלק וואָס שאַפט עסייאיסטישע פּראָזע־ליריק אויף דער טעמע "איך און די וועלט" . . . דער שרייבער פון עסיי איז אַן אייביקער סקעפּטיקער; ער דעראַנט די האַלבע און שטיקלעך אמתן פון אַלע קרעדאָס, אָבער דער חוש פון אַן אָפענעם ניט־פאַרקנעכטעטן מוח זאָגט אים אונטער, אַז דער גאַנצער קיילעכדיקער אמת, דער שיקזאַל פון מענטשן־מין אין סוף־הימים, האָט מען נאָך דערווייל צו אונדזערן אַ בר־נש, נישט מגלה געווען . . ." ("וועגן עסייען און עסייאיסטן", ז. 160).

אינעם דאָזיקן גרעסערן אויסשניט פון זיין עסיי, האָט איר ניט נאָר דאָס נשמהדיקע, די פּסיכישע פיזאָנאָמיע פון אונדזער עסייאיסט משה ווײַטיעס, נאָר איר האָט דאָ אויך אַ דעפיניטיווע כאַראַקטעריסטיק וועגן די פונקציעס פונעם עסייאיסט אין דער ליטעראַטור. דער עסייאיסט איז דער "שטענדיקער סקעפּטיקער" וואָס ברענגט אונדז פיצלעך, ברעקלעך אמתן פון אַלע קרעדאָס אָבער מיט אַן אָפענעם און קלאָרן מוח וואָס איז ניט געבונדן און געקאָוועט אין קייטן פון אַ באַשטימטן, איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל, צוגעשניטענעם פאַסאָן. דער עסייאיסט איז ניט סעקטאַנטיש־פאַנאַטיש. זיין באַנעם און אויפפאַס פון אונדזער סאָציאַלן צוזאַמענלעבן איז ניט אין נוסח פון די מאַניסטן וואָס זיינען שטערבלעך פאַרליבט — אין איין גאָט, אין איין אידייע. דער עסייאיסט איז אַלעמאָל גרייט זיך צו פאַרליבן אַ צווייטן מאָל. ער איז דער אייביקער טוריסט וואָס זוכט אַרום קוריאָזן און פלאַקערט מיט נייגער צו געפינען נייע וועלטן. ער האָט פיינט גיין אין שפּאַן פון קאָנווענציאָנעלן שאַבלאָן. שטייענדיק וואַסער טריקנט אויס, גליווערט און לאָזט איבער אַ סמיקן געשטאַנק אין דער לופט. וואַסער אין שטענדיקן באַוועג איז שפּרודלדיק, באַלעבנדיק, דערפרישנדיק; "מים־חיים" פאַר די גייער און וואַגלער אין מדבר.

מענטש און אידייע, זיינען אונטערגעוואָרפן דעם עוואָלוציע־שפּאַן פון טראַנס־
פאָרמאַציע און ענדערונג. די אידייע וואָס איז ניט דיאַלעקטיש־עלאַסטיש איז
פאַרמישפּט צו דער עלטער־קראַנקייט פון אַרטעריע־סקלעראָז . . .

אידייען, סיסטעמען, שיטות, ווי דער מענטשלעכער מין, גייען דורך די
זעלביקע פּראָצעסן, גילגולים פון יונג און אַלט. דער מענטש אין זיין יוגנט־
בלי איז פריש, רייצנדיק, אימפּולסיוו, רעוואָלטירנדיק, בונטאַריש. דער
אייביקער דאָן־זשואַן, וואָס איז גרייט צו ליבע־אַוואַנטורעס.

מענטש אין פולן רייף פון עלטער הייבט אָן פאַרלירן דעם כאַראַקטער־
ריסטיש, פיזישן חן און פלאַטער. ליבע אַוואַנטורעס זיינען נאַרישקייטן;
נישטיקייטן פון יוגנטלעכע שנעקעס, פון אַ לאַנג־פאַרגעסענער צייט . . . ער
הייבט אָן ליידן פון דער טיפּישער עלטער־קראַנקייט, פאַרקאַלכונג אין די
ביינער, ווען ס'בלוט ריזלט שוין ניט אין זיינע אָדערן ווי אַמאָל, ווען ער איז
נאָך געווען יונג. דאָס בונטאַרישע, דאָס דינאַמישע, דאָס געפליגלטע שלאַג־
וואָרט, וואָס האָט זיך אַמאָל געריסן פון זיינע ליפּן, דערמאָנט איצט אין גע־
פרעסטע בלומען, וואָס איר געפינט אין אַ בוך לידער צווישן פאַרגעלטע בלע־
טער . . .

אויך די אידייען און געדאַנקען־סיסטעמען זיינען אונטערגעוואָרפן צו די
קאַפּריזן פון די צייטן. אַ סך אידייען אין פולן רייף און זאַטקייט פון יאָרן
זיינען אין געפאַר צו פאַרלירן דעם לאַקענדיקן שאַרם און רייץ פון אַמאָל,
ווען זיי זיינען יונג געווען. אידייען און געדאַנקען וואָס זיינען באַנייענדיק ווי
די זמנים פון יאָר, ווי דער פרילינג און דער האַרבסט אין דער נאַטור, זיינען
געגליכן צום וואַסער־קוואַל וואָס טרינקט אָן אונדזער מוטער־ערד און, ווי
אַ פּועל־יוצא, איז אונדז מחיה מיט אירע זיסע פּירות. די דאָזיקע אידייען
זיינען אין דער בחינה פון אייביקייט. זיי גרינען מיט פרישקייט און זאַפטי־
קייט. זיי זיינען דער מאָרגן־טוי אין אונדזער וועלט פון גייסטיקע ווערטן.

משה וויטיעס געהערט צו יענעם מין־שרייבער וואָס איז ניט פאַרקנסט
צו איין־אידייען וועלט, איז ניט פריי אין זיין אופן פון טראַכטן. זיין נשמה
איז אַ פאַרקנעכטעטע. דער מענטש וואָס איז ניט געפּענטעט אין זיין אויפנעם
פון גייסטיקע קלימאַטן — איז באמת אַ פרייער טראַכטער . . .

ווען מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז וויטיעס האָט געוויסע קרעדאָס, גלויבט
אין באַשטימטע קאָנצעפּציעס, האָבן מיר געמיינט, יענע אידייען און מחשבות
וואָס אין גאַנג פון די דורות האָבן זיי ניט פאַרלוירן זייער גרינקייט, זייער
פרישקייט, זייער באַשטאַנדיקייט. לאָמיר דאָ ציטירן וואָס וויטיעס אַליין
זאָגט וועגן דעם: — "מיט דער פראַזע 'אַן אייביקן אמת' אין דער ליטעראַ־
טור, מיין איך איינעם פון יענע גרונטיקע לעבנס־אמתן וואָס ענדערן זיך ניט

מיט די צייטן, מיט דעם בייט פון די עפּאָכן, מיט דעם גאַנג פון די דורות. דורך דעם אַרטיקן און באַגרענעצטן צום אוניווערסאַלן און אַלוועלטלעכן איז דער וועג פון דער קונסט. דאָס אייביקע רעטעניש פון דעם אייביקן בן־אדם, וואָס איז אינעווייניק און דאָך אין דרויסן פון דער טבע. די אומזיכערקייט פון זיין גורל, זיין שטענדיק־פאַרלוירנדיקן קאַמף מיט זיינע תאוות, גלוסטונגען און בענקשאַפטן, דער אייביקער קאָנפליקט צווישן גוטס און בייז אין זיינע נשמהדיקע אינגעווייידן, זיין מאַכטלאָזע מרידה קעגן די פאַרבאַרגענע אָבער אַלץ איבערוועלטיקנדיקע נאַטור־כוחות וואָס וואַרפן אים ווי אַ שפּענדל אויף די כוואַליעס אין דעם סודותפולן אומגעהויער וואָס רינגלט אים אַרום. די אידייע פון געזעץ און פּרינציפּ אין דער נאַטור, פון סטאַבילע פּראָצעסן, פון שכלדיקייט און באַשטימטקייט אין אירע דרכים. זי קומט אים לערנען דורך אירע בילדער און מעשות אַז די ערד דרייט זיך אַרום זיין אייגענעם, קליינינקן אַקס; אַז יסורים זיינען ניט אַ קאַפּריז פון די געטער אים אַליין צו קוויקן נאָר אַז זיי זיינען אַ באַדינג פאַרן לעבן, אַ פּועל־יוצא פון סיבות און כוחות וואָס מוזן אָפּערירן נאָר אַזוי און ניט אַנדערש על־פּי דעם רצון און גזר פון דער יצירה אַליין . . . אַז ניט נאָר זיין יוגנט פאַרגייט "כחלום יעוף", ווי אַ פאַרביישוועבנדיקער טרוים, נאָר אַז דאָס איז דער גורל פון אַ יעדן באַשאַף; אַז מענטשלעכע אַמביציעס, ביטחון און האָפענונג איז אַזוי אָפט עלול אָפּגענאַרט צו ווערן . . . אַז תאווה און זשעדניקייט באַגלייט אַן אומפאַרמיידלעכע בייטש . . ." (אידייע און ליטעראַטור, וואַכנבלאַט, 1943).

האָט איר דאָ וויטיעס' באַנעם פון די "אייביקע אמתן" אין אונדזער יצירה, וואָס באַשעפטיקט די ליטעראַטור אין אַלע צייטן. זיי גייען אַריבער די גרענעצן פון יחידישן צום כללדיקן; פון נאַציאָנאַלן צום אוניווערסאַלן. ער איז דאָ פּאַרטייטשער און אויסטייטשער פון מענטשלעכע רעטענישן, קאָנפליקטן און ווידעראַנאַנדן צווישן די קעגנזעצלעכע פּאָלוסן פון "גוט" און "שלעכט" פון שכר" און "עונש". אָט דאָס זיינען די קאַרדינאַלע אידייען־מחשבות וואָס דאָמינירן אַזוי אימפּאָזאַנט־אַנזעעוודיק אין דעם שאַף־פּראָצעס פון וויטיעסן דעם קריטיקער, דעם עסייאיסט־טראַכטער.

צי דאַרף די ליטעראַטור ווערן איינגעשפּאַנט אינעם רימען פון דער אידייע — אָדער האָט זי נאָר דעם אויפגאַב צו פאַרוויילן, אַמוזירן, פאַרשפּילן דעם בן־אדם? די פראַגע איז שוין אַזוי אַלט ווי די ליטעראַטור. די ליטעראַטור איז איר ברייטסטן פאַרנעם, ווי דער דירעקטער המשך פון די גריכישע און העלענישע קונסטן אין אַלע זייערע פאָרמען און שאַטירונגען, וואָס זייער עיקר איז געווען: — פאַרשאַפן עסטעטישן גענוס. יענע שעפערס וואָס האָבן געטרונקען פון די אַלטע גריכיש־רוימישע קוואַלן האָבן די עובדא פון קינסט־

לערישער יצירה באַנומען אין קאָנטראַסט צו יענע קינסטלער װאָס זײַנען אין זייער שאַפן געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די תנכישע מקורים. דער גרעסטער רוב פון די גויאישע קינסטלערס פון אַלע געביטן, האָבן געשאַפן זייערע װערק לױט דער אַלטער העלענישער קונסט־קרעדאָ: — "קונסט־צוליב־קונסט". ליטעראַטור אַז אידייען. זיי זײַנען אין זייער יצירה פריי װי די פייגל אין די צװײַגן. דער יידישער קינסטלער, כאָטש נישט אין זײַן גרויסער מערהייט, האָט זיך אָבער ניט געקאָנט אידענטיפיצירן מיט אָט דער קרי־טעריע. דער היסטאָרישער מאַרטער־װעג פון זײַן פאָלק האָט אים אַנדערש באַװירקט. זײַנע העלדן־מעשׂות זײַנען אַנדערש מאָדעלירט, געשטאַלטיקט; זיי זײַנען געװאָרן געלייטערט אין די קאַלך־אױװנס פון אַלע צײַטן און דורות. די גריכישע קולטור, אַפילו מיט איר פּראַמעטעאוסן, האָט קאַפּיטולירט צום פּאַגאַנישן ריטואַל, צו סעקס־אָרגיעס און סאָציאַלער שקלאַפעריי. דער יידי־שער קינסטלער האָט ניט געקאָנט גיין אויף אָט דעם װעג. ס׳איז געװען אין פולער סתירה צו זײַן דערקענטעניש, צו זײַן פאָלקס־ירושה.

דער יידישער קינסטלער אין אַלע צײַטן האָט מאָראַליזירט און עטיזירט זײַנע געשטאַלטן װאָס ער האָט אַרױסגעפירט אין זײַנע װערק. אויב ס׳זײַנען אין פאַרשיידענע תקופות געװען טענדענצן צו אימיטירן די גריכישע קונסט־געטער, באַזונדערס אין דעם השכלה פּעריאָד, האָט זיך שוין פּאַקטיש אָנגע־הויבן די מרידה קעגן יענער קונסט־שיטה.

װי דענקט װיטיעס װעגן אָט דעם ענין? אָט װאָס ער שרײַבט:

"דער יידישער מאָנאָטעיסטישער בליק אויף גאָט, װעלט, נאַטור און מענטש האָט זיך אָפּגעדרוקט אויף דער פאָלקס־פּסיכיק, און אויף דעם גייסט און דער מראה פון דער יידישער שעפערישקייט. דער יידישער פאָלקס־זשעני — אַפילו אַז דראַמע און עפּאָס — האָט אויפגעשאַפן אַ מלכותדיקן אוצר פון גייסטיקע און ליטעראַרישע גיטער. דער פּאַגאַנישער עפּאָס האָט זיך פּשוט ביי אונדז ניט אײַנגענומען. די סיבה איז פאַרשטענדלעך: דער דאָזיקער "קרבן" האָט זיך נישט געפּאַסט פאַר אָט דעם "מיזבח". יידן האָבן אויך נישט קיין סטאַטועס און טעמפּל־אַרכיטעקטורן װי די גריכן; קיין אַמפיטעאַטערס און מאַרמאָרנע בעדער װי די רוימער; קיין בילדער פון געטער מיט פיל גע־כּפלטע הענט און קעפּ װי די אינדוסן. דאַד װײס איך נישט אַז יידן, צוליב דעם מאַנגל אין אָט די פאָרמען, זאָלן זיך האָבן געפילט שעפעריש הינטער־שטעליק לגבי דער נישט־יידישער װעלט. אויפן אַרט פון "זייער" דראַמע און עפּאָס האָבן יידן אַרױסגעהייבן נבואה און עטיק, און דעם תנ"ך — װאָס זײַן אייביקער אידייאישער תוכן איז רייך, און רייף, ליריש, דראַמאַטיש, און

עפיש גענוג אויף צו באַפּרוכפּערן די ליטעראַטור פאַר אַלע צייטן" (אין זיין עסיי: די עפּאָפּייע אין ליכט פון יידישקייט, ז. 103-4).

האָט איר דאָ אין איניקע סענטעצן וויטיעס' סאָציאַלן און ליטעראַרישן קרעדאָ.

ער איז, ווי מיר האָבן געזאָגט ביים אָנהייב, פון יענע שריפטשטעלערס וואָס באַנוצן זיך מיט דער קריטיש־רעפלעקטיווער עסיי. אין זיין אַנאַליז פון אַ ווערק זוכט ער ניט מיט זיין קריטישן־לאַנצעט, ווי דער פּעדאַנט־קריטיקער — צעטרייבערן, דעסעקטירן, יעדן פּאַראַגראַף, סענטענץ פונעם מחבר און נישטערן זיינע מעלות און חסרונות; זיינע פּלוסן און מינוסן. זיין צוגאַנג צו אַ קינסטלערס ווערק איז דער עסטעטיש־פילאָסאָפישער, דער עטיש־הומאַ־ניסטישער. ער איז פיל ברייטער און אַרומנעמענדיקער ווי דער מיכלומרשט "אָביעקטיווער אַנאַליז" פונעם פּעדאַנט־קריטיקער. ער נעמט אַרום דאָס ווערק ווי אַן אָפּגעשלאָסענע גאַנצקייט. ער גיט עס אונדז ניט אין צעבראָכל־טע פראַגמענטן.

"דער קריטיקער זוכט די שפּורן פון דער זעאונג וואָס האָט אויפגעטויכט פון די גרונטן פון דעם קינסטלערס דימיון ווען ער האָט זיין ווערק פאַר־טראַכט; די אינספּירירטע אידייע וואָס האָט אַ בליץ געטאָן אין זיין מוח, און וואָס ער האָט זיך געמיט צו פאַראייביקן אין אַ קונסט־געשטאַלטונג; אין אַ אידייע וואָס הייליקט, טרייסט און דערהייבט, אַ באַלויכטענעם אמת וואָס איז איינס מיט דעם סוד און וואונדער און פּחד פון דער וועלט — די אידייע פון אַ ליטעראַריש ווערק" (אידייע און ליטעראַטור, וואָכנבלאַט, 1943) — שרייבט וויטיעס אין זיין דערמאָנטער עסיי. אמת, דער דאָזיקער מעטאָד אין דער ליטעראַטור־קריטיק ברענגט אפשר ניט אַרויס קיין אָביעקטיוון אָפּשאַץ פון אַ ווערק און זיין מחבר, ווייל דידאָזיקע וואָג און מאָס פונעם קריטיקער איז גורם צו פאַרטושן אַ סך פּרטים אין דער קאָנסטרוקציע פונעם ווערק. מיר ווערן אָבער קאָמפּענסירט דורך קריגן אַ טיפן אַריינבליק אין מהות פונעם ווערק און זיין שעפער. מיר זעען ניט נאָר די איינצלנע רינגען אין דער קייט, די ראָם פונעם בילד — נאָר מיר האָבן פאַר זיך אַ פולן אָפּשאַץ און אַרומנעם פונעם גאַנצן. דער דאָזיקער רעפלעקטיווער מעטאָד טויכט אַראָפּ אין די פאַרבאָרגענע טיפענישן פונעם קינסטלערס נשמה־לעבן; ער זוכט אַרום מיט אַ בליץ־לאָמפּ אין דעם הינטערבאַוואוסטזיין פונעם קינסטלערס מוח אַרויס־צוהייבן די באַפרוכפּערנדיקע אידייע, וואָס איז דאָך דער פּועל־יוצא פונעם קינסטלערס אייגענער מי און שווערער נשמהדיקער האַרעוואַניע. גלייכ־צייטיק ווערן מיר אויך געוואויר פון די סוביעקטיווע יווירונגען, וויברירונגען, רעפלעקסן פונעם קריטיקערס אייגענעם אינטעלעקטועלן און עמאָציאָנעלן

מהות וואָס מאָניעט און בלענדט מיט אייגנאַרטיקער שיינקייט און קאָקעטישקייט.

אַט ווי וויטיעס באַנעמט די ראָל, די פונקציע פון דער קריטיק: — "ניט דער נייגער פון פאָרשער, דער אינטערעס פון געלערנטע, און אוודאי נישט— ווי עס מיינען די "חכמים" — אַ מאַנגל אין אייגענעם שעפערישן טאַלאַנט, האָט באַוואויגן די גרויסע קריטיקער־ליטעראַטן פון מאָדערנע צייטן צו פאַרטיפן זיך אין די ווערק פון אַנדערע שרייבער. זיי האָט קודם, ווי קינסטלער, געמאָניעט די ריזיקע "טעמע" פון ליטעראַטור אַליין, אַ טעמע איבער אַלע טעמעס, וואָס האָט אַט דעם מין שרייבער איינגענומען און צוגעצויגן צו זיך. דער פאַרמעסט פון ליטעראַטור צו אַנטפּלעקן די נשמה, דאָס האַרץ און דעם גורל פון דעם אייביקן הומאַן — דעם בן־אדם פון אַלע צייטן און דורות; די באַמיאונג פון איר דערפינדערישן זשעניע, אויף אַלערלייאיקע לשונות־אינסטרומענטן, צו געפינען שפּראַך פאַר דעם קאָסמיש־שטומען וועלט־סוד; דאָס טיפן זיך אין די רעגולירטע פּראָצעסן, סודות און כוחות אין דער נאַטור; בכלל דער וואונדער פון אויסדרוק, אין די ראַמען פון שיינקייט און פאַרנעם האָט מאַגנעטיזירט די דאָזיקע שריפטשטעלער־דענקער צו ווידמען זייערע קינסטלערישע גאָבן און אַנאַליטישן גייסט דעם כישופדיקן געביט פון ליטעראַטור־שטודיע" (ז. 178).

מיר האָבן דאָ וויטיעס' גייסטיקן פּאָרטרעט געקאָנט אויסברייטערן מיט אַנדערע אַספּעקטן און פּאָזן, וואָס מיר האָבן ניט גענומען אין באַטראַכט אין אונדזער איצטיקער אָפּהאַנדלונג אין שייכות מיט זיין בוך עסייען.

מיר האָבן זיך באַנוצט אין אונדזער אָפּשאַץ מיט דעם סוביעקטיוו־קריטישן מעטאָד, וועלכן ס'ווענדט אָן וויטיעס אַליין אין זיינע קריטיש־ליטעראַרישע עקסקורסיעס. ניט דער פּרט, דער דעטאַל איז דאָ וויכטיק, נאָר דער גאַנצער בנין; דאָס אַרומנעמענדיקע פון אונדזער אָביעקט אונטערן גלאָז פון אָבזערוואַציע.

איז פון אָט דעם קוק־ווינקל האָבן מיר דאָ באַטראַכט וויטיעס' צוטראָג צו אונדזער ליטעראַטור־עסייאיסטיק.

זאָל דאָ צום סוף אויך געזאָגט ווערן: דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט גרויס יראת הכבוד פאַרן געדרוקטן וואָרט. דאָס פּאַפּיר, די קלאָרע שריפט, דער לוקסוס־בונד, די ציכטיק־שיינע הילע, די צייכענונגען פון דעם מאָלער יצחק ליכטענשטיין, זיינען אַ באַשטעטיקונג אויף דעם עסטעטיש־ראַפינירטן געשמאַק פונעם מחבר.

דאָס בוך וועט באמת זיין אַ ציר אינעם הויז פון בוך־געניסער, ווי ס'איז אַ וואַזאַנע רויטע גערעניומס אויפן פענצטער פאַרן ליבהאָבער פון שיינע בלומען.

1958

# דער גרויסער הומאַניטאַריער

הערי גאָלדין, דער זון פון אַן אימיגראַנט, וואָס האָט יינגלווייז איינגע־זאַפּט דעם אַראָמאַט פון דער אַמאָליקער „איסט־סאַיד" וואָס האָט געשפּרודלט און געשוויבלט מיט דעם שטייגער־לעבן וואָס ס'האָבן דאָ באַוויזן אויפצוהיטן די אַמאָליקע יידישע אימיגראַנטן אין זייערע „גרינע יאָרן", — איז לעצטנס ממש אַ סענסאַציע מיט זיין טשיקאַווען בוך, „אָנלי אין אַמעריקאַ".

הערי גאָלדין האָט פאַרלאָזט די „איסט־סאַיד" און געוואָרן אַ תושב אין דער טיטפער דרום שטאָט שאַרלאָט, נאָרט קאַראָליינאַ, וואו ער פאַרעפנטלעכט אַ קליינעם חודש־זשורנאַל וואָס ווערט געלייענט פון דער אינטעלעקטועלער אַמעריקע. זיין „קאַראָליינאַ איזרעאַליט" וועמענס צירקולאַציע איז אַרום 15,000 עקזעמפּליאַרן, ווערט צעשיקט צו די סאַמע פּני פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכקייט. צווישן די וואָס קריגן דעם זשורנאַל געפינען זיך: רע־דאַקטאָרן, דיפּלאָמאַטן, פּראָפעסאָרן, גלחים, רבנים, טויזנטער לאָקאַלע עסקנים און סתם יידן און קריסטן מכל המינים.

ער פּרואווט ניט אין זיין קליינעם זשורנאַל צו מאַכן רעוואָלוציעס, צו אַנטדעקן פאַר אונדז אַמעריקע פונסניי. ער שרייבט פּשוט, כמעט פאָלקסטימ־לעך, אַז וועלכע ס'איז אַקראָבאַטישע קאָזשעלקעס. אָבער אין אָט דער פּשטות איז פאַראַן עכטקייט, ערלעכקייט און אַ וועלט מיט וואַרעמקייט און אויפריכ־טיקער ליבע צום מין מענטש. ער מוסרט ניט, ער שטראָפט ניט, בייזערט זיך ניט, האָט ניט קיין צו שטאַרקע טענות צו אַלץ וואָס געשעט אויף אונדזער מענטשלעכן פּלאַנעט. ער דערציילט וועגן אַלץ און אַלעמען מיט געמיטלעכער לייכטקייט און פילאָזאָפישן סטאָאיציזם . . . דערזע זיך מענטש אין שפּיגל און וועסט זיך דערקענען און בויגן דעם קאָפּ אין פאַרשעמטקייט פאַר דיינע מעשים און טועניש וואָס דו טוסט אין דיינע טעג אונטער גאָטס זון . . .

האָט ער פאַר יאָרן לאַנג פאַרעפנטלעכט אָט די באַמערקונגען, נאָטיצן, מיניאַטור־עסייען וועגן די פאַרשיידנסטע פאַזן און פאַרלויפעניש פון אַמערי־קאַנער לעבן. ער האָט זיך ניט געיאָגט נאָך פּיקאַנטע סענסאַציעס און זשורנאַ־ליסטישע קוריאַזן. אַלץ וואָס איז מענטשלעך האָט אַרויסגערופן זיין נייגער, זיין אינטערעס. ער האָט וועגן אַלץ דערציילט, גאַרניט האָט זיין שאַרף אָב־סערווירנדיק אויג אויסגעמיטן. ער האָט גאַרניט געזוכט פאַרדעקן, פאַר־שלייערן. ער האָט געוויזן אונדזערע גרויסע מעלות און אויך אונדזערע גרויסע חסרונות. דער מענטש איז קאָמפּליצירט און גאָר פּשוט. ער איז דער גרויסער וויזיאָנער פון פּראָגרעס און טיילמאָל רוקט ער דעם זייגער אויף צוריק. אָט

דעם מענטש פון פאראדאקסן און סתירות ווייזט אונדז הערי גאָלדין אין זיין ווערק "אָנלי אין אַמעריקאַ".

א סך געלערנטע האָבן שוין געשריבן וועגן ס'רוב פון אָט די פּראָבלעמען וואָס ס'באַרירט דער מחבר אין זיין דערמאָנטן ווערק. זיי האָבן עס אפשר געטאָן מיט מער ערודיציע, מער אַרומנעמענדיק. ער ווידמעט איינִיקע ענינים וואָס איבער זיי האָט מען אָנגעשריבן גראָב־בייכיקע ביכער סך־הכּל אַ צענדליק שורות. ס'רוב פון זיינע מיניאַטורן באַשטייען פון 2־3 פּאַראַגראַפן און דאָך האָט זיין בוך אַרויסגערופן אַזויפיל ליוב און אויפמערק.

פרעגט זיך: ווי קומט עס אַז אָט דאָס ווערק מיט די מיניאַטור־עסייען, נאָטיצן, באַמערקונגען האָט אַרויסגערופן אַזויפיל התפעלות ביים לייענער? און דער ענטפער איז אַ גאַר פּשוטער: אין דעם אופן ווי דער מחבר דערציילט און מאַכט זיינע פּירושים איבער די כּלערליי ענינים און פּראָבלעמען מיט וועלכע ס'מאַטערט זיך אַ וועלט, אָט דאָס־גאָר האָט שטאַרק אָנגעריסן ביים לייענער. הערי גאָלדין האָט אַ שאַרפן חוש פאַר הומאָר און ער דערזעט אַלץ און באַמערקט אַלץ מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. וועגן די סאַמע ערנסטע פּראָבלעמען וואָס פּראָפעסאָרן האָבן אָנגעשריבן גרעסערע שטודיעס מיטן גאַנצן פּאָמפּ פון וויסנשאַפטלעכן זשאַרגאָן, שרייבט דער אויטאָר אַן אַ מיניאַטור פון איינִיקע סענטענצן וואו דער ערנסטער ענין נעמט גאָר אָן דעם כאַראַקטער פון קאָמיזם.

אָט נעמט אַזאַ ענין ווי אַנטיסעמיטיזם. וויפיל ווערק איז שוין וועגן דער סאָציאַלער קראַנקייט ניט געשריבן געוואָרן? — ער ווידמעט דעם ענין אַ מיניאַטור פון סך־הכּל 9 שורות. דוכט זיך, אויבנאויף, וואָס קאָן מען אין 9 שורות זאָגן וועגן אַזאַ וועלטלעכער פּסיכישער חולאת פון וועלכער דאָס יידישע פאָלק ליידט שוין הונדערטער יאָרן? — אָבער זיין פּראָגנאָז צו אָט דער אינטערנאַציאָנאַלער משוגעת איז אַ גאַר טשיקאַווער. ער וואָלט ס'רוב אַנטי־סעמיטן קורירט דורך קאָרמען זיי טאָג־טעגלעך מיט יידישע מאכלים. ער וואָלט זיי דערלאַנגט אַ פּאָרציע געפילטע־פיש מיט כריין אָדער גאָר געהאַקטע לעבערלעך מיט ראש־חודש רעטעכלעך; בלינצעס מיט סמעטענע און נאָך אַזוינע עכט יידישע מאכלים.

וואָס איז דאָ דער חידוש ? וואָס זאָגט ער אַזוינס וואָס זאָל דאָ איבער־ראַשן ? איר זעט דאָ אָבער דעם אַנטיסעמיטיזם אין גראָטעסק, אין זיין פולער, קאָמישער לעכערלעכקייט. דאָס איז אַ ביז־גאָר שטאַרק כּלי־זין אין אַפּוּוער קעגן אָט דער פּאַטאָלאָגישער אָנשיקעניש וואָס נייטיקט זיך אין פּסיכישער היגיענע.

ער דערציילט וועגן די אַלע מיאוסקייטן מיט וואָס אונדזער ציוויליזאַציע דאַרף זיך ניט שטאַרק איבערנעמען אויף דעם שטייגער ווי ס'האָט עס אַמאָל

געטאָן אונדזער אייגענער שלום עליכם דורך זיינע העלדן וואָס ער האָט ס'רוב געשעפּט פון דער יידישער סביבה. ער האָט דורך געלעכטער און וויץ גע־וויזן דעם זין און אומזין פון אַלץ. ער האָט די ביטערע פּילן פאַרזיסט מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען. אויך הערי גאָלדין, דער אַמעריקאַנער ייד וואָס האָט זיין דערציאונג געקראָגן אויף דער אַמאַליקער „איסט־סאַיד", וואו יידיש לעבן איז געווען דינאַמיש, פאָלסירנדיק, רעשיק, שעפּט מיט פולע עמערס פון דעם אַמאָליקן יידישן שטייגער־לעבן, פּונקט ווי ס'האָט עס געטאָן זיין פאָר־גייער, שלום עליכם, אין דער אַמאָליקער כתרילעווקע און בויבעריק.

אין זיינע זיכרונות, רעמיניסענצן וועגן דער יידישער „איסט־סאַיד" איז פאַראַן נאָסטאַלגיע, סענטימענט, בענקשאַפט. ער שרייבט וועגן דער „איסט־סאַיד" ווי ס'האָבן געשריבן אַ סך יידישע שרייבערס וועגן זייערע היים־שטעטלעך.

ווי שוין געזאָגט, זיין ניט־געקינצלטקייט, זיין ניט־פּרעטענציעזקייט רופן אַרויס דורך־אַרץ און איר דערזעט דעם „האָמאָ סאַפּיענס" אָן שמינקע. ער שטראָפט ניט דעם מענטש פאַר זיינע גרויל־מעשים, נאָר האָט גרויס רחמנות אויף אים.

זיין אופן פון רעאַגירן איז ניט דער אופן פון אַבסטראַקטע דענקערס. זוכט ניט אין זיין ווערק קיין פאַרטיפן זיך איבער די אידייען וואָס רעגולירן און פורעמען אונדזער לעבן־שפּאַן. ער באַרירט אָט די אַלערליי פּראָבלעמען וואָס זיינען די טרייב־מאָטאָרן פון אונדזער געזעלשאַפט מיט דער שפּילעוודי־קייט און לייכטקייט פון די אַמאָליקע פאָלקס־חכמים. זיין אינטימער שמועס וועגן אַלערליי ענינים וואָס ווערן דורך אים באַרירט, סטימולירט און רעגט אייך אָן צו אייגענער פאַרטיפונג און צו אייגענע מחשבות.

ווי זאָגט דער גרויסער פּאָעט סאַנדבורג וועגן מחבר: — „אין גאָר אַ סך קרייזן הערט זיך דער געשריי אַז מיר ליידן פון צופיל קאָנפאָרמיזם און גלייכ־גילט אין אונדזער צייט און בעיקר צווישן אונדזערע יוגנטלעכע, איז אָבער אָט דער זעלבסטשטענדיקער דענקער, פּריינט פון מענטש, הערי גאָלדין, דער אי־דעאַלער פּראָטאָטיפּ וואָס ס'האָט אינזינען געהאַט דער יענקי ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, בעת ער האָט געשריבן — 'אַז אַ גאַנצער מענטש מוז זיין דער יע־ניקער וואָס קניט ניט צום קאָנפאָרמיזם . . .' ".

יאָ, הערי גאָלדין, דער זון פון אַ יידישן אימיגראַנט, איז דער גרויסער הומאַניטאַריער, וואָס האָט גרויס דורך־אַרץ פאַרן נעכטן און פאָלט ניט כורעים פאַר די היינטיקע געצן פון קאָנפאָרמיזם.

ער איז דער פּראָדוקט פון מאָדערנעם ליבעראַליזם וואָס האָט אויך גע־נאַשט שיריים פון אונדזער רייכער יידישער ירושה, וואָס הייבט אַרויס פונעם בלאָטיקן געמוזעכץ די גוטסקייט צום מענטש־יחיד.

# דוד איגנאַטאָוו

נאָך אַ לענגערער קראַנקייט איז פרייטיק דעם 26סטן פעברואַר 1954, אין עלטער פון 69 יאָר, געשטאָרבן דער שריפטשטעלער, דוד איגנאַטאָוו. ער איז געווען איינער פון די פירנדיקע גייסטער אין דעם אויפקום פון דער גרופּע "יונגע". ער איז געווען איינער פון אירע אידעאָלאָגן און באַגרינדער. ער איז געווען איינער פון די ענערגישסטע און אומקאָמפּראָמיסלעכע קעמפער קעגן דעם אָנגענומענעם שאַבלאָן אין דער יידיש־ליטעראַטור פון זיין צייט.

דוד (איגנאַטאָווסקי) איגנאַטאָוו איז געבוירן אין 1885 אין דעם אוקראַיניש שטעטל ברוסילאָוו, אין דער מישפּחה פון אַן אָרעמען חסיד ר' דודל טאַלנערס. זיינע קינדעריאָרן זיינען אַריבער אין דער אַטמאָספער פון דעם טאַטנס מעשיות וועגן בעל־שם־טוב און דער מאַמעס — "צאינה־וראינה". די דאָזיקע חסידישע סביבה האָט געהאַט אַ דויערנדיקע השפּעה אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דעם שרייבער. די חסידישע לעגענדע איז ביי אים סובלימירט געוואָרן אין ליטעראַטור. ער האָט די חסידישע מיסטיק און מעשהדיקייט אַריינגעוועבט אין זיין ליטעראַריש שאַפן. די נאַאיוויטעט און פּרימיטיווקייט פון דער פאָלקס־מעשה ווערט כישופדיק אַריינגעשפּונען אין כמעט אַלע שאַפונגען פון איגנאַטאָוו.

צוזאַמען מיטן דיכטער י. י. שוואַרץ (אים צו לענגערע יאָר) רעדאַקטירט ער די זאַמלביכער "ליטעראַטור", אַרום וועלכע ס'האָבן זיך גרופּירט די "יונגע". די גרופּע האָט ערשט פּאַרפעסטיקט איר פּאָזיציע דורך די זאַמלביכער "שריפטן", וואָס האָט באַשאַפן אַ היים פאַר אַ גאַנצער פּלעיאַדע פון יונגע טאַלאַנטן. צו דער גרופּע שרייבער האָט ער אויך משדך געווען אַ גרופּע מאָלער וואָס האָבן מיט זייערע קינסטלערישע שאַפונגען באַצירט און אילומינירט די לידער און דערציילונגען פון די שרייבער־קינסטלער. ס'איז פאַר יענער צייט געווען אַ גרויסער אויפטו. ס'איז געווען אַ דערנענטערונג פון קינסטלערישע כוחות פון וועלכע די יידיש־ליטעראַטור איז שטאַרק באַרייכערט געוואָרן.

איגנאַטאָוו טראָגט צו צו דער יידיש־ליטעראַטור אַ גאַנצע ריי וואָגיקע ווערק, וואָס הייבן אים אַרויס ווי אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט. ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער בעלעטריסטיק אַן אייגענעם נוסח, אַן אייגענעם ניגון וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיין יומטובדיקן לשון. זיין פּראָזע טראָגט אויף זיך דעם טוי פון פּאָעטישן ליריזם. שוין אין זיין ערשטן ראָמאַן (אגב, איינער פון די ערשטע ראָמאַנען אין דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור)

"איז קעסלגרוב" איז כאראקטעריסטיש איגנאטאװס רעטאריש, פאטאסדיקער סטיל. ער זוכט שילדערן די אינטעליגענץ פון יענער צייט מיט זייערע זוכע־נישן און ראנגלענישן; זייערע סאציאלע און נאציאנאלע קאמפן. ער זוכט זיינע העלדן אויפהייבן איבער דער אלטעגלעכקייט. ער זוכט דורך זיין הויפט־העלד, ברוך, אונדז צו געבן א מוסטער־געשטאלט פאר א שענערן, עטישערן סאציאלן לעבן.

אין א שמועס מיטן שרייבער יעקב פאט ("צוקונפט", יולי־אויגוסט, 1951) פרעגט אים פאט: — "איר זייט געקומען מיט דער אידייע אמעריקע, מיט דער אמעריקאנער טעמאטיק. וואס־זשע האט אייך אוועקגעצויגן צו דער תנ"ך־וועלט און צו די פראגער וואונדערמעשיות?"

און איגנאטאװ ענטפערט אים: "ער האט געזען ווי מענטשן ווערן צע־ריסן, אידייען ווערן צעפליקט, צעשאטן. ווי קאן מען שרייבן וועגן לויפנדיקן לעבן, וועגן פארבייגייענדיקע מענטשן, ווען זיי ווערן צעוואונדיקט, צעבלו־טיקט, צעלעכערט, אומגעבראכט? עס איז אים ענג געווארן, און דעריבער האט ער זיך אומגעקערט צום לעבן וואס איז אייביק, צו די אייביקע ליכט וואס באהאלטן זיך אין דער פאלקס־מעשה, אין דעם אלטן און אייביקן תנ"ך. אויב דער דורכלויפנדיקער היינט ווערט צעשאסן, ווענדט ער זיך צו יענע נעכטנס, וואס די געשיכטע האט אויסגעהיט, וואס וועלן בלייבן אויף אייביק, אויף דור־דורות, גייט ער צו נחמן בראסלאווער, גייט ער צו די בעטלער פון תנ"ך". און לעצטנס האט ער אויך גענומען צו שרייבן וועגן זיין אוקראאיניש שטעטל, ברוסילאוו. יענע שטעטל איז שוין ניטא. ווען דער שרייבער קערט זיך היינט צוריק צום שטעטל פון אמאל איז עס אן אנדער גאנג ווי דער שריי־בער האט עס אמאל געטאן. ס'זיינען אומגעקומען אין גרויסן פאלקס־בראך זעקס מיליאן פון אונדזער פאלק. אין זייער אנדענק איז דאס שטעטל געהייי־ליקט געווארן. די חרובע שטעטלעך זיינען איצט געלייטערט אין קדושה — דעריבער קערט זיך דער שרייבער צוריק אין דימיון צו זיין אמאליקן שטעטל.

דער אויפקום פון די אמאליקע "יונגע" איז שוין היינט געשיכטע. ס'איז א גאלדענער בלאט אין דער יידיש־ליטעראטור פון אמעריקע. און דוד איגנא־טאװ איז געווען איינער פון די ענערגישסטע כוחות אין דעם אויפבלי, אין דעם אויפשפראץ פון דער דאזיקער גרופע וואס זיינען געקומען מיט נייע אידייען, מיט נייע לידער; מיט אן אנדערשדיקן גאנג. מען איז יונג, קעמ־פעריש, רעבעלירנדיק. דער אלטער דור קוקט מיט ביטול, מ'פארשפארט דעם וועג פאר די פרישע טאלאנטן. די יונגע רייסן זיך דורך א וועג, שאפן אן אייי־גענע טריבונע. — און זינט דאן איז איגנאטאװ געבליבן א זייל אין אונדזער מאדערנער יידיש־ליטעראטור.

ס'איז געבליבן א רייכע ירושה וואס דארף אינספירירן, סטימולירן דעם גאנג פון די היינטיקע "יונגע" . . .

# פון שרייבערישע שיחות־חולין

(פון א שמועס מיט שלמה ראָזענבערג)

מיט אַ צייט צוריק בין איך געווען אין הויז פונעם באַקאַנטן שרייבער שלמה ראָזענבערג. ער האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע היסטאָרישע ראָ־מאַנען: רבי עקיבא, רבי מאיר און ברוריה, די כוזרים, וואָס זיינען דערשינען אין בוכפאָרם. די ערשטע צוויי זיינען אויך דערשינען אויף העברעאיש. רבי מאיר און ברוריה — אויך אין שפּאַניש. בעת כ׳פאַרצייכן אָט די ביאָ־ביבליאָ־גראַפישע פּרטים, גריים זיך דער מחבר אַרויסגעבן זיינע ראָמאַנען: בר־כוכבא, דער קעניג שלמה און פּליטים. ער האָט אויך איבערגעזעצט דאָס נאָ־בעל־פּרעמירטע ווערק פונעם פּוילישן שריפטשטעלער סטאַניסלאַוו רעימאָנט, פּויערן (4 בענד), וואָס האָט בשעתו אַרויסגערופן אויפזען אין יידיש־ליטע־ראַרישע קרייזן. ש. ראָזענבערג האָט אויך פאַרעפנטלעכט קינסטלעריש־אויס־געצייכנטע דערציילונגען פון יידישן לעבנס־שטייגער; גוט־דורכגעטראַכטע קולטור־ליטעראַרישע עסייען, כאַטש טיילמאָל אין אַ צוגעשטייגערטן טעמ־פּעראַמענט. ער איז אויך אַ ביז־גאָר גוטער זשורנאַליסט, וואָס צייכנט זיך אויס אויף פיל געביטן אין דער יידישער פּרעסע.

ער און זיין יונגע פרוי, שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש, מאַכן אויף אייך אַ ביז־גאָר גוטן און פריינטלעכן איינדרוק. מ׳לאָזט אייך ניט צו לאַנג זיצן אויף "טרוקנס". באַלד איז אייך פרוי ראָזענבערג מהנה פון איר מאַנס אייגן־צוגעפּראַוועטער משקה (אויף וועלכער ער איז אַ גאַנצער "ספּעץ" און ס׳פאַרמאַגט טאַקע טעם גן־עדן) און קיכלעך צום פאַרבייסן. איר דערפילט באַלד די וואַרעמקייט וואָס גיט זיך אייך איבער אין דער היימישער סביבה פון די ראָזענבערגס.

זיי וואוינען אין דריי קליינע, אָבער גערוימע צימערלעך. מעבלירט מיט געשמאַק און ציכטיק־באַלעבאַטיש. דאָס חדר וואו ס׳געפינט זיך זיין שרייב־טיש דינט זיי אויך ווי אַ שלאָף־צימער. אויף די ווענט אייניקע פיינע קינסט־לערישע געמעלן. אַרום די ווענט, — ביכער־שאַפעס. ניט קיין גרויסע ביב־ליאָטעק פאַרמאָגט ער. ס׳זענען זיך אָבער אַ סך גוטע און קלאַסישע ביכער

---

געווען געדרוקט אין 1955. ביים אַריינגעמען די אַרבעט אין בוך זיינען געענדערט געוואָרן אייניקע נייטיקע פּרטים צוליב היסטאָריש־אָביעקטיווע סיבות.

אויף יידיש, העברעאיש און נעגליש. די גרויסע "בריטאַניקאַ" און די "דזשו־איש יוניווערסאַל" ענציקלאָפּעדיעס פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער ביבער־קאָלעקציע.

ש. ראָזענבערג, דרויסנדיק, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ געשעפטסמאַן אין די פופציקער יאָרן. ער איז פון מיטעלן וואוקס. סאָליד און פעסט געבויט. אַ באַברילטער. רואיק און געלאַסן אין באַנעם און אין זיינע מאַניערן. רעגט זיך אויף און רעדט אין אַ געשטייגערטער שטים בעת ער דערציילט און רעדט וועגן שרייבערישע עוולות. שרייבערס זיינען גאָרניט פון אַזאַ צעך פון סאַמע מלאכים. אויך זיי ווערן באַהערשט פון קליינלעכקייטן וואָס פאַרשאַפן אַ סך פאַרדרוסן און אויפרעגענישן . . .

אין אונדזער שרייבערישער סביבה הערשט אַ מצב ווען ס'רוב שרייבערס פילן זיך עפּעס געפּענטעט; ניט פריי געגוג אויסצודריקן זייערע מיינונגען און געדאַנקען. מ'רעדט אַ סך וועגן דעמאָקראַטיע, אָבער ניט אַזוי דעמאָקראַטיש האַנדלט מען ביי אונדז. אפשר נעמען מיר איבער די תורות ביי די גויים? ער אילוסטרירט אָט־דעם דריקנדיקן און ביז־גאָר טרויעריקן מצב אין אונדזער קליין־איינגעשרומפּן וועלטל, מיט אייגענע דערפאַרונגען און דערפאַרונגען פון אַנדערע שרייבערס.

ס'איז עפּעס געוואַלדיק שאָקירנדיק וואָס דער גרויסער נאָמען אין דער יידיש־ליטעראַטור, שלום אַש, ווערט טראַגיש פאַרשוויגן אין אונדזערע לי־טעראַטור־געמאַרקן. חשובע אינסטיטוציעס וואָס דער שריפטשטעלער האָט גרויס געמאַכט אַ דאַנק זיינע פּאַטאָספולע רעדעס און אַרטיקלען, פאַרשווייגן און פאַרשעמען זיין גרויסע ירושה.

ווי קאָן מען פאַרשווייגן די ראָל פון שלום אַשן פאַר דער יידיש־ ליטעראַ־טור? ער, דער ריז, האָט דאָך אונדז פאַקטיש אַוועקגעשטעלט, געאָגראַפיש, אויף דער וועלט־מאַפּע. קאָן מען זיך פאַרשטעלן די יידיש־ליטעראַטור אָן אַשן? דאָך, פונדעסטוועגן, כאַפּן זיך אַלע אַרויף אויפן "בענד־וואָגן" פון פאַרשווייגעניש; און וואָס איז נאָך ערגער, פון שענדעריי און מוראדיק עם־האַרצישן סנאָביזם לגבי דעם ריז אין אונדזער ליטעראַטור. יעדער, ווי ס'גייט אין אַ באַקאַנטן פּאַבל, "טוט אַ בים דעם לייב און ס'דוכט זיך אים אַז ער וועט דעם לייב אומברענגען . . ."

דער גרעסטער רוב פון אָט־די כלומרשטע "אַש־קריטיקערס" וועלן שוין זיין לאַנג פאַרגעסן, וועט נאָך אַש בלייבן אויף דורות אין זכרון פון דער יידיש־ליטעראַטור. ער, ראָזענבערג, האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן אַשן, "שלום אַש פון דער נאָענט", אין וועלכן ער דערציילט אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן אים פאַר דער צייט וואָס ער איז געווען זיין פּריוואַט־סעקרעטאַר. ער ברענגט אויך אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן אַשס געבוירן־שטעטל, קוטנע, און בכלל אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן אַשן דעם מענטש און שרייבער. אַ גאָר חשוב

קאפיטל פארנעמט אין בוך דער פאלעמישער טייל, אין וועלכן ראזענבערג באַווייזט די ניט־זויבערע מיטלען און דעם גייסטיקן דלות מצד די אלערליי "עקספערטן" פון אשם ווערק . . .

דאס בוך, כאטש נישט קיין דעפיניטיווע ביאגראפיע פון אשן, וועט זיכער נישט קאנען איגנאָרירט ווערן פון די היסטאריקערס פון דער מאָדערנער יידיש־ליטעראטור.

אוודאי האט א קריטיקער א רעכט אויף זיין מיינונג. ער איז ניט מחויב צו גלויבן אלע ווערק וואס א שרייבער פארעפנטלעכט. אפילו ווערק פון גאָר־גרויסע שרייבערס זיינען ניט אלעמאל געלונגענע. ס'טרעפט אז א גרויסער שרייבער זאל אנשרייבן א שלעכט בוך. איז מה רעש? טאלסטאי, אנאטאל פראנס, אנדרעי זשיד, גאגאל, דיקענס, מארק טוועין, ט. דרייזער, מענדעלע, שלום עליכם, פרץ און צענדליקער און צענדליקער אנדערע גרויסע שרייבערס האבן צווישן זייערע ווערק אויך פארמאגט שוואכע ארבעטן מיט וועלכע די קריטיקערס זיינען געווען אומצופרידן. אבער זיכער האט מען אויף אט דעם גרונט ניט געפסלט אלע זייערע ווערק, אדער דערפאר געלייגט די מחברים אין חרם; דערקלערט א באיקאט אויף זייערע ווייטערדיקע און שפעטערדיקע ווערק? . . . דאס וואס פאסירט ביי אונדז ארום אשן איז דאך הימל־שרייענדיק.

ס'איז ניט פון די גאָר־גרויסע מידות צו פסלען די צענדליקער ווערק פון א שרייבער אויפן סמך פון א צוויי־דריי וואס האבן ניט אנגעריסן אין געוויסע ליטערארישע קרייזן. שלום אש איז געקומען מיט אייניקע ווערק, וואס מ'האט באטיטלט ווי "קריסטלעכע" אין א שווערער צייט פאר יידן. ס'איז אפשר ניט געווען טאקטיש מצד דעם גרויסן שרייבער זיי צו פארעפנטלעכן אין אזא טראגישער צייט. הגם, לויט זיינע אייגענע דערקלערונגען, זיינען זיינע כוונות געווען אנדערע, גאָר אנדערע, ווי ס'האבן געוואלט שאפן דעם איינדרוק געוויסע שרייבערס, וואס זיינען גאָרניט געווען באקאנט אין דער יידישער וועלט פאר קיין געוואלדיקע נאציאנאליסטן, וואס זיי האבן זיך אזוי צעריסן דעם פעלץ מכוח נאציאנאלע ווערטן . . . פונקט ווי אש וואלט דאס ארויס אין א קרייצוג קעגן אונדזערע נאציאנאלע אוצרות און ווערטן.

איז, ווי געזאגט, האט א שרייבער א רעכט אויף זיינע מחשבות און געדאנקען וואס זיינען אין א באשטימטער תקופה ניט פאפולער און קאנווענציאנעל ביים פאלק. ס'האט שוין ניט איינמאל געטראפן סיי ביי אונדז און סיי ביי אנדערע פעלקער, אז געוויסע ווערק האבן אין זייער צייט ניט אנגעריסן. מ'האט די ווערק פארבאטן און שארף פארדאמט. אין שפעטערע צייטן, צייטן מער רואיקע, האט מען די זעלביקע ווערק פאראייביקט און געשטעלט מאנומענטן פאר די מחברים . . . ביכלל, זיינען מיר דאך עפעס געוואלדיקע אדוואקאטן פון דעמאקראטיע, האט דאך א שרייבער, אפשר אביסל אן אפיקורסישער

שרייבער וואָס שרייבט ניט לויט דער אָנגענומענער מאָדע פון דער צייט, — אַ רעכט צו זיינע טראַכטענישן און רעיונות, כאָטש זיינע שטימונגען און מיינונגען זיינען ניט אין גייסט פון דעם רבים . . .

זיינען דאַך מיר, דאָס יידישע פאָלק, די גרעסטע קרבנות פון מאָב־קאָנטראָל און מאַיאָריטעט־דיקטאַטורן, איז ווי קומט צו אונדז אַזוי ווייניק טאָלעראַנץ? אפשר האָבן מיר צווייערליי מאָסן? אַ מאָס פאַר אונדז און אַ מאָס פאַר פרעמדע? . . .

מיר האָבן אין אונדזער שמועס אויך באַרירט אַ סך אַנדערע ענינים, סיי געזעלשאַפטלעכע און סיי קולטור־געזעלשאַפטלעכע. אָבער דער עיקר האָט אונדז אַנגערעגט דער ענין: שלום אַש, וואָס מיר דענקען איז אין אַ סך פּרטים אַן אינטערעסאַנט־אַקטועלער. ס'איז גוט צו הערן וואָס אַ באַקאַנטער שרייבער טראַכט און דענקט און טאַקע וועגן אַן ענין וואָס איז גאָר נישט שטאַרק פּאָפּולער אין אונדזערע קרייזן.

אוודאי, זיינען מיר נישט אין אַלע פּרטים מסכים מיט די מיינונגען און געדאַנקען וואָס זיינען אַרויסגעהויבן געוואָרן מצד ראָזענבערגן אין אונדזער שמועס, דאָך, — זיינען זיי אינטערעסאַנט און אינטריגירנדיק, ווייל זיי רירן אָן ענינים וואָס זיינען עפּעס אפּיקורסיש ביי אונדז; זיי זיינען טאַקע נישט אינגאַנצן "טאַבו", אָבער בעסער אַז מ'מיידט אויס רעדן וועגן זיי . . .

אַש איז בלי ספק געווען איינער פון די גאָר־גרויסע קינסטלערס ביי אונדז, אפילו ווען מ'זאָל פּרוּוון מאַכן אייניקע רעוויזיעס ביים אונטערציען אַ סך־הכל פון זיין ליטעראַרישן פּאַרבלייב. וועגן זיינע "יעזוס ווערק", — ווי אייניקע קריטיקערס האָבן זיי טיטולירט, — זיינען ביי אונדז געווען שאַרפע חילוקי דעות. ניט אַלע קריטיקערס האָבן זיי פאַרמישפּט ווי טענדענציעז־קריסטלעכע ביכער. און ס'רוב פון אָט די קריטיקערס זיינען חשובע וואָרטפירער אין אונדזער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, וועמענס מיינונגען זיינען גאַנץ באַדייטנדיק און אָנגעזען . . .

אוודאי האָט מען ניט דערוואָרט פונעם גרויסן וואָרט־קינסטלער, — אפשר דעם רעפּרעזענטאַטיווסטן אין אונדזער יידישלאַנד, — אַז אין אַ צייט פון גרויסן פאָלק־צער; אין אַ צייט ווען אונדזער פאָלק האָט מוראַדיק געליטן מיצד דער גרויסער קריסטלעכער וועלט, — אַז איז אַזאַ מאָמענט פון פּסיכאָלאָגיש־גייסטיקער סענסיטיווקייט לגבי דער גוייאישער וועלט, — זאָל ער, דער גרויסער יידישער קינסטלער, קומען מיט ווערק וואָס מאָנען אַ רעוויזיע צום אַלט־אַלטן, היסטאָרישן ישו־פּראָצעס.

ס'האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין, אַז אין אַ צייט פון גייסטיקער דערנידערונג און פיזישן אומברענג, צו קומען צו דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און צו די פאַרבליבענע יורדים און פּרוּוון ביי זיי שאַפן וואַרימע

סענטיכענטן פאר יענער וועלט איז וועמענס נאמען מ'האט פארשניטן א דריטל פון אונדזער פאלק . . .

נייז, אין אזא מאמענט פון גייסטיק־פיזישן פארלענד פון דיין פאלק, האט מען געהאט דאס רעכט צו דערוואַרטן אז דער גרויסער יידישער מייסטער זאל קומען מיטן גרויסן יידישן טרייסט־וואָרט און מיטן גרויסן און שטאַרקן שטראָף־וואָרט קעגן די אומברענגערס און מערדערס פון אונדזער פאלק . . . און דאַ — אַן אַפּאָלאָגעטיש ווערק וועגן יענער געשטאַלט וואָס איז געוואָרן דער סימבאָל פון יידן־האַס און שינאה. דעריבער, דער שאַרפער רעוואָלט, דער בונט, אַפילו פון אַזוינע עלעמענטן, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן האָבן מיט רע־ליגיעזע ענינים גאָר קיין שייכות ניט.

אבער, ווי די זאַך זאָל ניט זיין, שלום אַש'ס נאָמען איז פאַרבונדן מיט גאָר גרויסע ווערק וואָס האָבן באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור, טאָ אַזאַ ליטע־ראַרישע פערזענלעכקייט מיט זיינע היסטאָרישע פאַרדינסטן ניט פאַרשוויגן ווערן. די צייט האָט שוין געוויס אַ סך פאַרהיילט. ס'קאָנען זיין חילוקי דעות וועגן קינסטלערישער שלימות און אַפילו וועגן נאַציאָנאַלער אויסגעהאַלטנקייט מצד די לעצטע ווערק זיינע אויף קריסטלעכער טעמאַטיק — אָבער מיר דאַרפן געדענקען זיינע אַנדערע גרויסע ווערק וואָס ער האָט געשאַפן אין משך פון זיינע פופציק יאָר שעפערישקייט . . .

אונדזער שמועס, אין דער וואַרימער און גאַסטפריינטלעכער שטוב פון די ראָזענבערגס, האָט זיך פאַרענדיקט כמעט אין אַן אָפּטימיסטישער שטי־מונג לגבי אונדזער טייערן מאַמע־לשון, יידיש. ס'איז אַוודאי גוט צו הערן מיט וואָס פאַראַ ליבשאַפט און פיעטעט ער, ראָזענבערג, רעדט וועגן יידיש און יידיש־שאַפן. ער געהערט ניט צו די מקוננים און באַגראָבערס, כאָטש ס'איז דאָך נישט אויסצומיידן געוויסע ספיקות וואָס פּלאָגן אַ יידיש־שאַפערי־שן מענטשן פון אונדזער טראַגישער צייט. דאָך טאָר מען נישט אַראָפּלאָזן די הענט פון רעזיגנאַציע. דער קוואַל פון יידיש איז נאָך נישט אויסגעטריקנט. מ'מוז האָבן ביטחון, גלויבן אין אונדזערע שאַפערישע כוחות און אין המשך פון אונדזער יידיש־קודש.

# בערל בוים — דער שרייבער און מענטש

## (ווערטער צו זיין ווערן זיבעציק)

דער פאָלקסטימלעכער דערציילער בערל בוים האָט דערגרייכט דעם ביבלישן עלטער פון — זיבעציק. ס׳זאָגט זיך לייכט, אָבער ס׳ליגט זיך נישט אַזוי גרינג אויף די פּלייצעס זיבן צענדליק יאָר . . .

בערל בוים איז געבוירן אין דער שטאָט פעלשטין אין אוקראַינע, וואָס איז טרויעריק באַרימט געוואָרן דורך די פּעטליוראָווצעס און די דעניקינס און איז שפּעטער געהייליקט געוואָרן דורך דעם גרויסן יזכור־בוך ״פעלשטין״ אונטער דער רעדאַקציע פון ה. ראָזענפעלד און אַלף כ״ץ. בוים מאַכט דורך דעם טראַדיציאָנעלן דרך פון אַ יידיש יינגל. ער לערנט אין חדרים און באַלד נאָך בר־מצווה ווערט ער אַ בית־מדרש־לערנער.

זיינע עלטערע ברידער, צוזאַמען מיט זיינע פעטערס, האָבן אים אין פערצנטן יאָר אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט אַ שניידער בעל־מלאכה און ווערט שפּעטער אַליין אַ פאַבריקאַנט פון פרויען־קליידער. נישט לאַנג צוריק האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון געשעפט און ער ווידמעט זיין פרייע צייט פולשטענדיק צו שרייבעריי און צו געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

נאָך ווען אונדזער ר׳ בערל איז געווען אַ קליין יינגל און מיטגעגאַנגען מיטן טאַטן אין קלויז דאַווענען, האָט ער זיך שוין אָנגעשטעקט מיט די באַ־ציִלן פון ארץ־ישראל. ווען די פעלשטינער מלמדים האָבן אים באַקענט מיטן תנ״ך, ווערט אים דאָס לאַנד פון חומש נעענטער, היימישער, איינגעבאַקן אין האַרצן.

אַט אַזוי פּשוט הייבט זיך עס אָן ביי אים. דער אידעאַל, דער חלום ווערט רייפער, לאַקנדיקער, מאַנענדיקער — ס׳לאָזט אים ניט רוען. ער ווערט אַן אַקטיווער מיטבויער אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פראַקציע. ער דערשפּירט אין אַט דעם ציוניסטישן פליגל די פאַרקערפּערונג פון די נביאים־וויזיעס. ער ווערט אַריינגעצויגן אין כלערליי טעטיקייטן, פאַרשיידענע ציוניסטישע אַקציעס. ס׳באַפרידיקט אים אָבער ניט אינגאַנצן אַט די פאַרצווייג־טע טעטיקייטן. דאָס לאַנד פון חומש מיט וועלכן ס׳האָבן אים באַקענט זיינע ערשטע מלמדים האַלט אים פאַרכישופט די אַלע יאָרן, ער וויל עס זען מיט די אייגענע אויגן . . .

טוט ער זיך אַ נדר, אַז דער רבוש״ע וועט אים שענקען יאָרן און אַז ער וועט אימערצעשעם אַראָפּוואַרפן דעם עול פון די טאָג־טעגלעכע דאגות; ער וועט האָבן מער פרייע צייט, וועט ער זיך אויפהייבן מיט זיין באַשערטער און זען דאָס לאַנד פון זיין חלום, פון אונדזער אַלעמענס חלום.

און לעצטנס ווען ער האָט דערגרייכט דעם גאָלדענעם־עלטער; ער איז

מער־וויניק באַזאָרגט, די קינדער אין פרייִדן אויסגעגעבן, ס׳דרייען זיך שוין ארום אייניקלעך — איז דאַרף מען פאָרן. נישט אַפּלייגן אויף שפּעטער.

ענדלעך, נאָך אַזויפיל יאָרן וואַרטן, האָט זיין חלום אַ תיקון געקראָגן. לאַ כל אָדם זוכה. בערל און אסתר פאָרן קיין ישראל, צו די צען יאָר, ווען אונדזער לאַנד איז ווידער אַ מדינה געוואָרן. ער איז געפאָרן יום־טובן אָט דעם גרויסן נס!

אין די ערשטע טעג, ווען בוים איז צוריקגעקומען, האָט ער געגומען שרייבן צו נאָענטע קאָלעגן מאָגערע בריוולעך — און אונדזער ר׳ בערל האָט גראָד ליב שרייבן אויספירלעכע בריוו מיט אַלע פּרטים — האָב איך גע־טראַכט—אַז ער איז ח״ו צוריקגעקומען אַ פאַרביטערטער, אַן אַנטוישטער... ס׳זאָל אַזוי נישט טרעפן ווי ס׳טרעפט... ביז איך געוואָרן צודרינגלעכער, געגומען מאָנען מער ווי מאָגערע בריוולעך פון זיין נסיעה. ס׳טייטש, קאָלעגע בוים, מיר האָבן דאָך דערוואַרט אַז איר זאָלט אונדז מיתנגדים חסידיש אָנ־וואַרעמען מיט אייערע באַגייסטערטע איינדרוקן פונעם לאַנד פון אונדזערע אָבות, פונעם לאַנד פון אונדזערע אַלעמענס האָפענונגען?... און דאָ גאָר באַפּט איר אָפּ מיט אייניקע לעבלעכע ווערטער, ווי יוצא צו זיין... ס׳איז דאָך נישט לויט אייער טבע! האָט ער מיר געענטפערט, אַז זיין איצטיק שווייגן איז דערפאַר וואָס ער איז באַוועלטיקט פון דער גרויסקייט, פון דעם קאָלאָסאַלן וואונדערווערק וואָס הייסט — ישראל. ס׳איז דאָך ממש פּלאי־פּלאים, וואָס מיר, דאָס געפייניקטע, דאָס אויסגעמאָרדעטע פאָלק האָט געקאָנט באַווייזן נאָך די אַלע נגישות און פּורעניות אין משך פון אַזאַ קורצער צייט דאָס וואָס מיר האָבן באַוויזן. איז צו שרייבן וועגן אָט דעם גרויסן נס מוז מען האָבן כוח פון קאָנצענטראַציע. מ׳מוז די איינדרוקן לאָזן אַלבעמיש איבערקאָכן, אויס־קריסטאַליזירן. דאָס געמיט, די שטימונג מוז זיך באַהעפטן מיט דער מוזע.

האָב איך פאַרשטאַנען בערלס באַלדיקע שטילקייט. ער איז אוודאי גע־רעכט. און נאָך אַ קורצער פּויזע האָט אונדז ר׳ בערל געגומען מהנה זיין מיט זיינע אינטערעסאַנטע איינדרוקן, שילדערונגען פון זיין דריי־וואָכיקער נסיעה. און כדי זיינע ערשטע איינדרוקן צו באַקרעפטיקן, איז בערל בוים שוין געפאָרן קיין ישראל אַ צווייטן מאָל און דאָס מאָל איז ער געשטאַנען לענגער און זיך געגומען מער צייט צו אָבזערווירן און רעפלעקטירן. און די איינדרוקן פון זיין צווייטער נסיעה זיינען שוין דורכגעשטריפּט מיט שאָטנדיקע מאָמענטן, כאָטש אין סך־הכל האָלט ער, אַז די מעלות פון ישראל־לעבן וועגן שטאַרק אַריבער די חסרונות, און די שבחים וואָס ער האָט געהאַט פאַר די תושבי ציון ביי זיין ערשטער נסיעה זיינען אויך איצט נישט אָפּגעקילט געוואָרן...

2

אונדזער פר׳ בוים איז אַ זייער פּראָדוקטיווער שרייבער. ער שרייבט דערציילונגען, מעמואַרן, פּען־פּראָפילן וועגן שרייבערס און קולטור־מענטשן,

וואס ער האט באגעגנט אויף זיין לעבנסוועג. צווישן זיינע כתבים זיינען אויך
פאראן איניקע ראמאנען וואס ער האט מיט יארן צוריק געדרוקט אין "קא־
נאדער אדלער", און דערצו פירט ער א גרויסע קארעספאנדענץ, וואס האלט
אים ממש צוגעשמידט צום שרייבטיש. און אונדזער בעל־שימחה האט פון
שרייבעריי קיין פרנסה ניט געצויגן. זיינע טעג האט ער אוועקגעגעבן צו פאר־
וואלטן א פאבריק וואו מ'האט אויסגעארבעט פרויען־קליידער — און ווי איי־
נער וועמען שניידעריי איז נישט קיין פרעמדער ענין, זאג איך אייך: ס'איז
שוין גארניט פון די גרינגע פרנסות, אפילו ווען די פאבריק איז אן אייגענע...
און אין די נעכט און אין דער פרייער צייט, ווען מ'איז נישט באשעפ־
טיקט אין פאבריק; ווען מ'דארף רוען און פארברענגען צווישן נאענט־איי־
גענע, אדער זיך אין ערגעץ פארווייל; ווי ס'איז די נארמאלע טבע, איז אונד־
זער בוים געזעסן און געשריבן און געשאפן, און בוים איז נישט פון די שריי־
בערס וואס כאפן אפ א טעמע. ער איז מאריך, ער איז שטארק בארעדעוודיק.
אין זיינס א דערציילונג זיינען אריינגעאקערט, אריינגעקנאטן זייטיקע ענינים,
פרעמדע סיטואציעס, וואס האבן מיטן עצם סיפור־המעשה ניט צו טאן. אזוי
שרייבט ער, אזוי שאפט ער. ער נייגט אפ פון גלייכן וועג און פארנעמט זיך
אויף זייטיקע סטעזשקעס. ער זאגט עס טאקע מיר אין א בריוו: "געוואלט
זאגן נאר עטלעכע ווערטער, אבער מיין טבע איז אזא וואס אריכות פאר־
פאלגט מיך. איך קאן נישט אנדערש. אזוי שוין מיין דרך אין דער ליטע־
ראטור".
בערל בוים באנוצט זיך נישט מיט ארויפגעצוואונגענע ליטערארישע
מאניעריזמען. ער שרייבט אן פליטערלעך, אן קונצן. ער דערציילט א מעשה
פאלקסטימלעך, פשוטו־כמשמעו. ער איז נישט שפארעוודיק אין זיין
ווארט־אויסדרוק. ער האט גרויס הנאה צו דערציילן באריכות, מיט אלע
פרטים. דעם גוטן זיכרון וואס ער פארמאגט ווערט ביי אים נישט פאר־
לוירן קיין שום קנייטש, קיין שום ניואנס. אלץ וואס ער האט געזען און גע־
הערט מוז ער דערציילן. ער איז ווי דער פעדאנט־היסטאריקער, וואס דער
מינדסטער פרט איז נישט צו טריוויאל מ'זאל אים אויסלאזן. ער געהערט צו
יענע שרייבערס וואס מוזן איינגאנצן זיך באפרייען פון אנגעזאמלטן בארג
מאטעריאל. ווי שוין געזאגט, בארעדעוודיקייט איז א כאראקטער־שטריך זיי־
נער נישט דווקא אין זיין קרעאטיווער ארבעט. אפילו אין פריוואטע גע־
שעפטס־בריוולעך וואלט אן אנדערער געקאנט אויסקומען מיט געציילטע
שורות, נייטיקט זיך בוים ממש אין גרויסע בייגעלעך פאפיר . . . אפילו ווען
ער שמועסט מיט חברים וועט ער אן ענין ארומרעדן פון אלע זייטן . . . אזוי
איז ער. אזוי שרייבט ער.
נישט תמיד איז די איבערגעלאדנקייט פון רייד א מעלה, גאר באזונ־
דערס אין ליטערארישן שאפן דארף מען זיין געצוימטער, שטרענגער צו זיך.

דער לייענער ווערט מיד ווען מ'לאזט פאר אים גארנישט איבער צו דער־טראכטן און דערגאנצן . . . איך, למשל, האלט, אז אין דער קינסטלערישער דערציילונג איז צימצומדיקייט פון ווארט שעפערישער, וואגיקער. דער גע־צוימטער, אפגעהאקטער סטאקאטא סטיל איז, לויט מיין מיינונג, עפעקטיווער, ווירקזאמער. אבער נישט קריטיש אנאליזירן בערל בוימס דרך זיינען מיר דא אויסן.

אונדז דוכט זיך, אז בערל בוים האט גארנישט קיין קינסטלערישע פרע־טענזיעס. ער איז דער עיקר פאראינטערעסירט אין דערציילן פאר אונדז וועגן מענטשן, טיפן וואס ער האט באגעגנט אויף זיין לעבנס־שליאך. און דער עיקר שבעיקרים איז אים שטארק נוגע צו שילדערן און דערציילן אונדז וועגן זיין שטעטל פעלשטין, וואס דער רשע האט אזוי אכזריותדיק פארלענדט, פאר־שניטן. אין אט די שילדערונגען פון זיין היים־שטעטל גייט פאר אונדז דורך א וועלט מיט כלערליי יידן וואס זיינען נישטא מער . . . אויב מ'קאן האבן טענות צו בוימען אויפן סמך פון ליטעראטור־קינסטלערישע קרעדאס, דארף אבער זיין בוך נישט פארזען ווערן צוליב קולטור־היסטארישן ווערט. אין זיין נארוואס דערשינענעם בוך : "געקניפט און געבונדן" לעבט פאר אונדז דער מחבר אויף א שטאט מיט יידן וואס איז געווען און איז שוין נישטא . . .

אין זיין ערשטן אפטייל, "מיין אלטע היים", וואס פארנעמט טאקע דעם גרעסטן טייל פון בוך, זיינען פאראן אזוינע ווארעם־אנגעשריבענע מעמואר־דערציילונגען, וואס וועלן זיכער פארבלייבן א וויכטיקער צושטייער אין אונדזער חורבן־ליטעראטור. מיר מיינען אזוינע זאכן ווי : מיינע מלמדים, נפתלי לעווינזאנס גביריש הויז, דער אנהייב פון דער פעלשטינער ביבליא־טעק, ישראל יאסע נאמנס, וואסערפירער אין מיין שטעטל, מיין זיידע אברהם שווארצמאן, מיין טאטנס ספרים, יארמעליניצער יאריד, א.א. אט די ארבעטן זיינען קולטור־היסטארישע ציגל צום בנין פון בוימס שטעטל, — אונדזער אלעמענס שטעטל. אט די יידן און יידענעס וואס אונדזער מחבר שילדערט מיט אזויפיל ווארימקייט און מיט אזויפיל דרך־ארץ, זיינען אונדז אזוי אייגן און נאענט. איר פילט זיך מיט זיי "געקניפט און געבונדן", כחמת זיי זיינען א טייל פון אייער אייגן לייב־און־לעבן ; זיי זיינען א טייל פון אייער אייגן שטעטל — צי ס'איז בזשעזשין אדער פעלשטין. ס'איז די נאענטע קרובה־שאפט פון חורבן און קדושה וואס פארברידערט אונדז און פאראייגנט אונדז. און כאטש די זאכן וואס גייען אריין אין דעם אפטייל "מיין אלטע היים" זיי־נען געשריבן געווארן אין פארשיידענע צייטן, זיינען זיי רינגען פון איין "גאלדענער קייט", נישט קיין אפגעריסענע אברים, נאר זיי דערגאנצן זיך און שאפן א סאלידן ארגאניזם.

און גוט האט דער מחבר געטאן וואס ער האט אין זיין בוך אויך אריינ־גענומען ארבעטן וועגן זיין צווייטער היים — אמעריקע. אוודאי זיינען די

פארמאטיווע יארן אין א מענטשלעך־יחידיש לעבן ביז־גאר דעצידירנדיק. אבער די שפעטערדיקע יארן זיינען דאך די יארן פון פולער דערפארונג און פולן באוואוסטזיין. אין אנגעזיכט פון חורבן זיינען די געשטאלטן וואס דער מחבר שילדערט פאר אונדז פון זיין היים־שטעטל אויסגעוואקסן בולטער, פארלער, רייפער, ווי די מענטשן וואס ער מאלט פאר אונדז פון דער צייט ווען זיין לעבן האט שוין דורכגעמאכט פארשיידענע אומוואנדלונגען און גילגולים. ס׳ווייזט, אז די פריע יארן האבן זיך טיף אריינגעשניטן אין די מארך־קעמערלער, אין דעם גייסטיקן מהות פון דעם אויטאר. דאך איז אויך קאנטיק די השפעה פון זיין נייער היים, וואו ער האט אפגעלעבט אריבער א האלבן יארהונדערט. וועגן זיינע חדר־יארן דערציילט ער מיט אזויפיל נאסטאלגיע און סענטימענטאלקייט און מיט אזא ווארימקייט אין לשון, אז ס׳ווירקט אויף אייער אייגענעם געמיט, בעת איר לייענט פון די מענטשן וועגן וועלכע ער דערציילט אונדז אזוי אריכותדיק. איר פילט ממש די לופט וואס דער מחבר האט אריינגעאטעמט אין זיינע פריע יארן און ווי דידאזיקע מענטשן און העלדן וואס האבן אים גייסטיק געשטאלטיקט און געשטאלט גייען מיט אים מיט זיין גאנץ באוואוסטזיניק לעבן און אויך דא, אויף דער נייער ערד, אין דער נייער היים, קאן ער נישט איבעררייסן, איבערברעכן מיט זיין נעכטן, פון אמאליקן אמאל . . . ער איז פון זיין פעלשטין נישט אוועק, כאטש ער לעבט דא אין אמעריקע שוין איבער פופציק יאר.

און דאך זאגן מיר, אז גוט האט דער מחבר געטאן וואס ער האט אויך איינגעשלאסן אין זיין בוך זיכרונות וועגן זיין נייער היים. ער דערציילט וועגן כל־המינים טיפן יידן און נישט־יידן, וואס ער האט דא באגעגנט אונטערן פרייען הימל. ס׳פארקניפט אים א נאענטע קרובהשאפט פון צענדליקער יארן מיט מענטשן וואס ער האט דא געטראפן אין די שניידער־פאבריקן, אין געשעפטן און אין קולטור־ליטערארישע קרייזן, וואו בערל בוים איז געווען א בן־בית א דאנק זיינע קרובים, די פאטעטסע בערטא און ד״ר יחיאל קלינג ע״ה. די ״ליטערארישע שטוב״ פון די קלינגס, וואס איז בשעתו געווען בארימט, האט קאנטיק שטארק באווירקט בוימען.

אין זיין אפטייל וועגן אמעריקע האט ער א גרעסערע ארבעט, זיכרונות זיינע וועגן דער ״טרייענגל ווייסט קאמפאני״. בערל בוים איז געווען אן אנגעשטעלטער אין אט דער פאבריק, וואו מ׳האט אויסגעארבעט בלוזקעס און וואס איז טרויעריק בארימט געווארן דורך דעם גרויסן היסטארישן פייער, וואס איז אויסגעבראכן אין אט דער פאבריק אין 1911, וואו ס׳זיינען געווען באשעפטיקט הונדערטער פרויען, און אין אט דער גרויסער שריפה זיינען אומגעקומען 147 לעבנס. בערל בוים שילדערט פאר אונדז אין אט דער ארבעט (וואס איז, אגב, מיט יארן צוריק פרעמירט געווארן פון היגן ״ייווא״) פופציק יאר ארבעטער־לעבן אין די שניידער־פאבריקן, פון די אמאליקע שווערע באדינגונגען

איז די סוועט־שעפער, ביז צום אויסוואוקס און פונאנדערבלי פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג, און וועגן די באדינגונגען אין די היינטיקע פאבריקן. אבער דער עיקר גייען פאר אונדז דורך די אלערליי מענטשן פון אט דער גרויסער פאבריק, פון דער "טרייענגל ווייסט קא." און ס'ווערט אויך פיל דערמאנט וועגן דעם לעבן פון די אמאליקע אימיגראנטן אויף דער "איסט־סייד", וואו אין די ארומיקע גאסן האבן זיך געפונען די טרויעריק־בארימטע "סוועט־שעפער", וואס זיינען אזוי שטארק באקעמפט געווארן פון די אמאליקע בונטארן־פאעטן מאריס ראזענפעלד, דוד עדעלשטאט, באווּשאווער, א. אנד. דא, אין אט דער פאבריק, האט אונדזער מחבר זיך אויסגעלערנט די שניידעריי־מלאכה און זיך באקענט מיט די מענטשן וואס האבן לאנגע טעג געהארעוועט אין די "סוועט־שעפער" פאר נישטיקע פארדינסטן און אונטער שוידערלעכע באדינגונגען. א גאנצע גאלעריי פון טיפן גייען פאר אונדז דורך אין זיינע זיכרונות, און ער דערציילט אויך, ווי אן עדות, וועגן דעם גרויסן, היסטארישן "טרייענגל פייער", וואס האט אויפגעשוידערט דאס געזעלשאפטלעכע לעבן פון יענער צייט און וואס האט ממש געדינט ווי דער טרייב־כוח פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג וואס האט גענומען אויפקומען און זיך פונאנדערבליען. איז אט די אינטערעסאנטע תקופה באריירט און שילדערט פאר אונדז בערל בוים אין זיינע זיכרונות פון זיין נייער היים — אמעריקע.

איז פארדראסיק הלמאי מ'האט זיין בוך עפעס פארשוויגן אין אונדזער ניו־יארקער פרעסע, כאטש דער "קענעדער אדלער" און א ריי קלענערע זשורנאלן האבן אים געווידמעט גרעסערע אפהאנדלונגען. ס'האבן אבער נישט געשריבן וועגן אים די פראפעסיאנעלע רעצענזענטן און די וואס פארנעמען זיך מיט שרייבן אפהאנדלונגען וועגן ביכער. איז אויב מ'קאן זיך "טשעפען" צו אונדזער מחבר אויפן סמך פון קינסטלערישער אויסגעהאלטנקייט, דארף אבער זיין בוך נישט פארזען ווערן צוליב זיין קולטור־היסטארישן ווערט. בוים שרייבט וועגן א שטאט מיט מענטשן וואס איז געווען און איז אזוי מאוימדיק אומגעקומען, און אויך א היסטארישן באדייט האבן זיינע זיכרונות וועגן זיין נייער היים, אמעריקע. דארף מען וועגן דעם דערציילן און דערמאנען.

איז אוודאי בוים נישט דער איינציקער פון די פארשוויגענע שרייבערס. א צייט אזא ביי אונדז. אוודאי נישט קיין גוטע, אבער דאס געהערט שוין צו אן אנדער טעמע. דערווייל לאמיר אים באגריסן און ווינטשן אריכת־ימים און נאך יארן פון שפע און שאפערישקייט. דער קלימאט וועט זיך אמאל אויסלייטערן און מ'וועט אין אונדזערע קרייזן באגיין ווייניקער עוולות קעגן מענטשן פון בוימס פארנעם . . .

1962

# יעקב יצחק סיגאל

י. י. סיגאל איז געווען זייער אַ פּראָדוקטיווער און ווערסאַטילער שרייבער. אין די לעצטע 30־35 יאָר האָט ער ממש אָנגעשריבן טויזנטער לידער, הונדערטער עסייען וועגן שרייבער און זייערע ווערק און סתם אַזוי אַרטיקלען און בריוו וועגן פאַרשיידענע ענינים און פּראָבלעמען. ער איז געווען אַ ליטעראַרישער מאַגנאַט וואָס איז געווען פריי־גיביק מיט זיין עשירות . . .

סיגאַל איז דער אָפּשטאַם פון אַ לומדישער מישפּחה וואָס האָט איר אַנשפּאָר אין תוספות יום־טוב. די דאָזיקע פרום־לומדישע מישפּחה האָט געהאַט איר פּאָזיטיוו־קאָנטיקע השפּעה אויפן דיכטער און זיין שאַפן.

דאָס טראַדיציאָנעל־יידישע איז כאַראַקטעריסטיש אין זיינע קינסטלעריש־ראַפינירטע לידער. ער האָט ניט געירשנט פון פרעמדע קוואַלן. זיין ליד קומט פון די טיפענישן. ס׳איז איבערגעלעבט, אייגן, עכט. ס׳איז אַ באַשטאַנד פון זיינע נשמהדיקע, גייסטיקע זוכענישן און קאָנפליקטן. זיין טרויער, זיין צער, זיין טרייסט זיינען אַריינגעניגונט געוואָרן אין מאָדערנע תפילות. ער איז געווען דער מנגן מיט אַ יחוסדיקן המשך פון אַן אַלט־געפּרוואָווט פאָלק. כ׳דאַרף זיך נאָר פאַרטיפן און נאָכאַמאָל איבערלייענען זיינע וואָגיק־בייביקע ביכער. איר דאַרפט זיין יידישקייט ניט אַרומגיין זוכן מיט לאַמטערנעס . . .

אָט וועלן מיר דאָ ברענגען איינס פון זיינע לידער פון זיין בוך, ״לידער און לויבן״. וואָס איז זיכער ניט פון זיינע בעסטע קינסטלעריש־געטאַקטע לידער, אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַרן דיכטער אין זיין אויפנעם פון דער יידישער וועלט.

״ . . . אַרום אונדזער מסיבה<br>
זיינען געזעסן די יורדים,<br>
און די אָרימעלייט פון אייביק־אָן.<br>
דורשטיק זיינען זיי נאָך די שיינע משלים<br>
פון די מעשים וואָס די וועלט האָט שוין אָפּגעטאָן.<br>
און זיי ווילן צעשפּאַרן די<br>
ווענט פון דער ענגשאַפט,<br>
פון דער גרויקייט צעשפּאַרן —<br>
די שטיינערנע ווענט.<br>
מיט וואָס, אַ מיט וואָס פאַר אַ כוח?<br>
מיט וואָס פאַר אַ כוח זיך

פארמעסטן אויף זיי,
אז די ווענט זיינען דיק און הויך,
און די הענט — שוואך און
מיד זיינען די הענט?
איז דא נאר אין כיטן אין אונדזער מסיבה
ביים וואכעדיקן אדער ביים יום־טובדיקן טיש —
דער כוח פון ניגון טוט די שטילקייט א ריס
און אז אלטינקער אונדזער טוט
א קלאפ מיט די פיס,
און עס הייבט אן צו
זינגען דער רינג ארום טיש,
א בראצלאווער ניגון,
א בראצלאווער ניגון . . .״

(ז׳ 77 ״לידער און לויבן״)

אט די דאזיקע חסידיש־יידישע וועלט גייט דורך ביי אים אין גאר א סך פון זיינע פיין־געשמידטע לידער־סעריעס אין פארשיידענע וואריאציעס און טייטשן.

וואס זוכט ער אין זיינע שטילע, רואיקע, תפילהדיקע לידער? ער ענט־פערט אין זיין ״מיזמור שיר ליעקב יצחק״, וואס געפינט זיך אין דערמאנטן בוך, אט וואס —

״כ׳האב קיין וואלד ניט,
כ׳האב קיין פעלד ניט,
וואס־זשע האב איך פארט?
כ׳האב אן ענג און טונקל ווינקל
און אן ערלעך, גלויביק ווארט . . .״

וועגן זיין ״ענג און טונקל ווינקל״ מעג מען זיך שפארן. אבער אז זיין ווארט איז געווען ״ערלעך און גלויביק״ דארף מען אים גלייבן אן רעזערוואַ־ציעס . . .

ער איז געווען פון די שטילע, צניעותדיקע, ניט עלנבויגנדיקע דיכטער ביי אונדז. דעריבער, ניט ווי געהעריק אפגעשאצט. ס׳האט אפילו קורסירט א ניט־פארדינטער עפיטעט אין געוויסע ליטעראַרישע קרייזן — ״ער איז א קליין יידעלע וואס שרייבט אז א קליין לידעלע״. איז דער דאזיקער זאג — קאריקאטוריסטיש־ציניש און גארניט־זאגנדיק.

געווען איז דער פריצייטיק־פארשטארבענער א גרויסער ייד און א גרוי־

סער דיכטער וואס האט איבערגעלאזט אין דעם אוצר פון אונדזער יידיש־ליטעראטור א גרויסע, רייכע ירושה. ווי האט ער אין איינעם פון זיינע לי־דער, וואס איז כימעט אז עפיטאף אויף זיין יונג־פארשניטענעם לעבן, עלע־גיש געזונגען —

„— — — ליגט מיין בערגל שטיל און שטום
רואיקער פון אלע קברים.
קומט א ווינטל אז פון צפון,
קומט א ווינטל אז פון דרום,
בלייכט ער אוים ביי כיין צופוסנס,
הויכט עס אוים ביי מיין צוקאפנס.
און מה־טובו, ערד דו גוטע,
איז מיר ביי דיין שוועל צו שלאפן.
ערגעץ־וואו אויף סידור־בלעטלעך
ברענען, צאנקען מיינע לידער,
קיינער וועט שוין דא מערער
אנציינדן אזעלכע לידער . . .“

קומען וועלן דיכטער און שרייבן אנדערע לידער, אבער קיינער וועט אזעל־כע לידער ווי ער האט געשריבן שוין ניט שרייבן . . . זאל זיין ירושהדיקער איבערבלייב לייכטן פאר די קומענדיקע דורות . . .

# פון אַ בריוו צום פּאָעט ראַדאָשיצקי

לייענענדיק און בלעטערנדיק אייער בוך — "ווען בלעטער פאַלן" — בין איך ממש אַנגעשטעקט געוואָרן מיט אייער צער און טרויער . . . קאָן אַ ייד־מענטש אוודאי ניט אויסמיידן דעם גרויסן צער און פאַרביטערטקייט אין אַ וועלט פון חורבן און רציחה ; וועץ די ווערטער, די עטישע קרעדאָס אין וועלכע מיר האָבן אַזוי הייליק געגלויבט, ווערן שפּאָטיק און ציניש פאַרמיסטיקט און געטראַמפּלט מיט בלוטיקע שטיוול־פיס . . . יאָ, מיר לעבן אין אַ תקופה ווען דאָס שטיל־לירישע וואָרט פונעם פּאָעט־יחיד, ווערט פאַרשריגן מיט היסטע־ריש־הייזעריקן חוזק־שאָל. אָבער, אין אייער יחידיש־ און כללדיקן צער רייסט זיך אויך דורך דאָס געזאַנג פון פרייד, פון ביטחון :

"זינג, זינג מענטש ;
אין געזאַנג לעבט ביטחון,
אין געזאַנג לעבט די פרייד —
לעבט גאָט !"

יאָ, ווי שטאַרק דאָס ליד פון פּיין־און־טרויער זאָל אונדז ניט האַלטן איינ־געפּרעסט אין שטייפן קאָרסעט פון אַ קורץ־יחידיש לעבן, איז דאָס ליד פון אויפגיי, פון אויפשפּראָץ דאָך אייביק — ווי דער אויפגיי פון אַ זאַנג אין פעלד און ווי דאָס צאַרט געוויין פון אַ ניי־געבוירן עופעלע. דער טרויער באַגלייט אונדז שטענדיק — דאָך, טאָר ער ניט ווערן דאָמינירנדיק אין אונדזער לעבן : מ'מוז די עצבות וואָס פּענטעט אונדזער ווילן טרייבן פון זיך ווי אַ ניטגוטן . . . ווי לאַנג דער פּולס פון האַרץ קלאַפּט זיין ריטמישן טיק־טאַק מוז דער מענטש גלייבן און טאַקע קעמפן פאַר זון־אויפגייענדיקע מאָרגנס. אין דער חסידישער וועלט איז תמיד אַנגעגאַנגען אַ שקלאָ־וטריאָ וועגן דעם עניין פון טרויער און פרייד. דער טרויער טאָר קיין שליטה ניט האָבן אויף דעם אמתן מאמין, מחמת ער גלייבט דאָך אין דער אייביקייט פון מענטש, פון גאָט . . . דערפאַר געפעלט מיר שטאַרק וואָס צווישן אייערע טרויער־מאָטיוון, צווישן די פאַלנדיקע בלע־טער זינגט איר אויך :

"טעג ווי פולע וויין־בעכער
וואַרטן אויף דיר : —
אַ געלייטערטער נענן צום געדעקטן טיש.
פון לויטערן יום־טוב.

גענים פון גאטס שפע
און זינג״.

יא, זינג ביטחונדיק כאטש דער אומעט, דער טרויער רייסט שטיקער פון דיין הארץ. געזאנג איז אייביק. מענטש איז אייביק, כאטש ס׳בייטן זיך די דורות. אויך גאט איז אייביק. זיי ניט פארצווייפלט, מענטש. זינג אין דיין טרויער וועגן זוניקע טעג. די המנס, די טארקוואמאדאס, די פייניקער, די תליונס זיינען קליינע עפיזאדן אויפן שליאך פון מענטש־געשיכטע. לייד און זינג און האב ביטחון אינעם מענטש! . . .

— — — — — — — — — — —

. . . פיר יאר זיינען שוין אוועק זינט כ׳האב דעם בריוו געשיקט צום דיכטער ראדאשיצקי. לאנג נאך דעם ווי זיין בוך איז דערשינען האט ער ניט געלעבט. זיינע לידער זיינען דעמאלט געווען אזוינע טרויעריקע, אזוינע אומעטיקע . . . ער האט מן־הסתם געאנט אז די שקיעה־צייט איז נאענט. דער מלאך־המות פאכעט איבער אים מיט זיינע שווארצע פליגל . . . זינגט ער דעמאלט:

גאט! איך זע דאך און איך פיל:
שוין לעשן זיך די הימלען אוים, גרוי פארקלערט.
אלץ ארום שלאפט איין שוין אויף דער ערד,
אלץ בלייבט שטיל —
— מיר איז אזוי אומעטיק, מיין גאט!

כאטש ער האט געפילט אז קיין יורש וועט ניט בלייבן וואס זאל זיכערן דעם קיום פון זיין ליד — האט ער דאך פרום־פארכטיק געגלויבט, אז דאס ליד זיינס, כאטש פאריתומט, וועלן דאך די צוקונפט־דורות טראגן זיין נאמען אנטקעגן —

ליד, מיין ליד, מיר איז אזוי באשערט —
דו זאלסט מיין יורש זיין, מיין נאמען ארבן.
ווען דער טאג וועט איבער מיר אפשטארבן,
און פארדעקן וועט מיין גוף די קאלטע ערד.

# לוי גאָלדבערג

לוי גאָלדבערג געהערט צו יענע "אַלטמאָדישע" דיכטערס, וואָס זייער וואָרט איז פאַרשטענדלעך, נישט פאַרמיסטיציזירט און פאַרוואָלקנט. ער האָט געלערנט אין חדר ביי מאָריס ראָזענפעלד, אַברהם רייזען, אַברהם ליעסין און מאָני לייב — נאָר צו דערמאָנען אייניקע פון אונדזערע פשוט־שרייבנדיקע דיכטערס, וואָס האָבן אין זייער צייט געהאַט אַ געוואַלדיקע ווירקונג מיט זייער פּאָעטישן וואָרט.

אויף לוי גאָלדבערגן האָבן אויך געווירקט די חדר־יאָרן אין דער סביבה פון תנ"ך און שטילע מעדיטירנדיקע תפילות. איר האָט אויך די השפעה פון טאַטע־מאַמעס שטוב, ווי ער זינגט טאָקע: "יונג האָט טיפסטע אָרעמקייט מיך צוגעבונדן ירושהדיק צום טאַטנס שטוב, צעקרומט און מאָכיק. אַוואו זיין הייליק לעבן האָט דאָך געלויכטן תוכיק, האָט זיין הייליק לעבנס־זין מיין בלוט געצונדן".

כאָטש לוי גאָלדבערג איז באַווירקט געוואָרן פון די דערמאָנטע וואָרט־מייסטערס, איז ער אָבער געקומען מיט זיין אייגן פּנים, מיט זיין אייגן פּאָע־טישן מעטאַפאָר און אידיאָם, וואָס שפּיגלט אָפּ אונדזער קאַליידאָסקאָפּישע צייט, די צייט פון גרויסן נס און די צייט פון גרויסער טראַגיק פאַר אונדזער פאָלק.

לוי גאָלדבערג געהערט ביי אונדז צווישן די דיכטערס פון דעם שטילן ליריש־צאַרטן ליד. ער איז דער זינגער פון פּיאַניסימאָ־טענער. ער גייט אַרום איבער רוישיק־טומלדיקע גאַסן אַ שטילער. ער געהערט נישט צו די וואָס קו־מען מיט שופר־שאַל און ליד פון פּראָקלאַמאַציע, ווי ס'האָבן געטאָן עס די פּאַרטיי־דיכטערס. זיין יחידישער כוח ליגט אין דעם תהילימדיקן קול דממה דקה. ווי זינגט ער טאָקע אין איינעם פון זיינע לידער:

"פון אַ פאַרכישופטע וויגל האָט ער דיך צו מיר אַרויסגעוויגט. אַ ציגעלע אַ ווייסע — פּינקטלעך ווי דאָס לידל גייט — אין דיר אַנגעהאַנגען אַן מיין האַרץ, כדי אין דינקייט פון אַ פליט צו זינגען פאַרן מענטש דעם ניגון, וואָס זיין האַרץ דערקוויקט . . ."

יאָ, זיין ניגון איז די צאַרטקייט און דינקייט פון דער פליט. די שטילע לידער, וואו ער באַהעפטעט זיך מיט מענטש און וועלט, זיינען פון זיינע בעסטע. דער באַריר פון סאַמעט און זייד זיינען כאַראַקטעריסטישע מאָטיוון, וואָס שלענגלען זיך אַריין אויך אויף אַלע זיינע זייטיקע שטעגן. ער האָט אויך סאָ־

ציאלן און נאציאנאלן פאטאס אין זיין ליד, אבער ער זינגט אנדערשדיק פון א סך וואס האבן געשריבן אויף דער זעלביקער טעמאטיק.

שטיל ווי פליסטער, קוים צו הערן,
מיט די טרערן קומט א רמז:
'ויהי אור, וועט ווידער ווערן,
ווען די וועלט וועט ווערן אמת'."

און זיין לעצט ווערק, "פירות אויף מיין בוים", דוכט זיך אונדז, איז זיין בעסט בוך. ער האט זיך געעלטערט און אויך זיין ליד האט זיך געעלטערט. אין זיין ניגון פילט זיך די צייטיקייט און רייפקייט פון א פרי אויפן בוים. ס'איז אין זיין בוך פאראן די פארסכהכלונג פון א מענטשלעך לעבן, פון אייגענעם לייב־און־לעבן. ס'איז ניט מער דאס שטיפעריש־שפּילעוודיקע ליד פון יוגנטלעכן געמיט. זיין ליד האט איצט אין זיך די שיינקייט פון גאלדענעם הארבסט.

מיט עלטער קומט דערפארונג, ניכטערקייט, חכמה. זיינען טאקע זיינע נייעסטע לידער פולער, גאנצער און בעת איר פארזוכט זיי דערפילט איר אויף אייער גומען דעם טעם און די זיסקייט פון האניק.

און תפילהדיק זינגט אין א שטיל געזאנג דער "זינגענדיקער עקשן":

"איצט, אין הארבסט, זינגען מיט אן אומעטיק געציטער
מיינע לידער, ווי געלע בלעטער וואס וויינען
פאלנדיק אויף ערד, מיט שטויב זיך צו פאראייניקן.
און איך אין ווינט, שטיי נאקעט. זע גאט מיין היטער!
באהילף מיר אויסצושפרייטן פאר דעם מענטש מיין ניגון,
כדי אין אנגעזיכט פון דיר, דיין קוש צו קריגן".

איז נישט קיין פולן אפשאץ האבן מיר דא בדעה צו געבן. מיר האבן נאר אנגערירט עטלעכע שטריכן, וואס זיינען כאראקטעריסטיש פאר גאלדבערגן, דעם שטילן ליריקער.

זיין לעצט בוך, און ס'וועט אוודאי ניט בלייבן דאס לעצטע, איז א וויכטיקער צוטראג צום אוצר פון דער יידישער ליריק.

# אברהם פאַסירשטיין —
# דער פּאָעט פון שטילן טרויער

גרויזאַם שפּילט זיך מיט אונדז דער גורל. שבת פאַרנאַכט האָב איך טעלעפאָניש גערעדט מיט דעם פאַרשטאָרבענעם קאָלעגע מיינעם. ער איז געווען מונטער און גוט אויפגעלייגט. ער האָט מיר דערציילט וועגן מאַנוסקריפּטן און בריוו וואָס ער האָט דערהאַלטן פון קאָלעגן־שרייבערס און אַז מאָנטיק נאָכט דאַרפן מיר זיך טרעפן, כדי צו מאַכן הכנות פאַרן קומענדיקן נומער "אויפסניי", וואָס דאַרף אָפּשליסן צוויי יאָר פונעם זשורנאַל . . .

כ׳האָב ניט געאָנט. כ׳האָב ניט געטראַכט, אַז דאָס איז שוין אונדזער לעצטער שמועס, אונדזער לעצטער צוזאַמענרייד . . . און אַנשטאָט זיך טרעפן מיט אים מאָנטיק נאָכט, וועל איך האָבן די טראַגישע זכיה אים מספּיד צו זיין און שטיין ביי זיין אָרון דינסטיק בייטאָג . . . יאָ, אַזוי שפּילט זיך דער גורל מיט אונדז . . . אָט מאַכט דער מענטש פּלענער ; שפּינט חלומות — און אָט — אויס . . .

ס׳איז דערשינען דאָס ערשטלינג־בוך פון פאַסירשטיינס געזאַמלטע לידער — "ניגונים ראַנגלען זיך", וואָס ער האָט נאָך געהאַט די פרייד פון שניידן דעם שניט . . . ער האָט געקראָגן וואַרימע בריוולעך אָפּרופן פון אַ סך קאָלעגן־שרייבערס. אָבער אונדזערע קריטיקערס און רעצענזענטן זיינען געווען ווי אָלדיק קאַרג אויף אַ קאָמפּלימענט און אויף אַ וואָרט פון דערמוטיקונג . . . אַפילו איצט, זיבן יאָר נאָך זיין אַוועקגיין פון אונדז, ליגט נאָך זיין בוך אַ פאַרשוויגנס און מאָנט אַ תיקון . . .

ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ סך פאַרדרוס. ער האָט זיך שטאַרק געערגערט פון אָט דעם טרויעריקן מצב ביי אונדז. פאַרוואָס פאַרשוויגט מען אים ? פאַרוואָס ווערט ער איגנאָרירט ? פאַרוואָס אַזאַ פּראָסטיקע באַציאונג לגבי אים ? זיינען זיינע לידער ניט ראוי גענוג צו ציען דעם אויפמערק פון אונדזער שרייבערישער וועלט ? . . . — ער האָט דאָך בלוט פון זיין האַרץ אַריינגעקנאָטן, אַריינגעוועבט אין זיינע לידער . . .

מיר, זיינע נאָענטסטע קאָלעגן, מיטאַרבעטערס פונעם "אויפסניי", האָבן געפילט, אַז מ׳דאַרף עפּעס טאָן, כדי אַביסל זון־ליכט אַריינצוברענגען אין דער טיף־לײַדנדיקער נשמה פונעם דיכטער. האָבן מיר פאַר אים איינגעאָרדנט אַ יום־טוב, וואו חברים־קאָלעגן זיינען אַרויסגעטראָטן מיט וואַרימע אָפּשאַצן. דער יום־טוב איז געווען טוי פאַר זיין צעפּייניקטער און מיט ספּיקות־צערייסענער נשמה. ער האָט זיך געפילט אַביסל אויפגעהייטערט, יום־טובדי־

קער . . . און דאַ, — ווען ער נאָך אַזויפיל אַרבעט, ער איז ווי אַ מילגרוים פול מיט צוקונפט־פּלענער, קומט דער מלאך המוות און ציט אונטער דעם לעצטן סך־הכל זיינעם . . .

אין איינעם פון זיינע לידער אין נומער זיבן פון "אויפסניי", האָט ער אַזוינע עלעגישע שורות: "מיט תפילות כ'האָב באַהאַפטן מיין טיר אין די רגעס פון זוניקן פאַרגיין. איצט שטיי איך פאַרבענקט אויף די שטאַפּלען אַנטקעגן פלאַטער פון בראשיתדיק ליכט". עפּעס אַזוינע מאָדנע, טרויעריקע מחשבות נעמען דיך אַרום בעת דו לייענסט אָט די טונקעלע פערזן. כ'האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אָט די טרויער־שורות זיינע. איז זיין ענטפער געווען דירעקט און לאַקאָניש: וואָס קאָן איך טאָן, אַז דער טרויער איז מיין שטענדיקער באַגלייטער, יאָגט מיך נאָך . . . אפשר האָט ער געאָנט, אַז דער מלאך המוות לויערט איבער אים, דערפאַר אַזויפיל טרויער אין זיין ליד? . . . יאָ, ער האָט געמוזט פילן דעם פלאַטער פון בראשיתדיקן ליכט . . .

פּאַסירשטיין איז געווען שטאַרק עמאָציאָנעל. אַ מענטש פון כלערליי שטימונגען. ס'זיינען געווען מאָמענטן ווען ער פלעגט דורכגענומען ווערן מיט אַ קוהלתדיקייט, מיט אַ פּעסימיזם, איז אין אָט די מאָמענטן, — כאָטש זיי זיינען געווען זעלטענע, — פלעגט ער מיט מיר טענהן: איר דענקט סומער אַז דער זשורנאַל אונדזערער באַרעכטיקט דעם אָנשטרענג? זיינען מיר מיט עפּעס מחדש? זיינען מיר מקיים אונדזער פּראָגראַם־צוזאָג? דענקט איר ניט אַז דעם וועקסל וואָס מיר האָבן אויסגעשטעלט צום בעסערן, צום מער ראַפינירטערן לייענער האָבן מיר אָנגעזעצט? . . . אָבער באַלד כאַפּט ער זיך, אַז זיין פּעסימיזם איז אַ ניט־באַרעכטיקטער. זוכט ער מיר דאָן פאַרזיכערן: — פונדעסטוועגן, וויל איך איר זאָלט וויסן סומער, — דעם תיקון צו שטילן מיין גייסטיק־שעפערישן הונגער האָב איך ערשט געפונען דורכן אויפקום פונעם "אויפסניי"; דער זשורנאַל איז מיין היכל פון קדושה . . .

דער איש תמים וואָס ער איז געווען אין זיין פּריוואַט־יחידישער אָפּגע־זונדערטקייט האָט ער אויך געפּראַוועט אַריינברענגען אין זיין ליטעראַריש־גייסטיקער אַרבעט. אַ סך פאַרדרוסן און עוולות האָבן זיך ביי אים אָנגע־קליבן וואָס איז ממש געוואָרן דאָס טעגלעכע ברויט פון אַ סך יידישע פּען־מענטשן. ווערט ער אָבער ניט פאַרביטערט. ער האָט די אינעווייניקסטע פּיי־נען, נאָגענישן ניט געלאָזט קומען צום אויסדרוק אויף די שפּאַלטן פונעם זשורנאַל . . . איצט מעג מען דערציילן. ניט איינמאָל האָבן איך שטרענג גע־מאָנט, אַז ס'איז אונדזער חוב צו רעאַגירן בנוגע אַלערליי צעהויקערטקייטן אויף אונדזער ליטעראַרישער גאַס. מ'טאָר ניט פאַרשווייגן שרייענדיקע עוולות. האָט ער געפּלעגט טענהן, אויף זיין כאַראַקטעריסטישן שטייגער, אוודאי איז ביטער, דאָס וואָסער גרייכט שוין ביזן האַלדז . . . אָבער זאָל מען נאָך אָפּוואַרטן, אפשר, — טאָמער, וועט זיך ענדערן צום בעסערן . . . מ'מוז

ווי וויט מעגלעך אויסמיידן כעס . . . ווייל ס'איז עבודה־זרה . . . ס'קאָן פאַרפירן אין דער שאול־תחתיה . . .

אין זיין בוך "ניגונים ראַנגלען זיך" קומט צום אויסדרוק דער שטילער, עניוותדיקער, לירישער מענטש וואָס ער איז געווען. כאָטש פאַסירשטיין האָט געשריבן אַ סך יאָרן, ברענגט ער זיין ערשטלינג־בוך צו דער עפנטלעכקייט שוין אין די פופציקער יאָרן. ווי דער אמתער קינסטלער האַלט ער שטאַרק פונעם כלל: — איידער דער מחבר ברענגט זיין ווערק צו דער עפנטלעכקייט, מוז ער פריער זיך לאַנג גרייטן. דער פאַראַנטוואָרטלעכער קינסטלער טאָר קיינמאָל נישט זיין צופרידן מיט זיינע פריערדיקע אָנוואורפן. ער מוז לאַבאַראַטאָריש האָרעווען ביז ער דערהייבט זיין יצירה צו דער מדרגה פון קינסטלערישער געלייטערטקייט און שלימות.

פאַסירשטיין איז כימעט אַלעמאָל דער לעצטער וואָס ברענגט זיינע לידער צום דרוקער. ס'דוכט זיך אים תמיד אויס, אַז ער האָט די לידער נישט גענוג געשליפן, נישט גענוג פּאָלירט . . . ס'האָט מן־הסתם צו טאָן מיט ירושה אָפּשטאַם. ער שטאַמט פון יואוועלירן און זייגערמאַכערס. און ער אַליין איז דאָך באַשעפטיקט ביי אָט דער מלאכה, וואו פּאָלירטקייט, געשליפנקייט, פּרעציזקייט — און דער עיקר: — שיינקייט, עסטעטישקייט איז אַ ביז־גאָר וויכטיקער באַשטאַנד פון אָט דער דעליקאַטער, איידעלער פּראָפעסיע.

און עפּעס האָט ער פיינט בתכלית השינאה, — אומקלאָרקייט פון אויסדרוק. ער איז נישט דער אַדוואָקאַט פון מאָדערניזם אין דער ליטעראַטור, ווי ס'ווערט פאַרשטאַנען פון די עליאָטס, פון די קאָמינגס, פון די פּאָנדס, — און פון געוויסע יידיש־פּאָעטן וואָס האָבן אַריבערגעפלאַנצט זייער אולטראַ־מאָדערניזם אין אונדזער יידישער פּערזן־קונסט . . . ער האַלט, אַז דער פּסעוודאָמאָדערניזם איז די פאַרקערפּערונג פון אינפאַנטאַלער אומבאַהאָלפנקייט. דער טומל פון ס'רוב פוטוריסטן מכוח זייער אַנדערשקייט, — איז נישט מער ווי פּוסטער אָנשטעל . . . זייער געליאַרם מכוח דעם, אַז מיר לעבן אין אַנדערע צייטן, וואו די טראַדיציאָנעלע פאָרמען זיינען שטאַרק אַנאַכראָניסטיש און קאָנסערוואַטיוו, און אַז דער פּאָעט־קינסטלער דאַרף זוכן נייע פאָרמען פון אויסדרוק, זיינען לויט זיין מיינונג, — שטאַרק פּרעטענציעז און היפּש־גוזמהדיק; משמעות, ס'זיינען נישט די פאַרעלטערטע פאָרמען וואָס די אולטראַמאָדערניסטן באַקעמפן, — נאָר ס'לאָזט זיך פילן אין זייערע שאַפונגען אויסגעליידיקטקייט, נאַקעטקייט; איר דערפילט באַלד די טאַנדעט־פּאַסטריגעס, — דעריבער זוכן זיי זיך באַהאַלטן אונטער פאַרנעפּלט־פאַרוואָלקנטע הימלען — און זיי שרייען פון די דעכער מכוח מאָדערניזם און אַז די פאָרמען פון די טראַדיציאָנאַליסטן איז אַרכאַאיש און דאַרפן בראַקירט ווערן . . .

דער עיקר פון זיין קונסט־קרעדאָ, האַלט פאַסירשטיין, — איז די קינסטלערישע אַנטפּלעקערישקייט, די חזיונות — דעם קינסטלערישן אמת וואָס דער

קינסטלער ברענגט צום אויסדרוק אין זיין יצירה . . . די צייט איז שוין דער בעסטער אפּקלייבער וועגן דער דויערנדיקייט פונעם קינסטלער . . .

אוודאי זיינען מיר ניט מסכים אין אַלע פּרטים מיט פּאַסירשטיינען לגבי זיין קינסטלערישן אני־מאמין. מיר האַלטן, למשל, אַז אַ יונגע ליטעראַטור דאַרף תמיד עקספּערימענטירן מיט נייע מאָדעס, מיט נייע פאָרמען, אַפּנייגן פון פאָרמאַליסטישן גאַנג. און כל־זמן די ליטעראַטור מאַכט עקספּערימענטאַלע פאַרזוכן, איז זי באַנייענדיק און אייביק יונג . . .

אָבער פון דעם וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט, קאָן זיך אפשר שאַפן דער איינדרוק, אַז פּאַסירשטיין איז געווען דער שאַרפער קעגנער פון מאָדערניסטישע טענדענצן אין דער ליטעראַטור. ווילן מיר דעם לייענער פאַרזיכערן: — אַז ער איז גאָרנישט געווען אַזאַ "גזלן" קעגן מאָדערניזם. אין אונדזער זשורנאַל זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן מאָדערניסטישע שאַפונגען און ער אַליין האָט הנאה געהאַט. ס'גייט אים נאָר אינעם עיקר: — אַז דער קינסטלער טאָר זיך ניט גרימירן אונטער אַ מאַסקע פון גאָרניט־זאָגנדיקייט, פון אויסגעלייזדיקטקייט, פון פּוסטן־אָנשטעל, פון פאַלשער פּרעטענציע — און שרייען, האָט דרך־ארץ, איר פּיליסטער, — ס'איז קונסט! . . . כאָטש אַליין איז ער שטאַרק באַווירקט פון אונדזערע קלאַסיקער־קינסטלער, הייסט עס לחלוטין נישט, אַז ער איז ניט ניי און אַנדערשדיק אין זיינע אויסדרוק־מיטלען. ער איז אָנגעהויכט און שטאַרק באַווירקט פון די קלאַסיש־טראַדיציאָנעלע פּאָעטן אונדזערע, און דאָך, — איז זיין מעטאַפאָר, דער אימאַזש, דער פורעם, דער גראַם, דער אַסאָנאַנס, דער מעטער פון זיין ליד אַנדערשדיק און אייגנאַרטיק.

ער איז געבוירן אין דעם שיינעם יידיש־פּוילישן שטעטל קוטנע, אַ בן־עיר פון דעם גרויסן קינסטלער שלום אַש. זיינע פאָרמאַטיווע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין אַ שטוב פון ספרים. פּונקט ווי ביי ביאַליקן, דעם גרויסן נאַציאָנאַלן משורר, פאַרנעמט דער "אַלמער ספרים", אַ וויכטיקע ראָל אין דער פורעמונג פון זיין פּאָעטישן־אינסטרומענט, אַזוי אויך שפּילן די תורה־ספרים פון זיין טאַטנס שטוב אַ בין־גאָר וויכטיקע ראָל אין פּאַסירשטיינס פּאָעטישן טאַלאַנט. אויף טריט־און־שריט מערקט איר אָט די השפעה אין זיינע לידער.

"אין צווישן ברויט געראַנגל,
אין אַ היים אַ פרומע, —
כ'האָב אַנטפּלעקט דעם ליבע סוד,
אין ספרים אַלטע, שטומע". —

אונדזער אברהם פּאַסירשטיינס פאָטער איז געווען אַ ייד אַ למדן. אָבער קיין ברויט אין הויז איז קיינמאָל ניט געווען צו דער זאַט. ס'איז דאָס אַלטע טראַדיציאָנעלע בילד פון דער יידישער שטוב; לומדות געפּאָרט מיט אָרימקייט; מיט סאָציאַלן דלות. אָט די דלות־סביבה מיט וועלכן דער ייִנגל

אברהם האָט זיך אַזוי אָנגעזעטיקט אין זײַנע פֿאָרמאַטיװע יאָרן, װערן אָפּגע־שפּיגלט אין פֿאַרשײדענע װאַריאַנטן פֿון זײַנע לידער.

ביז אַכצן יאָר געלערנט בײַם סאַכאַטשאָװער רבין, איז זיך אַרײַנגעזאַפּט מיט טראַדיציאָנעל־תּלמודיש װיסן, װאָס האָט מיט אים מיטגעשפּאַנט אין אַלע זײַנע גילגולים און ראַנגלענישן אין לעבן.

אַ צײַט לאַנג געװען אין מעזע, אין אַט דער אַלט־ייִדישער שטאָט װאָס איז ביז־גאָר אײַנגעװױקט אין רײַכן ייִדישן לעבן־שטײגער. מיטגעבראַכט ביז־גאָר אינטערעסאַנטע דערפֿאַרונגען פֿון אַט דער אַלט־שײנער שטאָט, װאָס די השפּעה לאָזט זיך גאָר שטאַרק מערקן אין זײַנע לידער. איר זעט עס אין זײַנע ייִדישע מאָטיװן, גאָר באַזונדערס אין זײַנע כּמעט משיחיזם־אָנגעהױכטע באַלאַדן.

ער איז אויך געװען אַכט יאָר אין דער שװײץ. ער האָט אַרײַנגעזױגן אין זיך, װי אַ שװאָם, די שײנקײט און די רחבֿותדיקײט פֿון די שנײ־באַדעקטע אַלפּן־בערג און בכלל די בלענדיקײט און פֿינקלדיקײט פֿון דער דאָרטיקער נאַטור־לאַנדשאַפֿט. אויך אַט די װירקונג װעט איר געפֿינען אין די פּרעכטיקע נאַטור־לידער זײַנע.

ער הײבט אָן שאַפֿן און שרײַבן גאָר פֿרי, כאָטש ער פֿאַרעפֿנטלעכט ניט אין ערגעץ. װען ער הײבט אָן דרוקן זײַנע פֿריִע זאַכן, איז ער שױן געװען אין די דרײַסיקער יאָרן. זײַנע ערשטע פּרוּװן האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין דײַטש און שפּעטער גײט ער איבער צו העברעאיש און גאָר שפּעטער צו אונדזער מאַמע־לשון, ייִדיש. ער קומט קײן אַמעריקע, װאו ער האָט באַװיזן צוזאַמען מיט זײַן צאַרטער פֿרױ און יונגער טאָכטער, זיך צו ראַטעװען פֿון די היטלערישע גאַז־אױװנס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אין דעם געלױף פֿון נאַצישן גהינום האָט ער אָנגעװאָרן אַ סך װערטפֿולע כּתבֿים, צװישן זײ, גרעסערע לידער־סעריעס און מאַנוסקריפּטן אויף װעלכע ער האָט אַ סך יאָרן געאַרבעט.

דאָ הײבט ער אָן פֿאַרעפֿנטלעכן לידער אין דער "פֿרײַע אַרבעטער שטי־מע", אין דער "צוקונפֿט" און אין "ניו־יאָרקער װאָכנבלאַט". ס'פּרוּװן דאָ אויף אים װירקן געװיסע לינקע פּאָעטן, אָבער באַלד דערקענט ער זײַער פּרצוף־פּנים און ער גיט זיך אַפֿילו ניט קײן געלעגנהײט אָנצואװאָרעמען אין זײַערע דלד־אמות, מחמת זײַן ליד פֿון נאַציאָנאַלן אױפֿװאַך און אױפֿלעב ; פֿון פֿאָלק־טרױער און נאַציאָנאַלן אומגליק זײַנען דער היפּוך פֿון דעם װאָס מ'זינגט אין יענע קרײַזן . . . די לעצטע צװײ יאָר פֿון זײַן פּריצײַטיקן אװעקגײ, פֿאַרעפֿנט־לעכט ער זײַנע פּרעכטיקע לידער־ציקלען אין דעם זשורנאַל "אױפֿסנײ", װאו ער איז געװען אײנער פֿון די רעדאַקטאָרן. ער האָט אויך פֿון צײַט־צו־צײַט פֿאַרעפֿנטלעכט עסײען און אַרבעטן װעגן ליטעראַטור און קולטור־ענינים.

מיר האָבן דאָ געגעבן אײניקע ביאָגראַפֿישע דעטאַלן פֿונעם דיכטער, כּדי די לײענער פֿון זײַנע לידער זאָלן האָבן פֿאַר זיך אַ װיזיע פֿון דער סבֿיבֿה,

אין וועלכער ער איז דערצויגן געוואָרן און געצויגן זיין גייסטיקע יניקה, און ס'וועט אונדז אויך דינען ווי אַ פּראָזשעקטאָר צו באַלייכטן זיין יצירה, זיין ווערק. די אַרבעט פון דעם קינסטלערס פּראָדוקט איז דאָך זיכער באַאיינפלוסט פון טאַטע־מאַמעס שטוב, פון דער דערציאונג, סביבה, פריינט, וואַנדער־ און וואַגל־יאָרן. אין אַט דעם פּרט געפינט איר אַט די אַלע השפּעות אין די לידער פון פּאַסירשטיינער.

ס'פּרואוון אייניקע קריטיקערס צושרייבן און אַריינטײַטשן פרעמדע ניר־אַנסן אין זיין דיכטערישער געשטאַלטונג. זיי זעען אין זיין ליד, דער עיקר, דעם מאָטיוו פון פאַרגייז, פון אומקום, פון געקלאָג, פון צער און ייאוש. ווי, למשל, ס'האָט עס געטאָן דער אַלטער־קריטיקער, ד"ר מוקדוני ע"ה אין דער "צוקונפט".

איז אוודאי פאַראַן אַט דער מאָטיוו אין זיין קינסטלעריש ליד. האָט דאָך דער דיכטער דורכגעמאַכט דעם גאַנצן גהינום־און־יסורים וועג פון יידישן מענטשן אין אַ וועלט פון אַזויפיל רישעות, וואו זעקס מיליאָן פון אונדזער פאָלק איז אומגעקומען אין דער גרויסער וועלט־שריפה. ניט נאַטירלעך וואָלט עס געווען און מיר וואָלטן געקענט קומען מיט האַרבע טענות צום שאַפער, אויב אַט דער מאָטיוו פון צער און ווייטיק וואָלט ניט פאַרפיקסירט געוואָרן אין זיין ליד. אוודאי ווערט געהייליקט אין זיין ליד דער יידישער קדוש, וואָס האָט זיך געצאַפּלט אין שרעקלעכע יסורים־קאָנוואולסיעס פון דער דייטשישער קיז־האַנט, וואָס מ'פּרואווט עפּעס לעצטנס פאַרגעסן און פאַרגעבן . . .

אַבער אויך דעם מאָטיוו פון געזונטער יידישער פרייד און ליבשאַפט וועט איר געפינען אין זיינע לידער. כ'וועל דאָ נאָר ציטירן אייניקע שורות פון הונדערטער, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער צענדליקער זייטן פון זיין ווערק.

"ווי שטאָל זאָל קלינגען גבורה,
וואָס הערט זיך אין אויפוואָך פון ליד.
ווייטיק וואָס טראָגט זיך פון חורבן
טאָר נישט צעברעכן ס'געמיט . . ."

אָדער אַט זינגט ער אַן אָדע צו פרייד: "עס איז פרייד פאַראַן אין יעדן טאָג פון לעבן".

אַבער דער עיקר איז ער דער שטילער, יום־טובדיקער ליריקער וואָס זיין קערנדיק ליד איז אַ ביז־גאָר ברכהדיקער צוטראָג צום יידישן וואָרט־אוצר. ווי זינגט ער "איך גלויב מיין שוועסטער אין בשורות וואָס קומען דורכן וועג פון געפּערלטע טרערן אינעם שטילן נשמה־געבעט". אַט אַזוי צאַרט־תּפילהדיק דאַוונט ער און ניגונט אַריין זיין געפּערלט־וואָרט אינעם אוצר פון דער יידישער פּערזן־קונסט.

**אַ שאָד וואָס ער איז אַזוי פּריצייטיק אַוועק פון אונדז, אין סאַמע בלי פון זיין פּראָדוקטיווער שעפערישקייט . . .**

# דוד ראַפּאָפּאָרט

**(וועגן זיין בוך — "תאוות אונטער די שטערן")**

מיר קומט אוים זיך צו טרעפן מיט ראַפּאָפּאָרטן, כימעט יעדע וואָך — מיר שמועסן וועגן אַ סך ענינים — אָבער דער עיקר, דרייט זיך אונדזער שמועס אַרום דער ליטעראַרישער גאַס. ווי פֿאַרלאָבט דרייט זיך דאָ אַרום דער יידישער ליטעראַט פֿון אַלע גראַדן און לעכצט נאָך אַביסל יום־טובדיקייט און קאָן עס ניט געפֿינען . . . דער לייענער פֿון ראַפֿינירטן יידישן ליד איז אַן אויסגעחלומטער. סאיז ניטאָ די אינטימקייט צווישן לייענער און שרייבער ווי מיר האָבן עס אַמאָל געהאַט פֿאַרן גרויסן חורבן אין דער מאַטעריעל־אָרע־מער פּוילן. אַפֿילו דער אַלט־איינגעזעסענער שרייבער דאָ האָט זיך הערמע־טיש אָפּגעשלאָסן און זיך איינגעגראָבן אונטער זיין ביינערנעם פּאַנצער ווי די טשערעפּאַכע; געשאַפֿן אַ מין קינסטעלכע מחיצה צווישן אים און דעם יינגערן קאָלעגע. די קריטיק האָט עפּעס געשאַפֿן אַ מין קאָנספּיראַציע קעגן דעם יינגערן טאַלאַנט און טוט אים טויט־שטילשווייגן . . .

איז אין אַזאַ אַטמאָספֿער ניט גרינג צו אָטעמען, וואַקסן און געדייען. ביפֿרט פֿאַר אַזאַ סענסיטיוון מענטשן ווי עס איז דוד ראַפּאָפּאָרט. הער איך אָפּט רייד פֿון אים דורכגעשטרייפֿט מיט בלימעלעך פֿון פּעסימיזם, פֿון אָפּ־הענטיקייט — כאָטש אין תוך איז ער אַ בעל־ביטחונדיקער, אַ יום־טובדיקער, אַ פֿריידיקער מענטש — וואָס קעמפֿט אַטלעטיש־גיבורדיק קעגן דעם גייסט פֿון פּראָסטיקייט און אָבלדיקייט אין אונדזער ליטעראַטור . . . אָבער ווען מיר רעדן אַמאָל וועגן זיינע לידער און וועגן זיין אַרבעט אויפֿן געביט פֿון דער עסיי, רייסן זיך ביי אים אַרויס אונטערטענער פֿון אַ דיסקרימינירטן שרייבער, וואָס האָט באַרעכטיקטע טענות און קריוודעס . . . דער עלטערער דור שריי־בער קלינגט אויף אַלע גלאָקן וועגן נאָכוואוקס, המשך — אָבער אין דער אמתן איז עס מאַסקירטער אָנשטעל, פּאָזע. ס'איז ניטאָ די נשמהדיקייט, די האַר־ציקייט ווי ס'איז געווען אין די צייטן ווען אַ פּרץ איז געווען גערטנער אין אונדזער ליטעראַטור. ער, ווי אַ גוטער גערטנער, האָט געוואוסט אַז אין אַ גאָרטן זיינען פֿאַראַן אַלערליי פֿלאַנצן און געוויקסן — און אַלע נייטיקן זיך כדי צו שימערירן און אַרויסלייכטן מיט זייער חן און גראַציע אין דער וואָ־רימקייט פֿון דעם געטרייען גערטנער וואָס שענקט יעדן מין פֿלאַנץ זיין אויפֿ־מערק . . .

איז נאָך אַט דעם אַריינפיר, לאָמיר אייך אָנוואַרפן אייניקע פראַגמענטן, ניט־בינדנדיקע באַמערקונגען וועגן ראַפּאַפּאָרטס פּאַעטישן פאַרמעסט, ליטע־ראַריש־קינסטלערישן פאַרנעם.

דער ערשטער איינדרוק — נאָך איידער איר מאַכט דורך די אינטערע־סאַנטע עקסקורסיע אין דעם לאַבירינט פון ראַפּאַפּאָרטס "איך"־ און "כלל"־לידער, ווייעט פון אַט דעם בוך מיט פרילינג־אַראָמאַט און פריש געשניטן גראָז. לוקסוס איינבונד. גוט ליכטיק פּאַפּיר. קלאָר־שאַרפע שריפט וואָס איז באַזונדערס אָנגענעם פאַר מידע אויגן . . . ס׳גיט צו חשיבות אַט דער ליכ־טיק־פאַרביקער מלבוש. ביכער אַרויסגעגעבן אויף שלעכט, ביליק פּאַפּיר און נאָך ביליקערן איינבונד, שמעקט מיט שלאַבערדיקייט, מיט אָפּגעלאָזנקייט, מיט ניט צופיל יירואת הכבוד פאַרן געדרוקטן וואָרט . . . דער סופר האָט זיך געטובלט, געלייטערט, גערייניקט — איידער ער איז צוגעטראָטן צו זיין היי־ליקער מלאכה. ער האָט געשריבן מיט גענדזענע פעדערס און אויפן בעסטן פאַרמעט . . . ער האָט באַציאונג צו זיין אַרבעט. ס׳איז עפּעס געווען היילי־קייט, געטלעכקייט אין זיין פאַרנעם . . . אַ שלעכט אַרויסגעגעבן בוך רופט אַרויס געמישטע געפילן ביים לייענער־קריטיקער ביים ערשטן באַקענען זיך... סוף־כל־סוף זיינען דאָך אונדזערע ערשטע איינדרוקן דעצידירנדיק אין דעם אָפּשאַץ פון אַ מענטשן און זיין ווערק . . .

מיר רעדן דאָ אַ ביסל לענגער וועגן דער דרויסנדיקייט פונעם בוך, מחמת אַ סך ביכער ביי אונדז די לעצטע יאָרן דערשיינען אָן געשמאַק, אָן רעספּעקט, אָן באַציאונג. אַ בוך דאַרף אויך באַטראַכט ווערן ווי אַ צירונג, ביפרט, אַ בוך פּאָעזיע. דאַרפן דאָך אונדזערע לידער־ביכער מיט זיך פאַרקערפּערן די מולטי־פאַרביקע שמעטערלינגען וואָס פלאַטערן אום אין אונדזער ליטעראַרישן גאָר־טן . . . דאָס דרויסנדיקע פונעם בוך גיט אייך אויך אַ מעגלעכקייט צו קריגן אַ פּסיכישן אַריינבליק אין דער נשמה פונעם מחבר . . .

שוין דער אופן ווי דוד ראַפּאַפּאָרט האָט אַרויסגעלאָזן זיין גייסטיק קינד צו דער ברייטער וועלט דאַרף באַגריסט ווערן.

דוד ראַפּאַפּאָרטס לידער זיינען מער עמאָציאָנעלע ווי אינטעלעקטועלע. ער ווערט אינגאַנצן באַהערשט פון זיין געמיט־צושטאַנד. זיין טיף־אַנגעלאָ־דענער פּאַטאָס, אויפברויז קומט צום אויסדרוק כימעט אין יעדן פון זיינע לידער. יעדע געשעעניש רופט ביי אים אַרויס אינעווייניקסטן אויפרודער, טיפן ווייטיק געפיל — דעריבער: זיין התלהבותדיקער אויסגעשריי, זיין אַק־טאַווע אויפזינג . . . באַלד אין זיין אויטאָביאָגראַפישן אַריינפיר זאָגט ער וועגן זיך: "אין מיין האַרבסטיקן קאַיאָר האָבן איך מיר אויפסניי פרילינג טרוימען מיט אומוויי זיך צעשאַלט" . . . וועגן אַט די דאָזיקע "פרילינג טרוי־מען" אין זיין "האַרבסטיקן קאַיאָר" וואָלט דאָך אַן אַנדערער דיכטער געקאָנט זיך אַזוי צאַרט־ליריש צעטרעלערן אין שטיל־שטילע טענער — אָבער ראַפּאַ־

פּאַרט טוט עס מיט אויפשאַל, מיט פּאַטאַסדיקן אויסגעשריי, ניט אין שטילע טענער . . . ער איז ניט דער דיכטער פון דממהדיקער תפילה, פון שווײַגנדיקן צער . . .

כאָטש ווען איר וועט זוכן וועט איר אָט די דאָזיקע שטילע מאָטיוון אויך געפינען, ווי אין זײַן ליד: "קינד אין האָספּיטאַל" וואו ער זינגט ". . . פון דער וואַנט רינט מיט סימפאָנישער מוזיק. טאַטע־מאַמע שווײַגן אויס זייער צער שטום און שטיל" . . . אָבער ס'רוב פון זײַנע טענער זײַנען פלאַמיקע, צינדנדיקע . . . אָט אין אַזאַ מאָטיוו ווי "ביים טײַכל" לייענען מיר בײַ אים אַזעלכע פערזן: "כ'נעם אַ זשמעניע גאָלדענע שטראַלן, כ'צילע אין אַ סטענ־גע זיי אַן. דאָס וואַסער רופט מיט אַ פרײלעכן שאַלן . . ." ווייס איך ניט צי דער דיכטער האָט דאָ זיך באַנוצט מיטן אַדיעקטיוו "שאַלן" צום וואָרט "שטראַלן", נאָר מיר דוכט אַז דער אַדיעקטיוו "שאַלן" איז דאָ ניט סתם קיין צופעליקער. ער דערציילט אונדז עפּעס וואָס איז גאָר גלענצנדיק אָנגעמאָסטן צום גײַסטיקן פּאָרטרעט פונעם דיכטער אין זײַן אויפנעם פון פּאָעטיש־קינסט־לערישע מעטאַפאָרן . . . אָט ווי ער שילדערט דעם יונגן פרילינג. ". . . אַ, פרי־לינג! מײַן ייִנגלשע ליבע און מײַנע אַלטע ביימער־יאָרן, מיט קראַפט און אימפּעט אויפסניי צעקנאָספּעט . . ." אָדער ". . .עקזאַלטירטע בענקשאַפט כוואַליען די טעג אויף אַן אײנזאַמען ברעג . . ." יאָ! אַלץ איז ביים דיכטער עקזאַלטירט, רעוואָלטירנדיק, שטורמיש . . .

ניט קיין צופאַל זײַנען אויך יענע לידער וואָס ער באַטיטלט — די ייִדי־שע רעוואָלוציע. אין זיי קומט צום אויסדרוק דער ייִד־פּאָעט וואָס ווייטיקט אויס דעם צער און צאָרן קעגן ייִדישע באַצווינגער. ער שאַלט אויס כימעט פּראָקלאַמאַציע־מעסיק: ". . . דער זייגער גייט, דער זייגער שטייט; די יוגנט קאָן ניט שלאָפן. דער הונט צעביסן האָט די קייט: — ייִדן דאַרפן וואָפן! . . ." אָדער אָט איז אַן אַנדער מאָטיוו אויף דער זעלביקער טעמאַטיק — "בלאָז דעם שופר. צי די שווערד. חשמונאים אייניקלער — ווינט און ערד. דו האָסט אַ האַנט! דו האָסט אַ לאַנד! גאָטס האַנט. גאָטס טאַט. נס ישראל שאַלט פון נאָענט און ווײַט . . ."

אָט דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון פלאַמיקער עקזאַלטאַציע און שופר שאַל שנירלט זיך דורך אין כימעט די מערסטע פון ראַפּאָפּאָרטס לידער. דורך אָט די אימאַזשן און מעטאַפאָרן נעמט אויף דער דיכטער דעם מענטש און ייִד; וועלט און גאָט. אפילו אין זײַנע אינזיכיסטישע, עראָטישע מאָטיוון קומט צום אויסדרוק אָט דער עיקרדיקער שטריך פון זײַן נשמהדיקייט. וואָס איז דען אייגנטלעך עראָטיק? — אויב ניט פיזישער עקסטאַז, געפּאָרט מיט גײַסטיקן געמיט־צושטאַנד, מיט אינערלעכן אויפציטער, אויפברויז . . .

**אבער ניט קיין פולן אָפּשאַץ פון ראַפּאָפּאָרטס שאַפן ווילן מיר דאָ געבן.**

מיר באַנוגענען זיך נאָר מיט אַנוואַרפן שטריכן, געדאַנקען צו זײַן גײַסטיקן פּאָרטרעט.

ס'איז מײַן אײַנדרוק, אַז ראַפּאַפּאָרט איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער פּאָעט, וואָלט וויטמאַן, ווי אין זײַן ליד: "פּאַיקס פּיק, קאָלאָראַדאָ". ס'איז אויך קענטיק די השפעה פון אַלעקסאַנדער בלאָק און מאַיאַקאָווסקי און פון משה לייב האַלפּערין.

ווערן באַאײַנפלוסט, באַווירקט פון פּאָעטישע שולן, טענדענצן, מיינט לחלוטין ניט אַז דער דיכטער קאָן ניט שטיין אויף זײַנע אייגענע פיס; אַז זײַן אייגענער גאַנג איז ניט קענטיק. ראַפּאַפּאָרטס לידער האָבן אַן אייגן פּנים און מיט גאָר שאַרפע חן־שטריכן.

דאָ און דאָרטן האָבן זיך אין זײַנע לידער אַרײַנגעכאַפּט צופיל דייטשמע־ריזמען און אַנגליציזמען וואָס האָבן געקאָנט אויסגעמיטן ווערן מיט פּשוט יידישע ווערטער און אידיאָמען וואָס האָבן זיך שוין לאַנג אײַנגעבירגערט אין אונדזער ליטעראַטור. ס'וואָלט אָסור געשאַדט דעם ריטם, דעם קלאַנג, דעם מעטאַפאָר פון גאַנצן ליד־קאָמפּאָזיציע. פאַרקערט: דאָס ליד וואָלט אַ סך געוואונען פון דעם זאַפטיקן יידישן אידיאָם און דאָס בילד וואָלט געווען פאַרנרייכער. אָבער דאָס זײַנען פּגימות, וואָס וועלן מן הסתם אויסגעמיטן ווערן אין ראַפּאַפּאָרטס ווײַטערדיקע ליטעראַרישע פאַרמעסטן. ער וועט דאָך זיכער ניט בלײַבן שטיין בײַ זײַן ערשטלינג, אָפּגעזען וואָס דער אָרום איז אַזאַ קאַלט־פּראַסטיקער פאַרן מחבר און זײַן ווערק . . .

מיר דערוואַרטן פון אים נאָך אַ סך. ווײַזט דאָך זײַן ערשטלינג בוך, אַז ער האָט אונדז נאָך מיט אַ סך מהנה זײַן פון זײַן פריש־שפּרודלדיקן קוואַל פון חידושים און אינאָוואַציעס. זײַן אָנהייב איז ביז גאָר צוזאָגנדיק.

צי מ'קאָן שוין ראַפּאַפּאָרטן קלאַסיפיצירן און אים אַרײַננעמען אין אַ געוויסער פּאָעטישער ראַם — ווייס איך ניט און ס'איז נאָך שווער צו זאָגן. אָבער ס'לאָזט זיך שטאַרק מערקן אין זײַנע לידער פוטוריסטישע, סורעאַליס־טישע טענדענצן. זײַן אימאַזש פאַרמאָגט אַנדערשקייט. ער זוכט אייגענעם נוסח און אייגענעם שטעג . . .

אַ סך פון זײַנע לידער וועלן אַרויסרופן, בײַ געוויסע לייענער פון פּאָע־זיע, דעם שוין־באַקאַנטן טומל — אומפאַרשטענדלעכקייט. אַמאָל האָבן אונ־דזערע דיכטער געשריבן אַזוי קרישטאָל־קלאָר, אַז אַלע האָבן זיי געקאָנט פאַר־שטיין. הײַנט איז אַנדערש. ס'רוב לידער וואָס גייען אונטער דער פאָן פון מאָדערניזם, זײַנען היראָגליפן־שריפט וואָס מ'דאַרף דעשיפירירן. דער לייע־נער ווערט פון זיי עמאָציאָנעל ניט באַרירט, הער איר פון אַ סך זיך באַקלאָגן.

אָבער אין דער אמתן גיבן די "אומפאַרשטענדלעכע" דיכטער אויסדרוק צו דער קאָמפּליצירט־אַנדערשדיקער וועלט אין וועלכער מיר לעבן און שאַפן. אונדזער סאָציאַל־לעבן האָט אָנגענומען נײַע פאָרמען און אָט די פאָרמען

פּרוּאווּן אוּנדזערע היינטיקע דיכטער גיבּן אויסדרוּק אין זייערע פּערזן. אַנ־דערש קאָן עס דאָך גאָרניט זיין. ס'איז דאָך אַזוי נאַטירלעך־לאָגיש, כאָטש אַ סך פוּן אוּנדזערע לייענער האָבּן ניט געהאַט גענוּג גייסטיקן כּוח מיטצוגיין אויף דעם פיינלעכן עוואָלוּציע־וועג פוּן אוּנדזער ערא. מאָרים ראָזענפעלד, אבֿרהם רייזען, דוד איינהאָרן, אבֿרהם ליעסין, יוסף ראָלניק, זיינען קלאַסיש אין דעם אָפּשאַץ פוּן זייער צייט; דער בּולטער אויסדרוּק פוּן זייער דור . . . אָבּער היינט איז זייער פּאָעטישע פאָרם פוּן אויסדרוּק בּלייך, אַרכאַיש. רייזענס "העמערל, העמערל קלאַפּ", אָדער זיין ליד וועגן "אַ געזינד פוּן אַכט" האָבּן געהאַט טויזנטער חנען מיט 40־50 יאָר צוּריק, ווען ס'רובֿ פוּן אוּנדזער פאָלק איז געווען קאָנצענטרירט אין קליינע ישובֿים פוּן רוּסאָ־פּוילן. אָבּער וואָס זאָגן אוּנדז אַזוינע לידער וועגן אוּנדזער צייט? — זיי זיינען היסטאָרישער מאַטעריאַל פאַר אוּנדזער אוצר פוּן פאָלקלאָר. אין אוּנדזער צייט פוּן נאָכן גרויסן פאָלק־אוּמגליק און פוּן נס — ישׂראל, מוּז דאָס יידישע ליד געפינען נייע פאָרמען, נייע אימאַזשן פוּן אויסדרוּק און אויפנעם.

געהערט ראַפּאַפּאָרט צוּ אַט דער קליינער גרוּפּע פּאָעטן וואָס קעגען ניט פאַר גרינגקייט און זוּכן אוּנדז געבּן זייער קנייטש און ניוּאַנס פוּן אוּנדזער קאַליידאָסקאָפּישער צייט דוּרכן מעדיוּם פוּן מאָדערניזם און פוּטוּריסטישן פּערזן.

כאָטש ראַפּאַפּאָרט האָט נאָך זיין ליד ניט דערפירט צוּ שלימות, צוּ פוּלער פּערפעקציע, האָט ער אָבּער דעם מוּט צוּ זיין אַנדערש. ער פּרוּאווט זיין אייגנ־אַרטיק אין טעג ווען אַ סך פּאָעטן שעמען זיך שוין מיט זייער מאָדערניסטישער רעפּוּטאַציע.

■ ■ ■

אין 1954 איז געווען געדרוּקט דער פּריערדיקער אָפּשאַץ איבּער דוד ראַפּאַפּאָרטס ערשטלינג בּיכל לידער. דער מחבר האָט אין משך פוּן די יאָרן נאָכדעם געשריבּן און געדרוּקט אין פאַרשיידענע זשוּרנאַלן — דער עיקר אי־נעם "אויפסניי" — אַ סך לידער פוּן אַ מער צייטיקן און רייפערן פאָרנעם, ווי ער ווייזט עס אַרוּים אין זיין ערשטן בּוך. שוין זיין טעמאַטיק איז געוואָרן אָנ־געלאָדן מיט די דערפאַרוּנגען פוּן צייט, דעריבּער, וואָגיקער און ערנסטער.

דוּרך די אַכט יאָר זינט ס'איז דערשינען מיין אָפּהאַנדלוּנג וועגן זיין ערשטלינג בּוּך, מיט וועלכן ער האָט זיך בּאַוויזן אין דער יידיש־ליטעראַטוּר, איז ער פּאָעטיש אויסגעוואַקסן, זיך אַנטוויקלט. ער איז בּיכלל שריפטשטע־לעריש — רייפער געוואָרן.

אינעם "אויפסניי" האָט ער אַריינגעפירט זיינע טעלעגראַפיש־געצייכנ־טע, קוּרץ־אַטעמדיקע ליטעראַרישע סענטענצן וועגן מענטשן, בּיכער, שרייבּע־רישער סבֿיבֿה, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַן אייגנאַרטיקן שאַרם און

שאַרפֿזין. אין אַט די פּאַטאַ־אויפֿכאַפּן איז קאַנטיק אַ מענטש פֿון אַחריות און ווייס וואָס ער וויל.

אין אַט דעם צייט־פּעריאָד האָט ער אויך געדרוקט זיין פּראָזע־ווערק: "שליאַכן־אַמעריקאַנאַ" (אַ טאָגבוך פֿון אַ וואַגאַבונד). אין אַט דעם וויכטיקן ווערק פֿונעם מחבר ברענגט ער אַרויס עקזאָטישע טיפּן וואָס בלאָנקען אַרום אויף די שליאַכן פֿון אַמעריקע, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם אינערלעכן מהות פֿון די וואַגאַבונדישע מחשבות און רעיונות פֿונעם אויטאָר. דידאַזיקע נאָוועלע איז אייגנטלעך אויטאָביאָגראַפֿיש און דער מחבר האָט די טשיקאַווע, אַוואַנטור־ריסטישע דערפֿאַרענישן און סיטואַציעס וואָס ער שילדערט און הייבט אַרויס אין אַט דעם ווערק, אַליין מיטגעלעבט, אַרומשלייענדיק זיך אויף די אַמעריקאַ־נישע וועגן און אין די פּראַכט־באַנען פֿון איין עק לאַנד ביזן אַנדערן . . .

זיינע העלדן־טיפּן זיינען נישט אינעם געוויינלעכן סטערעאָטיפּישן נוסח פֿון אונדזער יידישער בעלעטריסטיק; ער גייט נישט אויף די אויסגעטראָטע־נע שטעגן. ס'איז שטאַרק קאַנטיק אַן עקספּערימענטאַלער פּרוּוו פֿון אַ נייעם אופֿן פֿון שטייגער־שילדערונג. זיינע העלדן זיינען ס'רוב פֿון אַ סביבה וואָס איז לגמרי פֿרעמד דעם יידישן לייענער.

דער יידיש־פּוריסט וועט זיך אפֿשר קריגן מיטן מחבר פֿאַר זיין דערלויבן זיך צופֿיל פֿרייקייטן מיט אונדזער טייערן מאַמע־לשון. ער בראַקט צופֿיל אַנגליציזמען; זיי צעלייגן זיך ביי אים ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. משמעות, אַז דער אויטאָר האָט זיך צופֿיל אַנגעלייענט מיט די נייסטע נאָוועלן אויף ענגליש און זייער השפּעה שלעפּט זיך נאָך ווי צוויטן ביים אייגענעם שאַפֿן. איינפֿלוס מצד דער פֿרעמד איז אַוודאי גוט, אָבער דאָס פֿרעמדע מוז איבערגעקאָכט ווערן אינעם פֿייער פֿון אייגענער יצירה. מ'דאַרף זיך ניט פֿוילן און זיך אַוועקלאָזן צו די אַלטע קוואַלן פֿון אונדזער זאַפֿטיקן יידישלאַנד.

וויל איך האָפֿן, אַז ווען ראַפּאַפּאָרט וועט זיין וויכטיקע נאָוועלע אַרויס־געבן אין בוך־פֿאָרם, וועט ער זי פֿריער שטאַרק רעדאַקטירן און אַרויסיעטען די פּלעווועס וואָס דער ווינט האָט אַנגעטראָגן פֿון פֿרעמדע גערנטער . . . און כ'וויל אויך האָפֿן, אַז דער רבוש"ע וועט אים געבן כוח און געזונט צו פֿאַר־ענדיקן זיינע פֿיל אַנדערע ווערק וואָס ליגן ביי אים ווי אַנוואָרפֿן, אַנגעהיי־בענע און אויך די וועגן וועלכע מיר רעדן תמיד בעת אונדזערע אָפֿטע באַגע־גענישן . . .

# אַ באַגעגעניש מיטן פּאָעט גבריאל פּרייל

אין אַ פּריטיק ביינאַג, האָבן מיר אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן ביים אַריינגאַנג פון דער גרויסער שטאָט־ביבליאָטעק אויף פינפטער עוועניו און צוויי־און־פערציקסטער גאַס. שוין לאַנג, גאָר־לאַנג, ווי מיר האָבן זיך ניט באַגעגנט.

דורך אַט דער צייט איז גבריאל פּרייל באַרימט געוואָרן ווי אַ העברעאיִשער פּאָעט. ער האָט גראָד אַנגעהייבן שטעלן זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט אויף יידיש מיט אַ ליד אין "ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט". שפּעטער זיך באַטייליקט אין: אינזיך, המשך, יידישער קעמפער, צוקונפט און אַנדערע זשורנאַלן און טאָג־צייטונגען. ס'איז פאַראַן אַ קליינער אָפּקלייב פון זיינע יידיש־לידער אין "המשך"־אַנטאָלאָגיע וואָס איז דערשינען אין 1945. אָבער באַוואוסט איז ער געוואָרן דורך העברעאיש. די העברעאישע ליטעראַטור האָט האָט אים וואַרעם אויפגענומען. ס'זיינען דערשינען אייניקע ביכער זיינע אין ישראל. כימעט די גאַנצע העברעאיש־פּעריאָדיק דרוקט זיינע לידער. אַ סך פאַרגלייכן אים צום ניי־ענגלענדער דיכטער, ראָבערט פראָסט, כאָטש, פראָסטס פערז איז אַ מער פאָלקסטימלעכער, אַ מער פּשוטער. פראָסטס ליד פאַרמאָגט ניט די קאָמפּליצירטקייט פון אַן עזרא פּאָנד אָדער דילאַן טאָמאָס.

פּריילס ליד טראָגט דעם חותם פון אַ גרויסער דיכטערישער פּערזענלעכקייט. זיין מעטאַפאָר, זיין אימאַזש אָטעמט מיט אַן אייגנאַרטיקן אַראָמאַט פון אַן אַמעריקאַנער פּייזאַזש, כאָטש באַווירצט מיט אַלע יידישע טעמים און באַקרוינט מיט אַלע יידישע חנען . . .

ס'איז אים צו באַוואונדערן: ער באַהערשט אַלע דריי שפּראַכן מיט וועלכע יידן באַנוצן זיך אין אַמעריקע, ענגליש, העברעאיש און יידיש. טראַכטן, טראַכט ער ניט אין קיין איינער פון די לשונות. ער טראַכט אין אימאַזשן, בילדער. שפּעטער, קומט די פאָרעמונג פון לשון. אַזוי שאַפט ער. אַזוי שרייבט ער.

שפּאַצירן מיר איבער דער פינפטער עוועניו און מיר פרישן אָפּ פאַרגאַנגענע יאָרן. מ'דערמאָנט זיך אין יינגלשע נאַרישקייטן און אַמאָליקע חכמות . . . דוכט זיך, ס'איז ערשט געווען נעכטן — אָבער, ס'זיינען שוין פאַרלאָפן אַ סך, אַ סך יאָרן . . .

וועגן וואָס האָבן מיר יענעם ביינאַג ניט גערעדט? אָבער דער עיקר האָבן מיר לאַנג גערעדט וועגן געמיינזאַמע ליטעראַרישע ענינים. מיר האָבן געשמועסט וועגן דער העברעאישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און דעם גע־

וואַלדיקן פּראָגרעס וואָס די ליטעראַטור האָט געמאַכט אין משך פון די לעצטע יאָרן אין ישׂראל. ס'זיינען אויפגעקומען נייע טאַלאַנטירטע כּוחות און ס'פּיקן זיך נייע ליטעראַרישע ריכטונגען, טענדענצן . . .

מיר רעדן אויך וועגן די פונקציעס פונעם קינסטלער אין אונדזער שטאַרק מאַטעריאַליסטישער וועלט. כאָטש ער האַלט ניט אַז דער קינסטלער־פּאָעט דאַרף זיך שטאַרק מישן אויף די פּאַרטייאישע געמאַרקן. ס'איז פאַר אים ניט פון די גאָר־גרינגע ענינים צו קאָנען אויסהאַלטן דעם שטאַרקן דרוק מצד די צווישן־פּאַרטייאישע קאָנפליקטן און ווידעראַנאַנדן. טאָר ער אָבער אויך ניט זיין אינגאַנצן פאַרפּאַנצערט קעגן איינפלוסן. איז דאָך סוף־כּל־סוף אונדזער שאַפעריש־וואָרט דער פּראָדוקט, דער עכאָ, דער רעפלעקס פון דער צייט אין וועלכער דער קינסטלער שאַפט און לעבט. דער קינסטלער קאָן זיך ניט אינ־גאַנצן איזאָלירן פון קאָלעקטיווער אחריות. ער מוז האַלטן דאָס אויער צוגע־לייגט צום פולס פון היינט.

דער קינסטלער מוז אָבער קאָנען דערהייבן זיין קינסטלעריש־וואָרט צו דער מדרגה פון דויערנדיקייט. ניט אַלעמאָל געלינגט עס. דער עכטער קינס־טלער מוז אָבער שטרעבן צו אָט דער ראָל פון איבער־פּאַרטייאישער אָביעק־טיווקייט. זיין ליד, זיין וואָרט, דאַרף אָפּשפּיגלען אַלע ריכטונגען, ניואַנסן, שאַטירונגען וואָס זיינען כּולל דעם כּלל. עס דאַרף זיין אייגנאַרט, אינדיווי־דואַליטעט פונעם דיכטער־קינסטלער און דאָך — דאָך, דאַרף ווערן אריינ־געוועבט אינעם קינסטלערישן געוואַנט די גאַנצקייט פון פאָלק־און־וועלט; פון יחיד און פון קאָלעקטיוו . . . דער גרויסער וואָרט־שאַפער באַנעמט די אחריותדיקע פונקציעס וואָס דאָס קינסטלערישע וואָרט לייגט אַרויף אויף זיינע פּלייצעס. ער שטרעבט צו דערפילן זיין שליחות אינעם פאַרנאַס פון געדרוקטן וואָרט. און שוין דאָס שטרעבן איז אַ גרויסע מדרגה . . .

פּרייל דענקט אויך, אַז דער פאַראַנטוואָרטלעכער קינסטלער מוז זיין שפּאָרעוודיק, צימצומדיק אין זיין אויסדרוק. ס'טרעפט אַז ביי אַ סך פּאָעטן פאַרדעקט כּמות, רעדעוודיקייט, זייער פּוסטקייט, זייערע אַמביציעס, זייערע פאַלשע פּרעטענציעס . . . ס'איז מער בראַזג פון טאָצן ווי שטילער אויפשפּיל פון סטראַדיוואַריוס־סטרונעס . . . איר מוזט אין ליד קאָנען דערפילן דאָס נשמה־געוויין פון דיכטער און ניט קיין סימולירטע טרערן. דער עיקר: — און גאָר באַזונדערס אין קינסטלערישן ליד — דאַרף דער פּאָעט שטעלן דעם טראָפּ אויף איכות, אויף שלימות . . .

מיר האָבן אויך אונדזער שמועס פאַרקערעוועט וועגן אונדזער זשורנאַל. ס'איז אינטערעסאַנט צו הערן זיין מיינונג. וואָס דאַרפן טאַקע זיין די אויפ־גאַבן פון אַזאַ שריפט ווי אונדזערער? און זיין מיינונג איז: — "אויפסניי" דאַרף זיך דער עיקר קאָנצענטרירן אויף קולטור־ליטעראַרישער טעמאַטיק;

ליטעראַטור־קריטיק און די עסיי. דרוקן פון צייט־צו־צייט אַ ליד, אַ דערציי־לונג. אָבער די עסיי דאַרף פאַרנעמען דעם אויבנאָן. אונדזער צייט איז רייך אין פּראָבלעמאַטיק, גאָר באַזונדערס די יידישע וועלט. דער יידישער אינטע־ליגענט זוכט אַ תרופה צו קאָנפליקטירנדיקע פּראָבלעמען וואָס מאַטערן זיין מוח אין דער תקופה פון חורבן־און־גאולה — מוז אים דער יידישער אינטע־לעקטואַל העלפן געפינען אַ באַשייד און דורכלויכטן די געדיכטע נעפּלען מיט זיין פּראָזשעקטאָר־וואָרט . . . אגב, מוזן זיין געוויסע אונטערשיידן צווישן די עקזיסטירנדיקע, קלענערע זשורנאַלן, ס'מוז זיין אַ פּאָזיטיווער אָפּקלייב פון לייען־מאַטעריאַל און דער עיקר טאָר דער מאַטעריאַל ניט זיין פון קיין צופעליקן כאַראַקטער. דער זשורנאַל מוז האָבן אַן אייגן פּנים, מוז קאָנען שטיין אויף די אייגענע פיס . . .

און פון די נומערן וואָס ער האָט געזען ביז איצט, האָט ער דעם איינ־דרוק, אַז מיר באַנעמען אונדזער עובדא. דער זשורנאַל מאַכט אַן ערנסטן פּאַרזוך זיך צו פאַרנעמען אויף אָט־דעם דרך. אַוודאי זיינען פאַראַן פּגימות. ס'איז אומפאַרמיידלעך פאַר אַ שריפט פון אַזאַ כאַראַקטער וואָס הייבט אָרויס דעם ניט־אָנערקענטן, דעם ניט־איינגעפונדעוועטן שרייבער־טאַלאַנט . . . אָבער די כוונות זיינען גאָר־גוטע . . .

וועגן דעם שטאַרק אָנגעווייטיקטן עניין, וואָס די יינגערע שרייבערס פון אונדזער דור פאַרנעמען ניט דעם געהעריקן אָרט אין אונדזער יידיש־ליטעראַ־רישער וועלט, איז זיין מיינונג אַז ס'איז זיכער פאַראַן מער ווי איין מאָטיוו; ס'זיינען פאַראַן אַ שלל מיט סיבות און יעדע סיבה איז אַ גורמדיקער פאַקטאָר פון דעם עקזיסטירנדיקן מצב. אָבער, ביז־גאָר בולט לאָזט זיך מערקן דער שרייענדיקער פאַקט: — וואָס אונדזערע יינגערע ווערן מערסטנס אַנטמור־טיקט און פילן זיך ווי שטיף־קינדער. דער יינגערער דור שרייבערס ווערט ניט אויפגענומען מיט קיין צאַרטער מוטערלעכער ליבע. ס'פילט זיך אַ קאַלטקייט און אַן אָנגעשטרענגטקייט. אין אַזאַ סביבה קאָן טאַלאַנט זיך ניט אַנטוויקלען און אָטעמען נאָרמאַל. די סביבה יאָגט אַן אַ צפון־ווינט און ס'מערן זיך די סימפּטאָמען וואָס דערפירן צו פרוסטרירונג און איזאָלירונג.

כאָטש ער אַליין, פאַרשטייט זיך, ליידט ניט פון דעם צושטאַנד, אַלס העברעאישער פּאָעט, האָב איך אָבער דעם איינדרוק, אַז דער דריקנדיקער מצב אין יידיש איז גורם אַז זיינע לידער זאָלן זיך אַזוי זעלטן באַווייזן אין יידיש־זשורנאַלן. (לעצטנס דרוקן זיך זיינע לידער אין דער "סביבה", רעד. ק. מאַלאַ־דאָווסקי.)

אונדזער ליטעראַטור־קריטיק איז אַביסל צו פּאָזיטיוו. מ'דאַרף אַוודאי ניט שרייען אויף די געמאַרקן: — חברה, קומט אַלע אַן אויסנאַם אין פּאַרנאַס

פון דער ליטעראַטור! ! . . . אוודאי ניט. ס׳טאָר ניט באַלעבאַטעוועו דער הפקר. ליטעראַטור איז אַ ערנסטער ענין און איז צו עפּעס מחייב. אָבער צו־פיל אָנשטעל, צופיל פּאַריסנקייט, צופיל סנאָביזם איז אומגעזונט און ווירקט נעגאַטיוו . . .

אומקערנדיק זיך צו דער ראָל פונעם דיכטער, דענקט פּרייל, אַז דער פּאָעט דאַרף אויך פּראָוון שרייבן פּראָזע. ס׳טועז עס אַ סך פּראָמינענטע פּאָעטן און מיט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. ס׳איז באַנייענדיק און אַפּפרישנדיק. ער האַלט אויך, אַז די לעצטע יאָרן ליידט די פּאָעזיע פון אַן איבערפּראָדוקציע. ער האַלט ניט אַז גוטע, אמתע לידער קאָנען געשאַפן ווערן ווי אַ פּועל־יוצא פון באַשטעל. דאָס ליד מעג טאַקע פאַרמאָגן אַלע כללים פון פּאָעטישן מעטער — ס׳לאָזט אייך אָבער קאַלט. עס רעגט אייך ניט אָן. אַ סך לידער אין דער וועלט־פּאָעזיע פאַרמאָגן אפשר ניט די פּרעציזקייט פון אונדזער פּאָעטישער טעכניק — אָבער זיי האָבן שטאַרק באַאיינפלוסט און געלייגט דעם חותם אויף שפּעטערדיקע שאַפונגען און זייערע שאַפערס . . . דער דיכטער מוז אָבער שטענדיק גערדענקען דעם כלל: אַרבעטן, שלייפן, פּאָלירן; אייביק לערנען און קיינמאָל ניט זיין צופרידן . . . דאָס איז דער סימן־מובהק פון אמתן קינסטלער.

ס׳איז באַקאַנט, אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונג אין חיפה, ישראל, האָט אים אָנגעבאָטן אַ שיינע, פרייע וואוינונג אַז ער זאָל זיך קומען באַזעצן אינעם לאַנד פון די אָבות. ער איז אַלע זיינע באַוואוסטזיניקע יאָרן אַ ציוניסט. ער האָט אַלע זיינע יאָרן געחלומט, געשטרעבט צו יידישער זעלבסטשטענדי־קייט . . . איצט, ווען זיין חלום ווערט וואָר, ווירקלעכקייט, איז ער אַ שטאַרק צופרידענער. ער קוועלט ממש פאַר נחת פון אַט דעם גרויסן נס וואָס איז גע־שען אין אונדזערע טעג — הגם, דער דאָזיקער גאולה־נס איז דורכגעשטרייפט מיט אַזויפיל קרבנות, אַזויפיל קרבנות . . . די וועלט האָט אונדז ענדלעך קאָמ־פּענסירט מיט אייגענער זעלבסטשטענדיקייט ווי אַ פּועל־יוצא וואָס מיר האָבן צו דער עקדה געבראַכט זעקס מיליאָן נפשות. אַ צו גרויסער און טייערער פּרייז פאַר אונדזער זעלבסטשטענדיקייט. און די וועלט באַנוגנט זיך נאָך ניט מיט אַט דעם גרויסן קרבן. ס׳לויערן אויף אונדז נייע אַגרעסאָר־כוחות . . . איז אים אָבער שווער צו באַשליסן וועגן זיין אייגענעם גורל. ליב איז אים דאָס לאַנד פון די אָבות. די אַמעריקאַנער לאַנדשאַפט איז אים אָבער אויך אַזוי אייגן און נאָענט. ער, ווי דער פאַראַנטוואָרטלעכער דיכטער וואָס ער איז, האָט ער מורא, אַז דער ישראל פּייזאַזש, די דאָרטיקע שרייבער־סביבה זאָל אויף זיין שאַפן ניט ווירקן נעגאַטיוו. דאָס אַמעריקאַנער לעבן דאָ פאַר אַ יידישן וואָרט־שאַפער האָט געוויים אַ שלל מיט פּגימות. עס ווערט אָפטמאָל אַזוי טרויעריק אויף דער נשמה פון אַ יידיש גייסטיקן מענטשן ווען מ׳זעט ווי אונדזער וועלטל ווערט אַזוי שטאַרק רעדוצירט און איינגעשרומפּן — אָבער דאָך איז אים די היגע סביבה, די היגע געזעלשאַפטלעכקייט נאָך אַלץ גייסטיק

נאָענט און אינטים . . . ער איז פאַרוועבט און פאַרקניפּט מיט אַ סך אינטימע פעדים מיט דער היגער ווירקלעכקייט און ס'איז אים אַזוי שווער צו באַשליסן וועגן אַט דעם אַנבאַט זיך צו באַזעצן אין ישראל און פאַראייניקן זײַן אייגענעם פּערזענלעכן גורל מיט דעם גורל פון ישראל. ער שטייט באמת פאַר אַ גרויסן ניסיון.

אַט אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אייניקע אינטערעסאַנטע און גייסטרייכע שעה אין אַ פּריוואַטער נאָכמיטיק מיט דעם ראַפינירטן און שטיל־צאַרטן לירי־קער. בטבע: אַ גרויסער שווײַגער. אָבער אין זײַן שמועס מיט אונדז, האָט ער אַרויסגעהייבן ביז־גאָר אַקטועלע, ביז גאָר צאַפּלדיקע ענינים און מיר האָבן דערפילט אַז מ'דאַרף זיי פאַרצייכענען, באַטש, מיר ציטירן אים ניט דירעקט, מחמת אין אונדזער אינטימען שמועס זײַנען מיר געשפּרונגען פון ענין לענין און זיך ניט געהאַלטן לויטן שטרענגן נוסח פון אינטערוויו.

# דער דיכטער פון האַרבסטיקן טרויער

דאָס געזאָנג פון לעבן, דער ניגון פון דעם דיכטער ראובן שטרובעל איז פאַרשניטן געוואָרן אין זיין 46סטן יאָר . . . און עס איז געבליבן נאָך אים אַן אָפּקלייב ווי נאָכן אָפּטרייסלען פון אַן אייזלבערטנבוים — צוויי־דריי בערעלעך אויפן שפּיץ פון בוים . . .

שטרובעל האָט פיזיש און גייסטיק דורכגעמאַכט דעם גיהנום־וועג פון אַ קאַצעטניק. ער איז דאָ, אויף דער אַמעריקאַנער ערד, אַרומגעגאַנגען אַ צע־בראָכענער, אַ טיף־לײַדנדיקער. נישט געווען צופיל מנוחה אין זיין לעבן. ער האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט, אַז שניידערײַ אין די אַמעריקאַנער פאַבריקן, מיטן שנעלן טעמפּאָ, פאַלט אויף אים גאָר שווער. ער פילט זיך אין די שעפּער ווי אַ פרעמדער. ער ווערט ממש פיזיש און גייסטיק צעריבן . . .

ער האָט ליב געהאַט פּאָעטן און ער האָט ליב געהאַט פּאָעזיע, און ווען ער האָט געהאַט אַ פרייע, מנוחהדיקע שעה — ווי ווייניק ער האָט געהאַט אַזעלכע שעהן — האָט ער אַליין אָנגעשריבן אַ ליד. ער איז געווען אַ איש־תמים אין זיין פּריוואַטן לעבן און אַזוי האָט ער זיך אויך אויסגעלעבט פּאָע־טיש־שאַפעריש. ער איז נישט געווען פון די פּראָדוקטיווע שאַפערס. שווער איז אים אָנגעקומען דאָס אויסטראָגן אַ ליד.

דער האַרבסט פאַרבט זיינע ביימער און געוויקסן מיט גאָלד און רויט. דער יונג־פאַרשטאָרבענער דיכטער האָט געפאַרבט זיינע לידער מיט האַרבס־טיקן טרויער, מיט האַרבסטיקן געמיט . . . ער האָט איבערגעלאָזט נאָענט צו פופציק לידער וואָס זיינען געווען צעוואָרפן, צעשטויבט אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און אויף שטיקלעך, ברעקלעך פּאַפּיר, וואָס אַ דאַנק די באַמיאונגען פונעם פאַרשטאָרבענעמס אַלמנה, שפרה — אגב, אַ באַגאַבטע מאָלערין — מיט דער מיטהילף פון דעם דיכטערס שוועסטער און שוואָגער און די קאָלעגן דוד ראַפּאַפּאָרט און שלמה גרינשפּאַן, איז דערשינען אַ קליין, ציכטיק ביכעלע א"נ "מיין דראַנג". איז דאָס בינטל לידער אַ ווירדיקער מאָנומענט דעם יונג־פאַרשניטענעם דיכטער. זיין נאָמען וועט אַריין אין פּאַרנאַס פון דער יידיש־ליטעראַטור.

"זאָל געמינערט ווערן אַ רגע פון צייט, וואָס אייביקייט, —
און קומען כ'וועל צו איר אַן אויפגעלייזטער
ביז ענדלאָזע סופן, וואָס פאַרנעמען טויב
אַלע פּיין אין אייביקן בייט, דורך צייט
פון ערדישן זיין . . .

# רעפלעקסן

# די עסיי

וואס פארא ליטערארישע פארם איז די עסיי? — האבן מיך אייניקע געפרעגט. ס'איז ניט פון די גאר גרינגע ענינים צום פארענטפערן. ניט אויף אלע פראגן קאן מען ענטפערן מיט פרעציזע, פינקטלעכע דעפיניציעס.

די עסיי געהערט צו דער ליטעראַרישער פאַרם וואָס איז סתם שווער צו דעפינירן. די עסיי קאן אייגנטלעך ארומנעמען אלע ליטעראטור־פארמען — און זי קאן זיין באגרענעצט. מ'קאן אין דער עסיי זיין ספעקולאטיוו־פילאסאפיש; מ'קאן זיין לייכט־שפילעוודיק און שפאסיק־וויציק. מ'קאן אין דער עסיי באהאנדלען די קאמפליצירטע וועגן און אומוועגן פון דער קאנטישער פילאסאפיע און מ'קאן שרייבן וועגן א שטויבל אין ווינט — אדער, וועגן א געבראטן חזרל, ווי ס'האט עס געטאן דער ענגלישער עסייאיסט, טשארלס לעמב. זייער טרעפלעך האט כאראקטעריזירט די עסיי דער עסייאיסט אלעקסאנדער סמיט. ער האט געזאגט: — "אלץ וואס כ'הער און זע איז אן עסיי אין ווערן".

היסטאריש איז די עסיי דורכגעגאנגען פארשיידענע גילגולים און מעטאמארפאזן. ס'זיינען פאראן ליטעראטור־היסטאריקער וואס באטראכטן דעם גריכישן פילאסאף פלאטא פאר דעם פאטער פון דער עסייאיסטישער פארם. אבער ס'רוב פון די ליטעראטור־היסטאריקער אנערקענען דעם פראנצייזישן שריפטשטעלער מאנטען, פאר דעם אייגנטלעכן טאטן פון אט דעם ליטערארישן זשאנער.

א סך פון די תנכישע שאפונגען, ווי איוב, קהלת, רות, משלי, די פאטאס־פולע רעדעס פון די נביאים זיינען מוסטערן פון דער סיי. פלוטארך אין זיינע לעבנס וואס ער שילדערט פאר אונדז. ציצערא אין זיינע בארימטע רעדעס זיינען אייגנטלעך געווען אין דעם זשאנער פון דער עסיי, כאטש זיי האבן אין זייער צייט ניט געהערט וועגן אזא ליטעראַרישער פאַרם.

די עסיי איז א פנים א צונויפשמעלץ פון זשורנאליזם פלוס ליטעראטור. די עסיי איז א פרוואו, א פארזוך — ווי דער אייגנטלעכער טייטש פון ווארט — ארומצונעמען פארשיידענע פראבלעמען און פראגן. פאר אט דער ליטעראַרישער פאַרם איז קיין ענין ניט פרעמד. דער עסייאיסט האט אייגנטלעך די פונקציעס פון א גוטן סאלאן־שמועסער. ער איז גייסטרייך און בילדלעך. דער שמועס קאן זיך דרייען ארום קלייניקייטן. ער קאן זיין פערזענלעך־פאמיליאר, וויציק־אמוזירנדיק; א וואונק מיט אן אויג, א משל, א רמז, א בליץ

פֿון געדאַנק. דער שמועס קאָן זײַן פֿון אַן ערנסטן כאַראַקטער. דער שמועסער קאָן מעדיטירן און לאַמענטירן וועגן פּראָבלעמען וואָס טראָגן אויף זיך דעם טוי פֿון אייביקייט.

דער עסייאיסט, ווי דער גוטער סאַלאָן־שמועסער, איז ניט סיסטעמאַטיש־דיסציפּלינירט אין זײַן אופֿן שרײַבן — שמועסן. ער קאָן באַהאַנדלען אַ טעמע זיגזאַגיש, ווי דאָס פּלאַטערל אין ווינט. זײַנע סענטענצן מוזן ניט זײַן געפּענטעט אין די קייטן פֿון דעם ענין וואָס ער האָט אויפֿגעהויבן. ער קאָן מיט אונדז אַרומשפּאַצירן אויף זײַטיקע וועגן און שטעגן. זײַן אופֿן פֿון טראַכטן קאָן זײַן קאַלײַדאָסקאָפּיש. ער קאָן אונדז באַקענען מיט די שטערן קאָנסטילאַציעס וואָס גלימערן און שימערן צו אונדז אַזוי מיסטעריעז־וואונדערלעך אין אַ שטיל־רואיקער זומער־נאַכט, אָדער גאָר וועגן די צאַרט־רייצנדיקע געוועבן פֿון אַ רויז אין פֿעלד. אָדער, אים זאָל זיך גאָר ווילן לירייזירן און פֿילאָסאָפֿירן וועגן די טיף־גרינע קוקורוזע בלעטער וואָס וויגן זיך אַזוי מאַיעסטעטיש אין אַ צעשטראַלטער זון אין אַ יונטאָג — און אין עצם; — האָט ער גאָר אויפֿגעהויבן אַ סאָציאַל־געזעלשאַפֿטלעך פּראָבלעם וועגן קיום פֿון מענטש, אין אַ וועלט פֿון מאַכט און עגאָצענטרישע אינטערעסן . . .

דער עסייאיסט איז ניט מחויב אונדז צו געבן זײַן פּראָגנאָז צו אַ קראַנקער וועלט. קיינער וועט צו אים קיין טענות ניט האָבן ווען אין זײַן מעדיטירן וועגן ערנסטע ענינים; וועגן קיום־פּראָבלעמען, האָט ער גאָר מיט אונדז פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ געדיכטן וואַלד און ער ווײַזט אַן אויף מאָכיקע וועגן און אויף אַלערליי געוויקסן וואָס האָבן זיך דאָ אויסבאַהאַלטן אין דער שאָטנדיקער קילקייט. אָדער ער וויל גאָר מיר זאָלן זיך צוהערן צום מתיקותדיקן געזאַנג און טרילערן פֿון אַלערליי פֿייגל און ווערים וואָס ווימלען דאָ אין די טונקלקייטן פֿון דעם פּלוש־גרינעם סאָסנע וועלדל. ניין, דער עסייאיסט איז ניט מחויב אונדז צושטעלן ענטפֿערס אויף תוך־פּראָבלעמען . . כאָטש, צוריקגעשמועסט: פּונקט ווי דער סאָציאָלאָג, דער פֿילאָסאָף, דער פּובליציסט, דער קהלשער אַפּיטרופּוסת — האָט ער אויך זײַן רעכט צו האָבן מיינונגען, סענטימענטן, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס פֿאַר דער אָדער יענער אידייע.

דער עסייאיסט מוז ניט אַלעמאָל זײַן דער איפּכא־מיסתבראניק, דער פּאַראַדאָקסן שיסער, דער ליטעראַרישער לץ אין אַ צילינדער וואָס דאַרף אַמוזירן אַלטע פּאַרזעסענע מוידן און פֿאַרוועלקטע נשמהלעך, ווי ס׳מיינען אייניקע שרײַבער.

אָבער דער עיקר דאַרף דער גוטער עסייאיסט האַלטן אָפֿן אויג און אויערן. ס׳איז דאָך פֿאַראַן אַזויפֿיל צו דערציילן און מעדיטירן וועגן די מענטשן וואָס כ׳זע טאָג־טעגלעך אין מײַנע באַגעגענישן און נישט נאָר וועגן מענטשן אין זייערע טואונגען, נאָר אַפֿילו דער שטילער אָרום איז דאָך אויך וואונדערלעכער מאַטעריאַל וואָס דו קאָנסט אַרײַנוועבן אין דײַן עסייאיסטישן געוואַנט, פּונקט

ווי די שפּין שפּינט איר געוועב אין אַ טונקעלעם ווינקל אין אַן אַלט בוידעם־שטיבל . . .

טויבן זיינען אוודאי באַשאַפן געוואָרן פון רבוש"ע צו קרייזן אונטער די בלויע הימל־געוועבן און אונדז מענטשן־קינדער מהנה זיין מיט זייער גראַציעז־קייט, דאָך שטילן זיי אַמאָל דעם הונגער ווי "געבראָטענע טייבעלעך" ביי באַנ־קעט־טישן . . . דער עסייאיסט קאָן אונדז אַמאָל צוטראָגן ערנסטע געדאַנקען וועגן מענטשלעכן קיום, כאָטש ס'איז נישט זיין אויפגאַב זיך דווקא צו פאַר־נעמען מיט ערנסטע ענינים, דאָך מעג דער לייענער אויך אַמאָל טועם זיין פון זיין ערנסטער מחשבה. ער איז בבחינת דעם זייד־ווערימל וואָס זיין עובדא איז צו שפּינען דעם וואונדערלעכן זייד, און אוודאי איז נישט זיין עיקר פונק־ציע צו באַקליידן שלאַנקע, שיינע פרויען־פיגורן.

דער עסייאיסט איז נישט מחויב זיין קיין מוסרניק, קיין פּריידיקער פון פרומע דרשות וועגן וואויל פונעם מענטש, כאָטש אין זיין עסיי קאָנט איר געפינען אַ מאָראַל, אַ מוסר־השכל וואָס קאָן דינען פאַרן מענטשלעכן אויפפיר, פּונקט ווי אין בוזעם פון דער צאַרטער רויז געפינט זיך איר דופטיקער אַראָ־מאַט . . . דער עסייאיסט איז ווי יענער קלאַסישער מאַרקזיצער, וואָס זיצט אויף אַ זייטיקער באַנק אויף אַלע יאַרידן און לאָזט דעם מענטש און די וועלט פאַר אים דורכגיין און ער באַטראַכט זיי פון אַלע זייטן, און שפּעטער, אין זיין אָפּגעזונדערן חדר־שטיבל, פאַרצייכנט ער זיינע איינדרוקן און איינווענדונגען אויף ווייסע בייגעלעך פּאַפּיר אָדער אויף פּאַרמעטן פאַר אַנדערע דורות . . .

די ענגלישע ליטעראַטור וואָס האָט שטאַרק אַנטוויקלט דעם עסיי־זשאַ־נער קאָן אונדז ברענגען אַ סך מוסטערן אָנהייבנדיק פון די קלאַסיקער ביז די סאַמע מאָדערנסטע עסייאיסטן, וואָס באַווייזט אונדז אַז די עסיי איז ניט גע־בליבן שטעקן אין אַן אָפּגעשלאָסן ווינקל. די עסיי איז ווערסאַטיל אין דעם אָפּקלייב און אין דעם אַרומנעם פון איר טעמאַטיק. דער עסייאיסט איז פריי צו לאָזן קומען צום אויסדרוק זיינע אימפּולסן, עמאָציעס, סענטימענטן און שטימונגען, וואָס דריקן אויס זיין אינעווייניקסטן געמיט און אינטעלעקטועלן נייגער.

דער עסייאיסט, ווי דער ליריקער אין דער פּאָעזיע, איז שטאַרק סוביעק־טיוו. די עסיי איז ניט נאָר אַ רעוועלאַציע אין דער וועלט פון געדאַנק און אינטעלעקט, נאָר די עסיי איז אויך עקספּרעסיוו אין דעם אינעווייניקסטן גע־מיט און נשמה־לעבן פון דעם שרייבער; זי איז אויטאָביאָגראַפיש, אַ רע־פלעקטאָר צו די פאַרבאָרגענע, סודותפולע וועגן און לאַבירינטן אין דעם לעבן פונעם עסיי־שרייבער.

# איז פאַראַן קינסטלערישע נייטראַליטעט

מיט אַ צייט צוריק האָט דער קינסטלער־שריפטשטעלער, י. באַשעוויס, וועלכער שרייבט אויך עסייען איבער ליטעראַטור־קריטיק, אַרויסגעהייבן אַ זייער אינטריגירנדיקן און אינטערעסאַנטן ענין: וועגן "איזמען" און קינסטלערישער אָביעקטיווקייט אין דער ליטעראַטור. לויט זיין מיינונג דאַרף דער קינסטלער ניט זיין געפּענטעט אין קייטן פון "איזמען"; סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע ריכטונגען, ליטעראַרישע מאָדעס אָדער שולן. ער דאַרף אונדז, ד"ה דער קינסטלער, מהנה זיין מיט פאַקטועלער קינסטלערישער שילדערונג. ער דאַרף אויסמיידן פּסיכאָלאָגישן פּאָרטייטש פון זיינע העלדן אָדער וועלכע ס'איז אַנדערע מאָטיווירונג. ער דאַרף, ווי די פייגל אין די צווייגן, זינגען זיין קינסטלעריש ליד אָן זייטיקער סאָפיסטיק. ס'איז ניט זיין אויפגאַב אונדז צו פּאָרטייטשן די וועגן פון זיינע העלדן. זיין טאַלאַנט, זיין באַרוף, איז אונדז צו געבן אָביעקטיווע קינסטלערישע שילדערונג, שטייגער. אַזאַ צוגאַנג צו ליטעראַטור, דענקט באַשעוויס, באַשטימט די קלאַסישקייט, די אומשטערבלעכקייט פון אַ ווערק.

דענקען מיר, אַז אַזאַ צוגאַנג איז אַ פאַלשער. ער געהערט צו יענעם צייט־אָפּשניט פון אויבערפלעכלעכן רעאַליזם. די דאָזיקע שיטה אין דער ליטעראַטור־קריטיק איז אַנאַכראָניסטיש און איז זיכער ניט אין גייסט פון דער קאָמפּליצירטער צייט אין וועלכער מיר לעבן. זי איז שוין לאַנג פאַרעלטערט און געהערט אין אַ מוזיי פון ליטעראַטור־געשיכטע.

דער קינסטלער, דורך מאָלן פאַר אונדז זיינע טיפּן, איז אין תוך סוביעקטיוו. ס'איז גאָרניט דאָ קיין אָביעקטיווע קונסט אויב מיר גייען צו צום ענין מיט דער מאָס פון לאָגישן אַנאַליז. וואָלט דאָס געווען דער פאַל — וואָלטן אַלע קינסטלער אונדז געגעבן די זעלביקע פאַקטן־בילדער. ס'וואָלט ביכלל אוממעגלעך געווען אַנדערשקייט; וואַריאַירונג פון קינסטלער־יחידים. אָריגינאַליטעט פון קינסטלערישער קרעאַטיווקייט באַשטייט דאָך אייגנטלעך אין דעם, וואָס דער קינסטלער גיט אונדז זיין פאַרב, זיין פּירוש, זיין אייגנאַרט, זיין ניואַנס . . .

דער קינסטלער איז ניט קיין מעכאַנישער אינסטרומענט וואָס מעסט די פאַקטן לויט באַשטימטע געאָמעטרישע טעאָרעמעס. ס'איז גאָרניט בנימצא קיין ריינע נייטראַליטעט ביים קינסטלער. שוין אין דעם אָפּקלייב פון זיין טעמאַטיק, פון זיין מאַטעריאַל, איז ער סוביעקטיוו. אין פורעמען זיינע טיפּן,

אין שילדערן דעם לעבנס־שטייגער, האט דער קינסטלער — אפשר פאר אים אומבאוואוסטזיניק — אונדז איבערגעגעבן זיינע עמאָציעס, סימפּאַטיעס, שטימונגען, געפילן.

ס׳זיינען, למשל, פאראן שילדערונגען וועגן מענטש און וועלט פון פאר־שיידענע קינסטלערס. יעדער הייבט ארויס כימעט די זעלביקע טעמאַטיק — אָבער וואָס פאַרא קאָנטראַסטן פון אויסטייטש און פירוש. דער קינסטלער איז דאָך ניט קיין פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט וואָס פיקסירט אין זיין מוח אַ פּינקטלעכע קאָפּיע פונעם אָריגינאַל. דער קינסטלער איז דאָך סוף־כל־סוף ניט קיין פּראָטאָקאָלן־פאַרצייכענער פון געשיכטלעכע דערפאַרונגען און דע־טאַלן. אַזאַ אויפפאַס פון קינסטלערישער קרעאַציע וואָלט געווען אַנעמיש, לעבלאָז, אָן נשמה. ס׳וואָלט געפעלט דער אינערלעכער ריטם פון שעפעריש־קייט. ס׳וואָלט געווען די באַנאַליטעט אַליין. טרוקן ווי דער זאַמדיקער סאַ־הארא מדבר.

צוויי קינסטלערס קאָנען אַמאָל אַרויסהייבן די זעלביקע סיטואַציעס, דעם זעלביקן לעבנס־שטייגער — אָבער, פון אַנדערע שטאַנדפּונקטן, פון אַן אַנדער קוק־ווינקל. דאָס איז דאָך אייגנטלעך אינדיווידועלע מאָטיווירונג.

כימעט אַלע גרויסע קינסטלערס פון פאַרשיידענע צייטן און תקופות האָבן אַרויסגעהויבן די פרוי אין זייערע ווערק. איז דאָך די פרוי פּאַקטיש גע־ווען אַן אינספּירירנדיקער פאַקטאָר אין זייער יצירה — אָבער ווי אַנדערש, ווי יחידיש־אינדיווידועל איז די פרוי־העלדין ביי יעדן פון די קינסטלערס. ביי איינעם איז זי אַ מלאך, ביי אַ צווייטן דער טייוול אַליין. איינער אידעאַליזירט זי און אַן אַנדערער פראָפאַנירט איר.

די עיקר אַטריבוטן פון קינסטלערישער עסענץ איז דאָך דעם קינסטלערס אייגנאַרט, זיין אייגענער ניגון, זיין אייגן פּנים. וואָס אייגנטלעך וואָלט גע־ווען דער זעלבשטענדיקער צוטראָג צו אונדזער ליטעראַרישן פאַרמעג — ווען דער שרייבער־נאָוועליסט, פּאָעט אָדער דראַמאַטיקער, זאָל אין זיין שרייבע־רישן מי־און־מאַטער אונדז אונטערטראָגן כתבים פון סטערעאָטיפּישן נוסח?...

דער קינסטלער איז דאָך אייגנטלעך דער פּאָטער, דער באַשאַפער פון זיינע העלדן. ער, דער קינסטלער, דורך זיין פאַנטאַזיע אָדער טאַלאַנט, שאַפט פאַר אונדז לעבן, אָדער אַ סוראָגאַט פון לעבן. ער איז דער פורעמער פון די פיזישע און גייסטיקע מעלות און חסרונות פון זיינע העלדן. זיי זיינען ביי אים אין די הענט ווי מאַריאָנעטן. ער ציט דאָס שטריקל אין וועלכער ריכטונג ער וויל. זיי זיינען ביי אים אין די הענט, ווי ליים ביים טעפּער, אָדער סקולפּ־טאָר. נאַטירלעך, זיינען פאַראַן פאַרשיידענע גראַדן פון טאַלאַנט.

ס׳רוב קינסטלערס גיבן אונדז דורך זייערע העלדן און שילדערונגען אַ מעגלעכקייט אַריינצובליקן אין זייער אייגענעם פּסיכישן לעבן. זיינען דאָך אַ סך גרויסע קינסטלערישע ווערק אין תוך אויטאָביאָגראַפיש. די אויטאָרס

אליין דינען ווי מאָדעלן, ווי מוסטערן פאַר זייערע צענטראַלע העלדן. דער קינסטלער באַקענט אונדז מיט זיין אופן פון טראַכטן און אויפנעמען אונדזער סאָציאַלן אַרום. דורך די דיאַלאָגן און מאָנאָלאָגן פון דעם אויטאָרס העלדן רעדט צו אונדז ניט נאָר זיין דור — נאָר ער אליין, דער באַשאַפער, מישט זיך אַריין אין זייער געריידן. ער איז ניט קיין זייטיקער מיט־שמועסער, נאָר ער איז דירעקט משפיע, אַז זיינע העלדן זאָלן טראַכטן, רעדן און פילאָסאָפירן אויף אַ געווויסן אופן. טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי זיינען כאַראַקטעריסטיש, ווי אַנדערש זיי האָבן באַנומען דעם רוסישן מענטש און דעם מענטש אין אַלגעמיין. ביידנס ווערק זיינען אַריין אין דער קלאַסישער ליטעראַטור און ווערן באַטראַכט ווי קינסטלערישע אמתן. זייערע ווערק האָבן באַאיינפלוסט אַ סך דורות און ס'איז גאַרניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז זייערע שאַפונגען זאָלן אויך באַאיינפלוסן די קומענדיקע דורות. כאָטש איינער האָט אונדז געגעבן פּסיכאָלאָגיע, פּאַרטייטש פון דער רוסישער נשמה; אַריינדרינג אין די מיסטיש־סודותדיקע לאַבירינטן פון דעם רוסישן לעבנס־שטייגער. און דער צווייטער האָט געזוכט קריסטלעכע שלימות, מאָראַלישקייט ביים רוסישן מענטשן. ער האָט אין זיינע מאָנומענטאַלע ווערק אַריינגעבראַכט אידעאישע קאָנפליקטן, צוזאַמענשטויסן, ראַנגלענישן צווישן "גוט" און "שלעכט" . . .

י. ל. פּרץ, וואָס האָט אויסגענוצט דעם רייכן חסידישן פאָלקלאָר, האָט אונדז צוריקגעגעבן דעם זעלביקן חסידישן מאַטעריאַל מיט בפל־כפלימדיקן אינטערעס. דער מאַטעריאַל האָט אים נאָר געדינט ווי סטימולירנדיקער, אַנרעג־שטאָף פאַר זיינע נעאָ־חסידישע דערציילונגען און פאָלקסטימלעכע געשיכטעס, וועלכע ער האָט געגעבן אייגענעם קאָלאָריט, אייגענעם ריטם וואָס ער האָט געשעפּט פון זיינע אייגענע, אינעווייניקסטע, גייסטיקע קוואַלן.

דורך שלום־עליכמס "טוביה דער מילכיקער" רעדט ניט נאָר דאָס פאָלק; דער קלוגער, תמימותדיקער, פּשוטער פאָלקס־מענטש, ווי ס'איז דער אָנגענומענער שאַבלאָן. די געשטאַלט "טוביה" איז דער גייסטיקער פּראָדוקט פון שלום־עליכמס געניאַלער פאַנטאַזיע. דער קינסטלער שלום־עליכם האָט טאַקע גענומען זיינע העלדן ביים פאָלק ווי רוי־מאַטעריאַל. ער האָט זיי אָבער אונדז צוריקגעגעבן אין זיין אייגענעם אימאַזש. ער האָט זיינע גראָטעסק־קאַריקאַטוריסטישע טיפּן דערפירט צו פּערפעקציע, צו שלימות. זיינע אַבסטראַקטע, פיקטיוו־אויסגעחלומטע געשטאַלטן, זיינען אין לויף פון יאָרן, ווען דאָס פאָלק האָט זיי גענומען פאַרדייען, אַבסאָרבירן, געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פונעם יידיש־פאָלקישן כאַראַקטער. זיינע העלדן זיינען געוואָרן סימבאָליש ווען דער היסטאָריקער האָט געזוכט פאַר אונדז שילדערן דעם פאָלקס' גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון זיין צייט, פון זיין דור. זיי זיינען געוואָרן די רעפּרעזענטאַטיווע פאָלקס־כאַראַקטערן. אָבער, מ'טאָר ניט פאַרגעסן דעם גייסטיקן אַרכיטעקט, דעם פאָטער פון זיינע גייסטיקער קינדער, וואָס האָט דורך זיין

אינטעלעקט און אינטואיציע אונדז ארויסגעבערענגט אט די דאזיקע גע־שטאלטן . . .

מיר וואלטן געקאנט רעדוצירן באשעוויס' ליטעראַרישן קריטעריום, אַד אבסורדום אויפן יסוד פון זיין אייגענעם שאַפן. מיר וואלטן געקאנט אילוס־טרירן דורך א גאַנצער גאלעריע פון באשעוויס' טיפּן פון זיינע ווערק און אנ־ווייזן די ניט־אויסגעהאלטנקייט צו זיין אייגענער שיטה פון ליטעראַטור־קרי־טישן איינשטעל. ער ווייזט ארויס א סך פּאַרטייאישקייט אין מאָדעלירן, אין פּורעמען זיינע העלדן. די שמועסן, דיאַלאָגן, מחשבות, געדאַנקען־שפּריצן, סאָפיסטיציזמען, אידעאישע ראַנגלענישן, פילאָסאָפישע נאָכטראַכטונגען, וועגן פאַרשיידענע פּראָבלעמען און ענינים וואָס עס פירן זיינע צענדליקער הויפּט־און־זייטיקע העלדן, זיינען ניט קיין קלישייען, קיין רעקאָרדירטע פּלאַטן פון די מוחות פון זיינע כאַראַקטער־טיפּן. די גאַנצע חריפותדיקע דיאַלעקטיק מיט וועלכע ס'אַפּערירן זיינע געשטאַלטן איז געבוירן אין מוח פונעם מחבר. ער איז זייער פּאַקטישער באַלעבאָס. ער באַלעבט זיי און לאָזט אריין בלוט אין זייערע אָדערן. זיי האַנדלען און טוען לויט דעם דיקטאַט פון זייער גייסטיקן פאָטער. זיי זיינען זיינע עקסקלוסיווע מאָדעלן. ער האָט זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס צו געוויסע העלדן. אייניקע וועט ער העל באַלייכטן און אַנ־דערע וועט ער לאָזן אין שאָטן. זיי זיינען אפשר א געטרייע קלישיי פון דער ווירקלעכקייט. אָבער דער קינסטלער האָט זיינע טענדענצן, אידעאישע אני־מאמינס. ער לעבט ניט אויף קיין איזאָלירטן אינדזל. ער איז א קינד פון זיין צייט, פון זיין דור און ער קאָן ניט בלייבן נייטראַל צווישן די אַלע רעוואָל־טירנדיקע כוחות פון אונדזער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן לעבן . . . ס'איז א קינסטלערישע אוטאָפּיע וואָס האָט ניט קיין לאָגישן פונדאַמענט. ס'איז א צעקרומטע שיטה וועגן קינסטלערישער נייטראַליטעט וואָס איז שוין לאַנג באַלזאַמירט געוואָרן אין די אַרכיוון . . .

ס'האָט אַמאָל איינער פון די גרויסע מייסטער־מאָלער געמאָלן א פּאָר־טרעט פון א בילד־שיינער פרוי וואָס האָט פּאָזירט פאַר אים. ווען ער איז פאַר־טיק געוואָרן מיטן געמאָל — האָט די פרוי געהאַט שטאַרקע טענות. זי האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן. "ס'טייטש", האָט זי געטענהט מיט פאַרדרוס, "כ'האָב פאַר דיר פּאָזירט פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל טעג. כ'האָב פאַרלוירן אַזוי פיל טייערע צייט זיצנדיק ביי דיר אין אַטעליע און אין רעזולטאַט צאַלסטו מיר אָפּ מיט בושה . . . מיין פּראָפיל איז דאָך אפילו ניט ענלעך צום פּאָר־טרעט וואָס דו האָסט אַנגעוואָרפן אויפן לייוונט . . . כ'רייד שוין ניט פון מיין טאַרסאָ וואָס דו האָסט געמאָלן אַזוי בורלעסקיש . . ." "אמת", האָט איר געענטפערט דער גרויסער מייסטער. "דו האָסט מיר נאָר געדינט ווי א פּיזי־שער מאָדעל — אָבער אויפן בילד ברענג איך ארויס דיין נשמה, דיין 'איך' ווי איך האָב אים אויפגעכאַפּט בעת דו האָסט פאַר מיר פּאָזירט. איך האָב

דורך ׳דיר׳ ארויסגעברענגט ׳זיך׳, מיין נוסח, מיין פּאַרטייטש פון קינסט־לערישן אמת״ . . .

מ׳וואָלט געקאָנט ברענגען מער אילוסטראַציעס און באַווייזן, אַפּצופרעגן די שיטה, אָדער טענדענץ אַז ס׳איז מעגלעך נייטראַליטעט אין די פאַרשיידענע צווייגן פון קינסטלערישער יצירה. ס׳איז אָבער איבעריק, די צייט אַליין האָט שוין לאַנג אָפּגעפרעגט אָט די דאָזיקע שיטה . . .

ערגעץ אין אַן עסיי, זאָגט דער גרויסער שריפטשטעלער, ראָבערט לואיס סטיווענסאָן : — ״אַלע פאָרמען פון אויסדרוק זיינען רעפּרעזענטאַטיוו — סיי די רעאַליסטיש־עסטעטישע שילדערונג און סיי דער עטיש־מאָראַלישער איינ־שטעל אין דער ליטעראַטור״.

ס׳זיינען אָבער די אידייען, די גייסטיקע קאָנפליקטן, וואָס מאַטערן דעם מענטש און דעם קינסטלער ביים שאַפן, ביים פורעמען זיינע ווערק, זינט ער האָט אָנגעהויבן דערקענען זיין מהות אויף אונדזער ערדישן פּנים. זיי זיינען פאַקטיש דאָס זאַלץ וואָס גיט אונדז אַטעם אינעם לעבן ; דער טוי וואָס באַ־פרוכפּערט אונדז און וואָס גיט אונדז אַ זין אין דעם אומזיניקן קאַשמאַר — וואָס מיר רופן מענטשלעך לעבן . . . וואָס פאַרוואָס ווערט וואָלט דאָס לעבן פאַר אונדז געהאַט, ווען מיר וואָלטן ניט געהאַט עפּעס אַ גייסטיקן אָנהאַלט, עפּעס אַ גן־עדן. מעג עס טאַקע זיין אילוזיע, חלום, פאַנטאַזיע. אָבער ס׳גיט אונדז אַ גלויבן אין שענערע ווערטן. דאָס הייבט דאָך אייגנטלעך אַרויס דעם מענטש צו אַ העכערער מדרגה אַנטקעגן די נידעריקע בעלי־חי. אַפּטמאָל דוכט זיך אויס, אַז דער מענטש איז נאָך נידעריקער פון די נידעריקסטע ברואים. אָבער דאָס זיינען קורצע, פאַריבערגייענדיקע פּעריאָדן. אין תוך — שטרעבט דער מענטש צו אַ העכערן צוועק אין זיין ערדישער עקזיסטענץ. ער וויל געפינען אַ תיקון, אַ זין אין דער עוואָלוציע פון זיין אייגענעם קיום.

דער שאַפער זוכט צו געפינען אויסדרוק אין זיינע ווערק דורך זיין קינסטלערישן מעדיום פאַר אַלע שטרעבונגען און רעגונגען ; קאָנפליקטן און ווידעראַנאַנדן, וואָס קאָכן און יוירן אין דעם באַוואוסטזיין און אונטערבאַ־וואוסטזיין פון מענטשלעכע נשמות.

אין דער פּלאַנעטאַרער, קאָסמישער רעטעניש, זוכט דער מענטש, דער בעל־השכל : — עפּעס אַ יסוד, עפּעס אַ ציל, מעג דער ציל זיין אילוזאָריש, אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ. ס׳האָט דאָך ניט קיין זין סתם צו עקזיסטירן לשם עקזיס־טענץ, ווי עפּעס אַ בלינדער צופאַל . . .

יחידיש לעבן אין קורץ אין דעם אייביקן לויף פון צייט — שטרעבט דער מענטש — און אפילו די ״אַמיבאַ״, די איינצעליקע פאָרם פון לעבן — ניט אָפּגעווישט צו ווערן פון דעם פּנים פון געדערעכעניש, מיט זיין אינדיווידועלן אויפהערן עקזיסטירן. אין דעם ליידנשאַפטלעכן דראַנג צו ברענגען נייע דור־

רות, ליגט שוין דער עמבריאָ פון יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש. אַנצוהאַלטן זיין קיום און המשך. קיינער וויל זיך ניט אויפלייזן ווי אַ שניי־קרישטאָל אונ־טער די וואַרעמע שטראַלן פון דער זון; ס'ווילט זיך ניט פאַרשווינדן ווי עפּעס אַן אָפּגעריבענע, אַן אָפּגענוצטע כלי . . .

אין זיין מיען זיך צו דערגרייכן דאָס אימאַזשענערע גליק; די וועלט פון שלימות, ליגט דער שליסל צו דער רעטעניש פון מענטש־עוואָלוציע.

אין דעם פּערפּעטועלן געדריי פון דעם רימען פון צייט, זוכט יעדער אינ־דיוויד איבערלאָזן טריט, סימנים פון זיין עקזיסטענץ. דער מענטש זוכט שאַפן אַ בריק, אַ סינטעז צווישן דער גרויער ווירקלעכקייט פון היינט צו אַן אילוזאָ־רישער, אויסגעחלומטער וועלט פון וויטן מאָרגן, אין די ענד פון די טעג . . .

דער אמתער קינסטלער זוכט אַריינברענגען אין זיינע ווערק די אידייען וואָס מאַטערן דעם מענטשן זינט ער האָט זיך אָנגעהויבן דערקענען, דורך פאַר־שיידענע פאַצעטן און וואַריאַציעס.

נביאישער אויפפלאַקער, רעוואָלט, פּראָטעסט קעגן אומרעכט און אומ־יושר; פאַר עסטעטיש־עטישע ווערטן; פאַר אַ בעסער און שענער מענטש־לעך צוזאַמענלעבן — זיינען די עיקר־אַטריבוטן וואָס רעגן־און־באַוועגן דעם קינסטלער אין זיין וועלט פון פאַנטאַסטיק, פון אויסטראַכט . . .

# ליטעראַטור און געשעלעכט

די שיטה אין דער ליטעראַטור, אַז דער קינסטלער דאַרף שילדערן דאָס געשלעכט־לעבן, רעאַליסטיש־נאַטוראַליסטיש — איז ניט אַלע מאָל איבערציינדיק.

ווען דער קינסטלער זוכט פאַר אונדז מאָלן אַ פרוי וואָס לעבט פון שאַנד — איז עס געוויס זיין רעכט. אָבער ווען ער אידעאַליזירט און פאַרפּאָעטיזירט אַזאַ לעבן, אַנשטאָט אונדז ווייזן איר געפאַלנקייט, איר געזונקענקייט; פּרואוון איר אַרויסהייבן פון דער פאַרדאָרבנקייט — זאָגן מיר: די דאָזיקע טענדענץ איז שעדלעך. זי נערט און פלעגט דעם עלעמענט פון חיה־אינסטינקט.

דער קינסטלער קאָן זיך דאָ אויסגליטשן; ער קאָן שטאַרק געשטרויכלט ווערן. צווישן אמתער קונסט און שונד זיינען אייגנטלעך פאַראַן זייער דינע ווענטלעך — גאָר באַזונדערס, ווען דער שונד־שרייבער איז אַ קינצלער, אַ פאַר־מענטש — וואָס טיילן זיי פונאַנדער.

ס'איז געוויס אמת, אַז די ביבלישע ליטעראַטור הייבט אַרויס דעם אינטים־געשלעכטלעכן עלעמענט אין פול־רעאַליסטישער אילומינאַציע — אָבער דער תנ"ך, און אַנדערע רעליגיעזע ספרים, וואו ס'ווערט באַרירט דאָס פּראָבלעם פון די געשלעכטער און דעם ענין פון רעפּראָדוקציע — איז עס געזעץ, יורידישער קאָדעקס, געשיכטלעכער דעטאַל. די תנכישע ליטעראַטור איז אָבער פול ווי אַ מילגרוים מיט שטרענגע געזעצן וואָס צוימען און צאַמען די חיה־אינסטינקטן ביים מענטשן. זיי ווערן ניט איגנאָרירט. בשום אופן ניט. זיי רעאַגירן לגבי די דאָזיקע שטאַרקע מענטשלעכע באַגערן און ליידנשאַפטן אויף אַ שכלדיק, ראַציאָנאַלן אופן.

דער נביא, דער מוסר־זאָגער, איז תמיד גרייט צו שטראָפן און אַריינצימבלען זיין שפּיזלדיק שאַרפן זאָג, קעגן די יעניקע, וואָס זיינען גורם צו לאָזן געוועלטיקן די נידעריקע תאוות פון עקסטרעמער אויסגעלאַסנקייט. זיי שטראָפן די הייזער פון זנות. די יעניקע וואָס לעבן פון שאַנד און פאַראומרייניקן די הייזער פון תפילה וואו ס'דאַרף הויזן קדושה, געטלעכקייט, בייטשן זיי מיט די דינסטע ריטער פון שטרענגן וואָרט. דער נביא האָט אַלע מאָל גערעדט מיט גאַליקייט קעגן יענע אַפּפאַל־עלעמענטן וואָס פּראַקטיצירן זנותאָרגיעס.

דער אַסקעטיזם וואָס איז געפּריידיקט געוואָרן אין דער באַציאונג צו דער פרוי פון דער קאַטוילישער טעאָלאָגיע אין מיטלאַלטער, איז אויך אַ פאַלשער.

אבער איבערגיין צום עקסטרעם פון לאזן דעם געשלעכטלעכן עלעמענט ווערן דאמינירנדיק ; אים לאזן באלעבאטעווען אין אונדזער געזעלשאפטלעך לעבן — איז נאך ערגער.

די ליטעראטור וואס האט גלאריפיצירט די אויסגעלאסנקייט, און איר געוויזן אין אלע נאטוראליסטישע פארבן — און ס'האט געהייסן אז ס'איז עסטעטיזם — האט שטארק געזינדיקט קעגן דער מענטשלעכער מאראל. זי האט באשאפן א ראבאט וואס האקט אונטער דעם סאמע ווארצל פון אט דעם פרעכטיקן בוים. דער קינסטלער אין זיין אויסדרוק פון רעאליזם מוז זיין אפגעהיט, ווייל ער פארמאגט אויך דעם געטלעכן פונק פון אריינבלאזן פייער אין זיין יצירה. ער באלעבט אנעמישע, פארמלאזע געשטאלטן. מיט זיין כוח פון טאלאנט טאר ער זיך ניט צורירן צו יענע פארדארבענע ווינקלען אין דער מענטשלעכער נשמה נאר ווי אן אביעקטיווער כראנאלאגיקער און פראטאקאלפארצייכענער.

יעדער קינסטלער האט געווים א רעכט צו סקולפטירן און געשטאלטן די אפפאל־עלעמענטן. סוף־כל־סוף איז נאך אונדזער וועלט ניט אזוי פערפעקציאנירט, און מיר לעבן דאך ניט נאר צווישן סאמע צדיקים. מענטשן זיינען מענטשן און ניט קיין מלאכים.

אבער, ווען דאס "שלעכטס", די טומאה ווערט דערהייבן ביים קינסטלער צו טהרה, צו שלימות — באטראכטן מיר אזא "קינסטלעריש־אביעקטיוון אמת": — פארפירעריש און אפנארעריי. אזא "אמת" איז עלול צו פראפאגירן און דעגענערירן אונדזער קינסטלערישע יצירה פון ווארט־און־פארב.

דער קינסטלער וואס זוכט באוואוסטזיניק צו אידעאליזירן דעם קולט פון נאקעטקייט און דעם לייבטזין לגבי די אינטימסטע ווינקלען אין אונדזער מענטשלעך צוזאמענלעבן, ווערט דעריבער דער פאלשער נביא וואס שלעפט צוריק אונדזער קולטור־ציוויליזאציע צום אור־דזשונגל פון פרימיטיווע אימפולסן און אינסטינקטן. זיין סעקסואליזירטע קונסט ווערט רעדוצירט צו פארנאגראפיע און פשוטער ביאלאגיע . . .

די וואס טענהן, אז די קונסט, איינגעשלאסן דער תנ"ך, וואס שילדערן אזוי רעאליסטיש די נאענט־אינטימע באציאונגען צווישן מאן־פרוי, האבן ניט געברענגט קיין שאדן אונדזערע גייסטיקע ווערטן און ניט געשעדיקט אונדזער מאראל — זיינען ניט אינגאנצן אויסגעהאלטן, גלויבן מיר. ס'איז דערציילט א האלבער אמת . . .

מ'דארף ביכלל ניט מישן די קונסטן מיט דעם תנ"ך. מ'טאר זיי ניט ארונטערנעמען אונטער איין טלית. ס'רוב מענטשן וואס האבן זיך באקענט מיט די תנ"ך־שאפונגען זיינען צו זיי ניט צוגעטראטן מיט מאסן און באגריפן פון קינסטלערישער שאפונג, נאר דער עיקר — ווי צו געטלעכע רעוועלאציעס ; צו הייליק־רעליגיעזע ספרים מיט באשטימטע געבאטן און פארבאטן.

אויב דא און דארטן וועט איר אנווייזן אויף עראטישע מאמענטן, ווערן זיי נולי־פיצירט און פארשאטנט ווען איר באטראכט די טעקסטן פון דער ביבל ווי א גאנצקייט. דער מאראלישער און עטישער קאראקטער איז דאמינירנדיק.

ווען איר נעמט, למשל, די ווערק פון א מאפאסען, פון א זאלא, צי גאר פון אן ארציבאשעוו אדער פון צענדליקער אנדערע גרויסע ווארט־מייסטערס, וואו קערפערלעכע נאקעטקייט, פראסטיטוציע; דאס אינטים־יחידישע פון שלאף־צימער ווערט דערהייבן צו קינסטלערישער שלימות. זאגן מיר: — אזוינע ווערק — מעג עס גיין אונטערן פאן פון רעאליזם, נאטוראליזם, פוטור־ריזם — איז ניט אין די בעסטע אינטערעסן פון אונדזער סאציאל־צוזאמענ־לעבן. אנשטאט דער מענטש פון גאט־געבענטשטן טאלאנט זאל קולטיווירן די בעסערע אינסטינקטן ביים מענטשן, אנטמענטשלעכט ער ביי אים די אויס־געאיידלטע דערפארונגען פון דורות. ער טרייבט אים צוריק אין וואלד אריין, וואו דער פרינציפ פון "גוט" און "שלעכט" האט ביכלל ניט קיין שליטה.

אין משלי וועט איר געפינען אזוינע אויסדרוקן:

— — — "און דער וועג פון לעבן זיינען שטראפרייד פון מוסר:
דיך צו היטן פון דער שלעכטער וייבספארשוין,
פון דער גלאטער צונג פון דער פרעמדער.
זאלסט ניט גלוסטן איר שיינקייט אין דיין הארצן,
און זאל זי דיך ניט נעמען מיט אירע ברעמען.
ווארום איבער א זונה קומט מען ביז א לעבל ברויט,
און אן אשת־איש פאנגט די טייערסטע זעל.
קען א מענטש שארן קוילן אין זיין בוזעם,
און זיינע בגדים זאלן זיך ניט אנצינדן? . . ."
(משלי, ו'. 27־23. יידיש—יהואש)

ווי אנדערש זיינען די מוסר־רייד פון אונדזערע יידישע חכמים אנטקעגן דער "תורה" פון סאניניזם . . .

די שפעטערדיקע רעדאקטארן פון תנ"ך האבן געהאט שארפע חילוקי־דעות וועגן דער פאסיקייט פון שיר־השירים איינגעגלידערט צו ווערן אין דעם הייליקן ספר־הספרים. ס'רוב פרומע מאמינים האבן דעם שיר־השירים באנו־מען ווי א סימבאליש ווערק. זייער פירוש איז — אז ס'איז גאר א גייסטיקע, פלאטאנישע ליבע צווישן ישראל און דעם אלמעכטיקן שעפער פון די וועלטן. זיי האבן עס ניט אויפגענומען פשוטו כמשמעו ווי ביאלאגישע ליבע צווישן מאן־פרוי, ווי עס טייטשן עס אונדזערע וועלטלעכע ביבל־פארשער און גע־לערנטע . . .

ביי י. ל. פרצן אין זיינע "דריי מתנות", וואו דאס מיידל וואס נאגלט צו איר קלייד כדי ניט אפצודעקן איר גוף פאר די וואס זוכן איר דערנידעריקן און

שענדן, דערהייבט דאַ דער דיכטער די יידישע פּרוי צו גאָר אַ הויכער מדרגה פון צניעות — און אפשר נאָך העכער . . .

געוויס איז דער עראָטישער פאַקטאָר אין אונדזער צוזאַמענלעבן אַן עיקר נאַטור־עלעמענט, וואָס איז דאָך גורם אונדזער סאַמע קיום — אָבער, דער דאָזיקער פאַקטאָר טאָר ניט קריגן די ממשלה איבער די אַנדערע ווערטן וואָס הייבן אַרויס דעם מענטש, דעם בחיר היצירים, ווי דעם העכסטן פון אַלע קרעאַטורן. ליבע, ווי אַ נאַטירלעכער באַשטאַנד אין דעם אויפהאַלט פון די מינים, איז באמת ניט צום שאַצן, אָבער ליבעביים מענטש דאַרף געליַיטערט און דערהייבן ווערן און זיך ניט אַראָפּלאָזן צו נידעריקער וואולגאַריזאַציע, וואו ס׳פּנים זאָל פלאַמען פאַר בושה . . .

אַלערליי סעקס־פּסיכאָלאָגן און סעקס־פאָרשער וואָס שילדערן און מאָלן מיט די פּרעציזסטע דעטאַלן דאָס אינטימע לעבן ביים מענטשן, האָבן אויף אַ האָר ניט געמינערט די סעקסועלע פאַרברעכנס — פאַרקערט, זיי האָבן זיך גענומען מערן די לעצטע יאָרן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן . . .

דער קינסטלער טאָר זיך ניט באַנוגענען מיט געבן אונדז פאָטאָגראַפישע אימפּרעסיעס, אַפילו ווען זיי זיינען אַן אָביעקטיוו־רעאַליסטישע אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט. אַמאָל איז אַזאַ אָביעקטיווער אמת מצד דעם קינסטלער פאַרפירעריש. דער קינסטלער וואָס האָט דורך זיין שטאַרק־דראַמאַטישער שילדערונג פון אַן אינטים־ווינקל אין אונדזער סאָציאַל־לעבן, גע־האָט בדעה אונדז וויוזן דאָס נעגאַטיווע; די צווייטע זייט פון דער מטבע, ווערט פון אַ סך לייענער־אָפּנעמער אויפגענומען אין אַ פּונקט פאַרקערטן גייסט. דאָס נעגאַטיווע ווירקט פּאָזיטיוו. ס׳זיינען באַקאַנט קרימינעלע פאַר־ברעכנס, וואו די פאַרברעכערס זיינען געווען קרבנות פון אַזעלכע שעדלעכע ווערק מיט וועלכע זיי האָבן זיך גייסטיק גענערט. ביי אונדז דאַרף דאָס וואָרט זיין געבאָט. איז דאָך די וועלט באַשאַפן געוואָרן מיטן וואָרט, דעריבער זאָל דער יעניקער וואָס פורעמט דאָס וואָרט עס ניט שלעפּן צו אומריינקייטן . . . דאָס וואָרט, די מחשבה זיינען דאָך אייגנטלעך פון די אַטריבוטן וואָס שטעלן דעם מענטש העכער אַנטקעגן דער בהמה — איז זאָל דער מענטש האַלטן טייער זיין געטלעכן געשאַנק מיט וואָס ער גרויסט זיך אַנטקעגן דער חיה . . .

״לעולם ישפּר אדם בלשון נקיה״ — אונדזערע יידישע חכמים האָבן גע־האַלטן פון כלל, אַז ריינקייט פון לשון איז אַ גאָר גרויסע מדרגה צווישן מענטש און מענטש באַציאונגען. גייסטיקע היגיענע איז אויך ביאָלאָגיש געזונט.

די קונסט־שיטה וואָס טענהט, אַז דער קינסטלער דאַרף מאָלן, שילדערן, זיך שפּילן מיט זיינע טיפן־העלדן וואָס ער הייבט אַרויס אין זיינע ווערק; ניט מאָראַליזירן און אינטערפּרעטירן די לעבנס־פּראָצעסן — איז ניט תמיד אין גייסט פון די אמתע אַטריבוטן פון קינסטלערישן פאַרנאַם. אַ סך גאונים אין

די טעמפּלען פון תפארת, פון די קונסט־פּאַראַדיזן האָבן אַנדערש באַנומען און פאַרשטאַנען קינסטלערישע שעפערישקייט.

די חכמה און די דערפאַרונגען פון די קינסטלער־שאַפערס דאַרף האָבן אַן עטישע, אַ מאָראַלישע השפעה, אַן עכאָדיקן ווידערקלאַנג אין די נשמות און הערצער פון אונדזערע בני־אָדם. אויב זיי קאָנען נישט אַרויסרופן יענעם מאָראַלישן אויפפלאַקער, אויפרודער וואָס זאָל צעטרייסלען דעם אינערלעכן גלייכגעוויכט ביים מענטשן, איז די קונסט — איין גרויסער שקר! . . .

# אייגנס און פרעמדס

מיר זיינען געזעסן אין א מסיבה פון יידישע שרייבער און דיסקוטירט דעם פינישן עפּאָס, קאַלאַוואַלע, וואָס ס׳האָט איבערגעטראָגן אין יידיש דער שרייבער, הירש ראָזענפעלד.

ווי א פועל־יוצא פון אָט דער דיסקוסיע האָט זיך אַנטוויקלט אַן אומדי־רעקטער וויכוח מכוח דעם ענין פון : "אייגנס און פרעמדס".

געשאַפן האָט זיך אָט די סיטואַציע מחמת דער פינישער עפּאָס, ווי ס׳האָבן געוואָלט שאַפן דעם איינדרוק איניקע דיסקוטאַנטן, איז פרעמד דעם **יידישן גייסט.**

א באַדייטנדיקער יידיש־פּאָעט און ראַפינירטער עסייאיסט, האָט אַרויס־געבראַכט דעם געדאַנק, אַז מיט יאָרן צוריק, ווען ס׳איז אַנטשטאַנען די גרופּע, וואָס מ׳האָט באַטיטלט אַלס די "יונגע", וואָלט זיכער אַזאַ ווערק שטאַרק אימ־פּאָנירט. מ׳וואָלט עס באַטראַכט פאַר א יום־טובדיקע געשעעניש וואָס די פינישע באַלאַדן און פאָלק־לעגענדעס זיינען אויך פאַראַן אין אונדזער יידיש־לשון.

דאָס פּאַגאַנישע, דאָס נאַטוראַליסטישע וואָס איז פאַרקערפּערט אין אָט דעם פינישן עפּאָס איז היינט ניט אין דער מאָדע ביי אונדז. אפשר וועלן נאָך קומען אַנדערע "יונגע" וואָס וועלן טעמפּעראַמענטיש אַנגערעגט ווערן פון אָט דעם גרויסן מיטאָלאָגישן ווערק, וואו ס׳קומט צום אויסדרוק דער געצן־קולט ; די גלאָריפיצירונג פון דער נאַטור אין איר רויער פרימיטיוויקייט.

ס׳קריגט דאָס וואָרט אַן אַנדער חשובער דיכטער און ער דערקלערט קאַ־טעגאָריש, אַז אים איז לחלוטין פרעמד און ניט שטאַרק צום האַרצן אָט דער דאָזיקער מיטאָלאָגישער עפּאָס צוליבן שפּיל פון רויע נאַטור־עלעמענטן וואָס איז אין פולשטענדיקער סתירה צו אונדזער וועלט פונעם תנ״ך.

ווילן מיר דאָ זאָגן, אַז אין תוך איז אוודאי גערעכט דער צווייטער פּאָעט, וואָס איז ניט שטאַרק באַגייסטערט פונעם פּאַגאַנישן קולט וואָס ווערט אַזוי שטאַרק אַרויסגעהויבן אינעם פאָלקלאָר פונעם פינישן פאָלק. די העלדן־טיפּן פון דער וועלט פון תנ״ך זיינען הומאַנישער, עטישער, דעריבער, אונדז נענ־טער, סימפּאַטישער.

אָבער בעת דער דיסקוסיע האָט אונדז פאַראינטריגירט אַן אַנדער ענין. ניט צי דער וועלט־באַטראַכט פון פינישן עפּאָס אימפּאָנירט אונדז אָדער ניט. אונדז האָט דאָ שטאַרק פאַראינטערעסירט דער ענין וועגן — "פרעמדס און אייגנס", וואָס איז אויך אַן אומדירעקטן אופן אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אָט דעם "אַרום־דעם־טיש" שמועס.

מיר האלטן, אז א פאלק, פונקט ווי א יחיד, קאן ניט לעבן און גערייען אין אן איזאלירטער, אפגעצאמטער וועלט. פעלקער אסימילירן אין זיך פרעמדע השפעות און קאכן זיי איבער אין גאנג פון דורות. דאס פרעמדע ווערט דורך פארשיידענע אופנים ארייַנגעוועבט אינעם לעבן פון אייגענעם פאלק. ס'ווערט א טייל פון אייגענעם "איך". אפילו דאס כינעזישע פאלק וואס האט געפרואווט זיך ארומרינגלען מיט א שטיינערנער וואנט, האט ניט געקאנט זיך פולשטענדיק איזאלירן פון פרעמדן איינפלוס. די געשיכטע באווייזט עס דורך אן א שיעור אילוסטראציעס און מוסטערן.

אויך מיר, דאס הייסט, דאס יידישע פאלק, האט ניט געלעבט אין א וואקיום. אין משך פון דורותדיקן גאנג אויפן בלוטיקן שליאך פון געשיכטע, — זיינען מיר דאך אלע מאל און אומעטום געווען ארומגערינגלט פון פרעמדע פעלקער, — האבן מיר געזוכט אימיטירן און אסימילירן דרויסנדיקע איינפלוסן, סיי גוטע און סיי שלעכטע, וואס מיר האבן אלכעמיש איבערגעקאכט אין אייגנס. ס'איז בכלל גאנץ קאמפליצירט אנצואווייזן מיט פולשטענדיקער זיכערקייט וואס איז "אייגנס" און וואס איז "פרעמדס". די דאזיקע אסימילאציע־עלעמענטן האבן זיך אזוי אינטעגרירט אין משך פון דורות, אז ס'איז ניט גאר גרינג אפצושיידן דאס פרעמדע פון אייגענעם און דאס אייגענע פון פרעמדן. פונקט ווי די בין וואס נאשט פון פרעמדן בלומען־נעקטאר און פארוואנדלט עס שפעטער אין איר אייגענעם האניק . . . אזוי אויך ווערן קולטורן און ציוויליזאציעס באווירקט איינער פונעם אנדערן.

שוין דאס נפשל, דאס הייסט דער "האמא־סאפיענס", ווען ס'קומט ארויס פון דער מוטערס טראכט, הייבט זיך פאר אים אן א לעבן פון אימיטירן און אסימילירן. אין גאנג פונעם לעבן, פון דערפארענישן און פרעמד־אנגעלאדענעם וויסן וואס ס'האט דער מענטש אין זיך איינגעזאפט, הייבן זיך אן אויסקריסטאליזירן, אויספורעמען אייגענע איבערלעבענישן, אייגענע מחשבות און ווייזעס. די אייגענע וועלט ווערט רייכער, וואגיקער, אינטערעסאנטער דורך פרעמדער השפעה.

מענטשן — און שרייבער־קינסטלער פון כלערליי צווייגן זיינען דאך אויך די סוביעקטן פון אונדזער מענטשלעכן מין—ווערן באווירקט פון דרויסנדיקע, פרעמדע פאקטארן. פאעטן וואס דענקען, אין זייער נאאיווקייט — אז מ'דארף ניט לייענען קיין אנדערע שרייבערס כדי דורך זיי, חס־וחלילה, ניט באווירקט ווערן, ווערן דורך דעם ניט קיין בעסערע פאעטן. מיט דער איבער, זעצונג פונעם תנ"ך אין פרעמדע לשונות, זיינען אוודאי די וועלט־קולטורן באריייכערט געווארן דורך די עטישע אימפליקאציעס וואס די תנכישע וועלט האט אויף זיי משפיע געווען. זיי זיינען געווארן אינטעגראל אין ס'רוב פון די וועלט־קולטורן. אויך דאס יידישע פאלק ווי אן ענטיטעט צווישן די פעלקער איז שטארק באאיינפלוסט געווארן, סיי נעגאטיוו און סיי פאזיטיוו, פון די

קולטורן און ציוויליזאציעס צווישן וועלכע ס'קומט אים אויס צו לעבן. דאָס איז עלעמענטאַר און אַקסיאָמאַטיש פאַרן סטודענט פון געשיכטע.

גויאישע, פּאַגאַנישע איינפלוסן האָבן אוודאי אַ ביסל פאַרגויאישט אונ־דזער קולטור, אָבער דאָס גויאישע איז ביי אונדז אין אַלכעמישן פּראָצעס פון איבערשמעלצונג פאַריידישט געוואָרן. דער כוח פון אַסימילאַציע איז ניט אַלע מאָל און אין אַלע פּרטים נעגאַטיוו־צעשטעריש. אָפט מאָל איז אַט דער פּראָצעס אַן איינשפּריץ פון לעבנס־וויטאַמינען וואָס זייער השפּעה פון ווירקונג איז אַ פּאָזיטיוו־דויערנדיקער.

מ'דאַרף זיך ניט שרעקן פאַר פרעמדע איינפלוסן, באַזונדערס ווען מיר האָבן ניט בדעה זיך אויפצולייזן אין פרעמדע אָרגאַניזמען, ניט פאַרווישן אונ־דזער אידענטיטעט, נאָר גאָר פּשוט: — דאָס פרעמדע אַסימילירן אין זיך כדי צו פאַרפעסטיקן דעם אייגענעם המשך און קיום. שעדלעך ווערט דאָס פרעמ־דע, ווען ס'זיינען די אַספּיראַציעס פונעם פרעמדן, אונדז איינצושלינגען ווי אַ באַזונדערן יש; ווי אַ זעלבסטשטענדיקער אינדיווידואַליטעט. ווען דער פרעמדער יחיד־אָדער־פאָלק זוכט אונדזער פולשטענדיקע סובאָרדינאַציע און אויפלייז ווי אַ סואָווערענער יש, זאָגן מיר מיט אַבסאָלוטער אַנטשלאָסנקייט: — אַזאַ אופן פון אויפלייז איז אַמאָראַליש און ניט אין דער טבע פון קאָנ־סטרוקטיווער קולטור־אינטעגראַציע פון יחידים אין פעלקער, אין דעם קעגנ־זייטיקן, סאָציאַלן צוזאַמענלעבן.

פון דער אַנדערער זייט: איז אונדז אייגן־ליבע, נאַרציסיזם; דאָס ניט וועלן צולאָזן פרעמדע השפּעות דערווידער, קורצזיכטיק, שאָוויניסטיש־עקס־טרעם. מיט אַ צייט צוריק ווען ס'האָט דער יידיש־דיכטער, יעקב גלאַטשטיין, אויסגעדריקט זיין שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער וועלטס גרויס־אומרעכט לגבי אונדזער פאָלק מיט זיין פאַטאַסדיקן אויסגעשריי —

„אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט,
גרויסע, שטינקענדיקע וועלט —
נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער”.

האָט אים דער דענקער־עסייאיסט, חיים גרינבערג, חבריש געמוסרט פאַר וועלן זיך אָפּשליסן אין אַן אייגענער געטאָ. גרינבערג ענטפערט אים דאָן — „איך בין ניט גרייט צו מאַכן אַ שהחיינו אויף זיין קעגן־האָס און אויף זיין נאַרציסיטישן פאַרזוך זיך איינצוקאָרטשען אין דער ווייכקייט און וואַרעמ־קייט פון אַ געטאָ־וויגעלע...”

דאָס זיין גרייט אויפצונעמען השפּעות פון פרעמדע קולטורן, ציוויליזאַ־ציעס איז באַפרוכפּערנדיק, שעפעריש, סטימולירנדיק. ס'איז דער סאַמע יסוד פון אונדזער צוזאַמענלעבן.

# ווידער, יידיש־העברעאיש...

דער ענין יידיש־העברעאיש איז שוין אַן אַלט־אַלטער. מ׳האָט שוין אַזוי־פיל געשריבן און גערדשנט וועגן דעם ענין, אַז, ס׳דוכט זיך, אַז מ׳קען שוין גאָרניט מחדש זיין. יעדעס מאָל ווען דער ענין ווערט אַקטועל — שפּרינגען אויף אַלע פאַראינטערעסירטע צדדים און דער ויכוח חזרט זיך איבער. טאָ וואָס, אייגנטלעך, קאָן איך דאָ מחדש זיין? טאַקע גאָרנישט. אָבער לחלוטין גאָרנישט. מחמת אַלץ וואָס מ׳האָט געזאָגט וועט מען נאָך צום טויזנטסטן מאָל, זאָגן, ווען ס׳וועט ווידער עפּעס אַ שוטה אַרויסקומען אין דער עפנטלעכקייט און מיט גרויס פּאַטאָס דעקלאַרירן — דעם אונטערגאַנג פון יידיש . . . מ׳האָט רעאַגירט און מ׳וועט רעאַגירן אויף דעם זעלביקן שטייגער — מחמת די טענות פון אַלע פאַראינטערעסירטע זיינען שוין לאַנג אויסגעשעפּט.

לויט די נביאות וואָס ס׳האָבן שוין געזאָגט אַלערליי באַוויינער און באַגרעבער פון יידיש — האָט שוין לאַנג ניט באַדאַרפט זיין קיין געדעכעניש פון אונדזער לשון.

אַ מאָדנע פאָלק זיינען מיר. אַלערליי המנס זוכן אונדזער אומקום און לויט אַלע לאָגישע, סטאַטיסטישע און לעגאַליסטישע סיבות האָט שוין פון אונדז קיין שריד־ופליט ניט באַדאַרפט זיין. טעאָרעטיש — שטימט טאַקע דער חשבון. אָבער אין רעאַליטעט קליגלען מיר איבער אַלע אויסרעכענונגען. מיר לעבן און מיר קלייבן זיך נאָך פאַר אַ סך יאָרן צו לעבן און שאַפן אַלעמען אויף צעפּוקעניש . . .

נאָך דעם געוואַלדיקן בלוט־פאַרלוסט פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, האָבן מיר נאָך באַוויזן אויפצובויען אַן אייגן, זעלבסטשטענדיק ווינקל, און מיר באַוויזן טאַקע וואונדער דאָרטן, ניסים ממש, וואָס איז דאָך אין סתירה צו אַלע ״לאָגישע״ רייד און פּילפּולים . . .

אַזוי איז אויך דער גורל פון יידיש. מ׳האָט שוין לאַנג געזאָגט נאָך אים אַ רבנן קדיש. מ׳האָט שוין ניט איינמאָל אפילו פאַראויסגעזאָגט דעם באַשטימטן טאָג פון דעם אומקום פון יידיש. אָבער עפּעס אַ מאָדנער, פאַרעקשנטער לשון איז אָט דער טייערער יידיש אונדזערער. ווערט ער שוואַכער אין איין אָרט, באַווייזט ער זיך באַלד אין אַ צווייטן — און באַווייזט טאַקע דאָרטן מאַגישן וואונדער. אין די לעצטע פופציק יאָר, וויפיל מאָל האָט מען שוין אָפּגעזאָגט אונדזער לעבן אין אָט דעם צייט־אַפּשניט? . . . און דאָך — דאָך זעט איר דאָך . . . דווקא אַלעמען אויף להכעים איז אונדזער יידיש אין די דאָזיקע יאָרן געגאַנגען מיט ריזן־טריט פאָרויס . . . אונדזער ליטעראַטור האָט

זיך אזוי פארצווייגט און פונאנדערגעוואקסן איז אט די פינף דעקאדן, אז זי האט ארויסגערופן באוואונדערונג ביי די נעבטיקע שונאים.

ווילן מיר דא ניט פונאנדערוויקלען די גרויסע מגילה פון טויזנט יאר יידיש־יצירה. מיר ווילן דא ניט מאכן קיין געשיכטלעכע אנאליזן און מיר זיינען אויך ניט פאראינטערעסירט אונטערצוציען סך־הכלען — און אויפן יסוד פון אט דער געשיכטלעכער פאנאראמע בארעכטיקן אונדזער קיום, אונדזער זיין, אונדזער נאכוואוקס, כאטש דאס וואלט געווען גאנץ בארעכטיקט . . . ס'ווילט זיך דא אבער מאכן אייניקע באמערקונגען וועגן דעם זייטיקן עניו, וואס איז אריינגעשלעפט געווארן אין אט דעם אלטן וויכוח. מיר מיינען דא, דעם עניו : — חלום און רעאליטעט.

א סך פון די יידיש־נביאים זאגן אפ דאס לעבן פון יידיש אויפן יסוד פון סטאטיסטיק. זיי באזירן אלץ אויף ציפערן און פאקטן. זיי זיינען ניט קיין נאאיווע בעלי־חלומות ; פראקטישע מענטשן זיינען זיי . . .

די יידיש־ריידער ווערן פון יאר־צו־יאר אלץ ווייניקער. דער טיראזש פון די יידישע צייטונגען פאלט. די יידיש־אינסטיטוציעס, מיט וועלכע מ'האט זיך געגרויסט, ווערן איינגעשרונקען. דער אפנעמער פון יידיש בוך ווערט שוין באלד א זעלטנהייט. דער וואלד ווערט אלץ שיטערער און שיטערער. ס'זעען זיך ניט קיין יונגינקע ביימלעך וואס זאלן פארנעמען דאס ארט פון די אויסגעווארצלטע, אויסגעריסענע, וואס די זאווערוכעס פון די צייטן האבן פארשווענקט . . .

איז טאקע דער גורל פון יידיש א טרויעריק־טראגישער. קיינער זוכט ניט מינימיזירן דעם טרויעריקן מצב פון אונדזער לשון. אבער צו פארצווייפלונג דארף עס אונדז ניט פירן.

ריידנדיק איז דער טערמינאלאגיע פון פאקטן און רעאליטעטן, איז דער מצב פון יידישן פאלק צווישן די פעלקער אויך ניט קיין געוואלדיק געהייבע־נער, איבער וועלכן מ'קען זיין צו אפטימיסטיש. אפילו, ווען מיר האבן שוין אן אייגן מלוכה־לעבן מיט אינטערנאציאנאלע אנערקענטע רעכט— איז, אונ־טער דער איצטיקער פאליטישער קאניוקטור, שווער פעסטצושטעלן : — וואס איז "זיכער" און וואס איז "ניט־זיכער" . . .

אין אונדזער אטאמישער צייט, ווען די וועלט איז ווידער גרייט אריינצו־שפרינגען אין די פעביקע פייערן פון א דריטן וועלט־קריג, וואלט געווען גע־זינטער פאר אלעמען ווען מ'זאל זיך ניט באנוצן מיט אפגעבליאקעוועטע לאזונגען וועגן "אבסאלוטער זיכערקייט" — באזונדערס ווען דער גרויסער גאון איינשטיין האט שוין לאנג מאטעמאטיש פעסטגעשטעלט, אז אלע מענטש־אידייען און נאטור־דערשיינונגען זיינען אונטערגעווארפן צום געזעץ פון רעלאטיוויזם. אלץ אין אונדזער לעבן איז עלאסטיש, פליסיק און קיין אבסא־

לוטע מאסן לאזן זיך גארניט אנווענדן. די וויסנשאפט, וועלכע האט אין איר רשות זעבארע מאסן, איז דאך ניט אבסאלוט אין אירע אויספירן. בפרט, די סאציאלאגיע, וועלכע איז אויך אונטערגעוואָרפן צו פסיכאלאגיע, דארף זיך היטן מיט באנוצן זיך מיט אבסאלוטע וואג־און־מאס באגריפן . . .

דעריבער זאגן מיר צו יענע "נביאים" וואס אויפן יסוד פון סטאטיסטיק און לאגישער דעדוקציע זיינען גרייט מקריב צו זיין אונדזער טייערן מאמע־לשון. מיר זאגן: אין ליכט פון איצטיקן פאליטישן וועלט־קריזיס און אויפן יסוד פון רעלאטיוויזם טאר זיך קיינער ניט דערלויבן אנטאן דעם מאנטל פון "נביא" און פרואוון טרעפן און פאראויסזאגן אזעלכע דעליקאטע, געזעל־שאפטלער־געשיכטלעכע פראצעסן. מיר זיינען נאך ניט גרייט אונטערצוציען דעם לעצטן סך־הכל פון אונדזער יידישער געשיכטע. מיר ווייסן גארניט און זיינען ניט אין קיין אביעקטיווער פאזיציע פעסטצושטעלן וואס פארא גילגולים און פראצעסן זיינען אנגעגרייט פאר אונדז אין די קומענדיקע דורות. מיר ווייסן אפילו ניט געננוי די וועגן פון אונדזער פארגאנגנהייט — איז ווער קאן פאראויסזען די שטערן־קאנסטעלאציעס וואס די יצירה האט פאר אונדז אין איר רשות? . . . מיר האבן באשטימטע דענק־באגריפן ווי אויפצונעמען די צייכנס פון די צייטן. אבער, אונדזערע השגות זיינען געפענטעט ווען מיר קומען אונטערפירן אבסאלוטע סך־הכלס אויפן יסוד פון די סימנים . . .

און, צוריקגעשמועסט, מיר זיינען נאך גארניט גרייט צוגעבן אז דער מצב פון יידיש איז א טאטאל־קריטישער, און אירע טעג זיינען געציילטע, ווי ס'ווילן האבן די "שווארץ־זעער" פון אלערליי מינים. ס'רוב פון די דאזיקע דיאגנאסטיקער האבן פאלשע כוונות. די אמתע דאקטוירים וועלן קיינמאל ניט אפזאגן דאס לעבן פון זייערן א שווערן חולה.

יידיש פארמאגט נאך א סך וויטאליטעט און איז נאך א באדייטנדיקער כוח אין אונדזער געזעלשאפטלעכן לעבן. מיר פארמאגן נאך ביים היינטיקן טאג מיליאנען יידן וואס לעבן זיך פולשטענדיק אויס נאציאנאל־פאלקיש אין אונדזער מאמע־לשון. מיר פארמאגן נאך אלץ מער יידן וואס רעדן יידיש ווי די וואס רעדן העברעאיש, אויב ס'גייט די סטאטיסטיקער זיך צו פארמעסטן אין כוחות. און אפילו אין ישראל, וואס דארף מיט זיך רעפרעזענטירן דעם העברעאיש־ארסענאל, איז פראפארציאנעל פאראן א גרעסער פראצענט יידן וואס רעדן און לעבן זיך אויס אין יידיש. און וואלט דארטן דערשינען א גוטע טעגלעכע צייטונג אין יידיש, וואלט איר טיראזש מן־הסתם אריבערגעשטיגן די צייטונגען וואס ווערן געדרוקט אין אנדערע לשונות, אריינגערעכנט העברעאיש.

דעריבער באטראכטן מיר פאר שטות ארויסצוקומען אין דער עפנטלעכ־קייט מיט דעם אבסאלוטן ווערדיקט: — אז יידיש איז אן אונטערגייענדיקער כוח און האט שוין ניט קיין שום חשיבות אין אונדזער געזעלשאפטלעכן לעבן.

מיר רעדן שוין ניט פון די געוואַלדיקע פּאָטענצן וואָס יידיש פאַרמאָגט נאָך. די קוואַלן פון יידיש זיינען נאָך לויטערע און פרישע און וועלן נאָך אַנטרינקען אַ סך קומענדיקע דורות מיט זייער זאַפטיקייט . . .

מיר קומען דאָ ניט פאַרגעטערן אונדזער יידיש־לשון. מיר האָבן בכלל פיינט געטשקעס. און שפּראַך־פאַנאַטיזם איז אונדז דערווידער. אָבער יידיש איז מער ווי סתם לשון, און מיר האָבן גאָרניט בדעה אַריינצוברענגען מעטאַ־פיזישע עלעמענטן אין אָט דעם ויכוח. יידיש איז אַ טייל פון אונדזער קולטור־אוצר. יידיש איז אַ טייל פון אונדז. קיין נאָרמאַלער יחיד און קיין נאָרמאַל פאָלק וועט דאָך ניט אויפגעבן טיילן פון זיין אָרגאַניזם. יידיש, פּונקט ווי העברעאיש, האָט אונדז גענערט, געשפּייזט; איז גליד פון אונדזער גליד, געביין פון אונדזער געביין . . . יידיש איז אַריינגעוועבט אין אונדזער גע־שיכטע; איז אַ טייל פון אונדזער געשיכטלעכער מאָזאאיק . . . זיך אָפּזאָגן פון יידיש הייסט זיך אָפּזאָגן פון טויזנט יאָר יידיש שאַפן, יידיש קולטור־לעבן. יידיש האָט אַזאַ רעגנבויגנדיקע פאַרגאַנגענהייט, אַז ס׳וואָלט געווען אַן אַקט פון קולטור־באַרבאַריזם צו וועלן איר „בראַקירן אויפן מיסטקאַסטן פון געשיכטע", ווי ס׳ווילן אייניקע קולטור־ציניקער . . .

דיזאַזיקע קראַקענדיקע קראָען וואָס שוועבן אום אין אונדזער מיט און וואַרפן אַן אַן אימה מיט זייער פליגל־פלאַטער, מיט זייער געיאָמער וועגן אומקום און טויט, וועלן אונדזער טייערן און זאַפטיקן מאַמע־לשון — יידיש ניט אומברענגען. זייערע הענט זיינען צו קורץ.

# באַמערקונגען וועגן מאָדערניזם

גאָר אַ סך טאַלאַנטלאָזיקייטן און כּלערליי גראַפאָמאַנען זעגלען אונטער דער פאָן פון מאָדערניזם. ס'איז שווין אויך אַריין אין דער מאָדע, אַז טאָמער זאָגט איר אויף איינעם אַזאַ פּאָעט, אַז זיין פּאָעטישער פּערז הינקט שטאַרק אונטער; אַז ס'איז סתּם חוזק געמאַכט פון דער פּאָעטישער מוזע, שטעלט ער אייך אַקעגן דעם פּיזמון, אַז — פּאָעזיע מוז ניט זיין פאַרשטענדלעך, די פּאָעטישע שורה איז נישט מחויב צו זיין קיין דינסט ביי דער לאָגיק. דאָס זענט איר אַן עם־הארץ אַ לייענער ר״ל, וואָס פאַרשטייט נישט וואָס איר לייענט. ער איז נעבעך גאָט די נשמה שולדיק; זיין פּאָעטיש וואָרט איז נאָוואַטאָריש, פריש ווי אַ נאַר־וואָס געפאַלענער שניי . . . איר טשעפּעט זיך, אָבער ער ווייסט בכּלל נישט הלמאַי איר האָט טענות צו אים . . .

ער גיט אויך אין נדן אַריין: מ'האָט גרויסע שאַפער אין זייער צייט פאַרשוויגן, איגנאָרירט. איז אַ צווייטן דור האָט מען זייער יצירה אַריינגענו־מען אין שול־אַנטאָלאָגיעס . . .

איז אַוודאי זיינען מיר באַקאַנט יענע גילגולים וואָס ס'האָבן דורכגע־מאַכט אַ סך קינסטלערס, ביז זייער וואָרט איז אַנערקענט געוואָרן. דאַכט זיך, אַז מיר האָבן גאָר דעם בעסטן מוסטער אין אונדזער אייגענעם תּנ״ך, וואָס חדר־יינגלעך האָבן טאַקע פאַרשטאַנען דעם פּשוטן טייטש, און דאָך — דאָך זיינען אין משך פון דורות אָנגעוואַקסן פּירושים אויף פּירושים, אויפקלערנדיק די פּשוטע שורות, וואָס ס'האָט זיך אויסגעוויזן אַז יעדער איינער פאַרשטייט. אָט די פּשטות איז גאָר פאַרבונדן מיט אַלעגאָריעס, רמזים, סימבאָליק וואָס זיינען גאָרניט אַזוי פּשוט, דערקלערן די מפרשים . . .

איז געוויס זיינען אַ סך גרויסע מייסטער־קינסטלערס אין זייער צייט מיסרעפּרעזענטירט געוואָרן און זייער קינסטלערישע יצירה איז שלעכט פאַר־שטאַנען געוואָרן.

ס'זיינען אָבער פאַראַן בולטע סימנים צו אונטערשיידן צווישן טאַלאַנט און טאַלאַנטלאָזיקייט. ס'העלפן נישט די פּירושים און די קונציקע דריידלעך . . .

מערקווירדיק, די גרויסע קינסטלערס וואָס די וועלט האָט אָנערקענט, זיינען גאָרנישט אַזוי קאָמפּליצירט און אומפאַרשטענדלעך ווי ס'דאַכט זיך אויס . . . מ'האָט נאָר באַדאַרפט האָבן די גייטיקע שולונג. זיכער האָט מען ניט געקאָנט דערוואַרטן, אַז איינער מיט עלעמענטאַר וויסן זאָל באַנעמען די פּאָעטישע שאַפונגען פון אַזוינע קינסטלערס, ווי: שעקספּיר, קיטס, שעלי,

בייראָ, באָדלער, וויטמאַן, פּאָו, ווערלען, פּושקין, לערמאָנטאָוו און צענדלי־קער און הונדערטער אַנדערע. אָבער יעדער איינער מיט אַ ביסל מער ווי עלעמענטאַר וויסן האָט געקאָנט געניסן פון די דערמאָנטע און נישט־דער־מאָנטע קינסטלער־שאַפערס. ס'האָט אַמאָל געזאָגט דער גרויסער עסיי־איסט־קריטיקער מעטהיו אַרנאָלד: "ס'איז זיכער נישט געווען קיין איין סענטענץ אין 'קעניג ליר' פון שעקספּיר, וואָס איך זאָל נישט האָבן איבער־געלייענט צוויי און דריי מאָל, כדי צו פאַרשטיין וואָס שעקספּיר האָט מיר צו זאָגן". אָט דער גרויסער קריטיקער שעמט זיך גאָרנישט צו דערציילן דער וועלט, אַז ס'האָט אים גענומען אייניקע מאָל איבערצולייענען דעם "קעניג ליר", כדי אים צו פאַרדייען . . .

איז אויב דער גרויסער אַרנאָלד האָט אַזוי געהאָרעוועט אויף תופס צו זיין די שורות פון אַ שעקספּיר, אַ פּשיטה סתם אַ לייענער ? . . . איז אוודאי דער ניט־לייענער, ווען ער זאָל פּלוצים נעמען ווערן אַ געניסער פון פּאָעזיע, וועט אים אַלץ זיין אומפאַרשטענדלעך אַפילו דאָס פאַרשטענדלעכסטע . . . ס'איז קיין סוד נישט, אַז צו פּאָעזיע מוז מען האָבן אַ געהעריקע צוגרייטונג. איז נישט וועגן אַזעלכע סתם לייענערס גייט עס. ס'גייט וועגן לייענערס, וואָס נעמען זיך די מי פון האָרעווען און שוויצן און זיי האָבן די נייטיקע מאָס צוגרייטונג, און דאָך שרייען זיי, אַז ס'רוב פון די היינטיקע נעאָ־מאָדער־ניסטן אין דער פּאָעזיע זיינען פאַר זיי פאַרבאָרגן, ס'איז סתרי־תורה, וואָס זיי קאָנען ניט איינבייסן . . .

ס'זיינען פאַראַן אינטעליגענטן לייענער, צווישן זיי — קריטיקערס־לייע־נערס וואָס כדי צו ווײַלן מאַכן דעם איינדרוק, אַז זיי פאַרשטייען טאַקע לחלוטין נישט וואָס זיי לייענען, באַנוצן זיי זיך מיט פאַרשיידענע אַקראָ־באַטישע וואָרט־מיטלען, כדי צו ווייזן אַז זיי זיינען "מאָדערן", זיי זיינען נישט פּרימיטיוו־אָפּגעשטאַנען. זיי באַנעמען די וואָרט־דזשאָנגלערס און זיי שפּילן די ראָל פון זייערע אָפּאָלעגעטן. ס'איז אָבער בפירוש פאַלש־מינצעריי, אָפּנאַרעריי סיי מצד די בלורמשטע "וואָרט־פאַרדרייערס" און סיי מצד די קריטיקערס־לייענערס, וועלכע ווילן שאַפן דעם איינדרוק, אַז די אומפאַר־שטענדלעכקייט וואָס זעגלט אונטער דער פאָן פון מאָדערניזם, איז כולו קינסטלערישע דערגרייכונג.

אונדז דאַכט זיך, אָבער, אַז טאַלאַנטלאָזיקייט וואָס פאַרדעקט זיך אונ־טערן מאַנטל פון מאָדערניזם, וועט פריער־שפּעטער דערקענט ווערן. ס'וועט דעמאַסקירט ווערן די פאַלשקייט. מ'קאָן דעם געניטן לייענער־עולם ניט תמיד נאַרן. פּוסטער אָנשטעל, גאַרניט־זאָגנדיקע מליצות, וואָס ווילן שאַפן דעם איינדרוק פון קינסטלערישע דערגרייכונגען, קאָנען קיינעם ניט נעמען אויף ניבער, מעגן די "פּאָעטן־לאָרעאַטן" זיין געניטע וואָרט־אַקראָבאַטן. מ'וועט דערקענען די טאַנדעטנע שטער.

קונסט־שאַפונג מוז זיין פאַרבונדן מיט טאַלאַנט און שווערער האַרעוואַ־ניע. מאָדערניזם וואָס פאַראַדירט מיט אומפאַרשטענדלעכקייט לשם אומפאַר־שטענדלעכקייט, מוז פריער אָדער שפּעטער באַנקראָטירן.

יענע שטאַמלערס, וואָס ווילן פאַרקויפן זייער ״קינסטלערישע״ סחורה פאַר ״מאָדערניסטישע״ קונסט, טוען דעם מאָדערניזם אַ בערישע טובה . . .

זייער טרעפלעך האָט דער דיכטער יהואש אויסגעדריקט אָט דעם גע־דאַנק אין איינעם פון זיינע לידער, ״ווי ס׳ווערן פאַרפאַסט לידער״:

״אָבער ווערטער אַז אַ זינען,
אָדער ווען איר קענט געפינען
דעם געדאַנקען־פונק דעם דינעם,
בלויז אים זוכנדיק מיט ליכט, —
רייצן, קיצלען דעם געשמאַק נאָר,
ס׳איז אַ ליידיקער טיק־טאַק נאָר,
שיינער פודער אויף דער באַק נאָר
פון אַ בר־מיננס געזיכט . . .״
שיינע פאַרבן, וועלכע בלאַנקען,
קאָנען קיינמאָל — שטאָט געדאַנקען —
נישט באַשאַפן אַ געדיכט . . .״

ס׳דאַרף זיין קאָנטאַקט, קאָמוניקאַציע צווישן דעם קינסטלער און דעם ראַפינירטן לייענער. אַנדערש איז עס געגליכן צו אַ הינקענדיקן וואָס פירט אַ בלינדן . . . נישט דערזאַגטקייט, נישט דערררעדטקייט איז גראָד אַ מעלה אין דער פּאָעזיע. ס׳גיט צו חן־קאָלאָריט, שיינקייט. אָבער סתם פּלוידעריי וואָס כ׳שטעלט אוים אין פּאָעטישע שורות — ווער נייטיקט זיך אין דעם! ? . . . מאי קאַ־משמע לן, וואָס לאָזט עס אונדז דאָ הערן ? . . .

דערלויבט מיר דאָ ציטירן פון דעם פּאָעט ע. ע. קאָמינגס, וואָס האָט אַ גאַנץ־נישקשהדיקע רעפּוטאַציע אין דער ענגלישער ליטעראַטור־וועלט. איז אָט ווי ס׳גייט איינס פון זיינע לידער אין אָריגינאַל:

(im) c-a-t (mo)
b, i; l: e    sh? dr
Fa ll A    Iftwhirl F
ps! fl    (ul) (ly)
Cattumbll    א א א

איז אדרבה, זאָגט איר מיר, חשובער לייענער (און אויך איר, פּאַרטיי־דיקער פון אומפאַרשטענדלעכקייט), וואָס וויל דער פּאָעט אונדז דאָ מזכה זיין מיט אָט דעם אָנוואָרף פון אותיות, וואָס ער האָט אויסגעשטעלט אין קורצע

שורהלער און ער רופט עס אן פּאעזיע ? ! . . . זעען זיי נישט אוים ווי שורות זאַץ, וואס דער זעצער גיט אַ ווארף־אַן, ווען ער וויל אויספּרוּוון דעם לינאָ־טיפּ ? — משוגעת ! . . .

ס׳רעדט זיך דאָ נישט וועגן יענע פּאעטן־שאַפערס, וואס זיינען געקומען ווי צוימען־ברעכערס, ווי נאוואטארס מיט נייע פאָרמען פון אויסדרוק פאַר זייערע פּאעטישע געפילן, אימפּולסן ; זיי, וואס זיינען אוועק פון דעם אָנגע־נומענעם שאַבלאָן, וועלכע האבן דערקלערט קריג דעם טראַדיציאָנאַליזם, וואס איז רוב פאַלן האבן די אַלט־איינגעזעסענע באַלעבאַטים זיי נישט געלאָזט אריבערטרעטן דעם היכל פון דער ליטעראַטור . . .

נישט וועגן זיי איז דאָ די רייד. ס׳רעדט זיך דאָ, דער עיקר, וועגן יענע ארצי־מאָדערניסטן וואס טוען אונדז מהנה זיין מיט זייערע צעשויבערטע הפקרותן און ווילן אויף אונדז ארויפצווינגען זייער אינפאַנטיליזם אין נאָמען פון ״קונסט״, אין נאָמען פון ״מאָדערניזם״ . . .

דער וועלט־באַרימטער מאָדערניסטישער מאָלער פּיקאַסאָ האָט איין אַן עסיי — ״די געפאַר פון פאַרנאַס״ — געמאַכט אַט די באַמערקונגען וועגן זיין אייגענער מאָלעריי, וואס זיינען אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר גאר אַ סך פון אונדזערע פּאעטן־לאַורעאַטן : ״די בלומרשט ראַפינירטע רייכע ׳לייזיק־גייערס׳ ווילן בלויז דאָס סענסאַציאָנעלע, עקסצענטרישע און סקאַנדאַליעזע אין דער קונסט פון אונדזער צייט. און איך אַליין האָב געגעבן די פאַרשווינען דאָס וואס זיי האבן געוואָלט, איך האָב באַפרידיקט אַט די קריטיקערס מיט בלערליי אומזיניקע אידייען, וואס זיינען נאר דורכגעגאַנגען מיין קאָפּ. וואס ווייניקער זיי האבן פאַרשטאַנען, אַלץ מער האבן זיי מיך באַוואונדערט״. (איי־בערגעדרוקט אין ״פאָרווערטס״, יאַנ. 26, 1957).

איז עס אַ חוב ממש דידאַזיקע גראַשנדיקע ״טאַלאַנטן״ טיילמאָל צו דער־מאָנען, אַז זייער סחורה וואס זיי פּרוּוון פאַרקויפן פאַר ראַיעלער, איז בלויז אימיטאַציע . . . זייער אומפאַרשטענדלעכע עברי וועט טאָקע בלייבן לדורות אומפאַרשטענדלעך . . .

# אַ בריוו־אויסטויש וועגן קונסט און אידייע

ליבער נחום סומער: —

אויף דער פראַגע: „וואָס פאַרא ליטעראַרישע פאָרם איז די עסיי?״ וואָס איר באַהאַנדלט אין אייער מאמר „די עסיי״, קאָן מען פּשוט ענטפערן: די עסיי איז — די עסיי . . . אָט האָט איר זיך פאַרנומען צו פאַרענטפערן אַ קשיא וועגן דער עסיי, איז עס — אַן עסיי . . . ווען איר וואָלט דווקא געוואָלט באַווייזן, אַז די עסיי איז גאַרנישט שבגאַרנישט — וואָלט עס אויך געווען אַן עסיי . . .

דער עיקר איז, אַז דער שרייבער האָט וואָס צו זאָגן, וועגן וואָס צו מעדיטירן, פילאָסאָפירן — און ער ווייס ווי דאָס צו זאָגן . . .

אייער צווייטער מאמר, אָדער טאָקע עסיי: „איז פאַראַן קינסטלערישע נייטראַליטעט״, וואו איר פּאָלעמיזירט מיט י. באַשעוויסן, רירט מיך אויך אָן, מחמת איר האָט מיר אַמאָל אויך אויפגעוואָרפן מיין „קונסט לשם קונסט״. אָבער קונסט צוליב קונסט שליסט ניט אויס — אידייע. אויב דער קינסטלער האָט אידייען, וועלן זיי ממילא פאַרקערפּערט ווערן אין זיינע ווערק.

אַנדערש איז אָבער ווען אַ קינסטלער שרייבט לכתחילה מיט דער כוונה אַרויסצוברענגען עפּעס אַן אידייע. ער מוז אין אַזאַ פאַל צופּאַסן דעם מענטש צום מלבוש, אַנשטאָט דאָס מלבוש — צום מענטש. פון דער אידייע ווערט — טענדענץ. די קונסט הערט אויף צו ווערן שעפעריש. אַנשטאָט דעם ווערט זי אַ משרת צו עפּעס־וואָס, וואָס האָט קיין שייכות ניט מיט קונסט.

די פראַגע איז דעריבער: טענדענציעזע אידייע, אָדער אוממיטלבאַרע אידייע? . . . קיין פּערל קומט זיך ניט אינטים צונויף, כדי צו באַשאַפן אַ מאַטעמאַטיקער, אַן אַקטיאָר, אַ גענעראַל, אָדער אַ פידל־שפּילער. ס׳וועגדט זיך אין די גייסטיקע, ווי פיזישע, פּאַטענצן, וואָס דרימלען אין זייער בלוט, און וואָס גייען גענעטיש איבער צו די קינדער . . .

קיין חילוק ניט, וואָס די טענדענץ איז — פּאָליטישע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, צי אַפילו קינסטלערישע (לאָמיר זאָגן: צו באַווייזן, אַז קונסט מוז זיין בלויז לשם קונסט) . . . יעדע פּאַרויסיקע אידייע, מוז פירן צו אַן ענלעכן תכלית, וואָס די אידייע פון „פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור״ האָט ענדלעך דערפירט דאָס שרייבערטום אין סאָוועטן־רוסלאַנד.

ניט בעסער איז עס מיט די אַלערליי איזמען. דאָס איז אַ צו־ברייטער עניין, וואָס פאָדערט אַ גרעסערע אַרבעט, אַנשטאָט אַ קורץ בריוול. איך וועל דעריבער זיך דאָ באַנוגענען מיט אַ ציטאַט פון מיינס אַן אייגענער עסיי (מיט

עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק): "דער פּיזמון מיט די איזמען איז גאָרניט ווערט. איז מען אַ דיכטער, איז מען; איז מען ניט קיין דיכטער, העלפֿן ניט קיין איזמען"...

אייער — א. אַלמי

## באַמערקונגען צום בריוו

פּריינט א. אַלמי: —

דער ענין — "קונסט לשם קונסט" איז געווים אַ ברייטער און מ׳וועט נאָך אַ סך יאָרן זיך אַמפּערן, אַרגומענטירן, פּאָלעמיזירן. יעדער צד וועט פּרוּוון צוגעבן אַ נייעם געדאַנק, אַ ניי וואָרט, אַ נייעם ניואַנס, אַ נייעם קנייטש. אָבער דער סיכסוך צווישן די קריגערישע צדדים וועט אַלץ בלייבן ניט צופֿרידנשטעליק פֿאַרענטפֿערט...

אייער זאָג: — "דער פּיזמון מיט די איזמען איז גאָרנישט ווערט, איז מען אַ דיכטער, איז מען, איז מען ניט קיין דיכטער, העלפֿן ניט קיין איזמען..." איז דער דאָזיקער זאָג אַוודאי אַן א״ב אמת וואָס לאָזט זיך גאָרניט אָפּפֿרעגן. איז איינער אַ פּאָעט, אַ קינסטלער, איז ער אַ פּאָעט, אַ קינסטלער, אומאָפּהענגיק פֿון די איזמען און אידייען... אויב איינער איז עס ר״ל ניט, איז ער עס ניט אַפֿילו ווען ער פּרוּווט זיינע שאַפֿונגען אידענטיפֿיצירן מיט דער וועלט פֿון אידייען און איזמען...

אָבער דאָס איז דאָך אַ גאָר אַנדער ענין. ס׳גייט דאָך אונדז ניט אין "וועגן" און "מעסטן" די קינסטלערישע מדרגות פֿון דעם אָדער יענעם קינסטלער. דאָס איז שוין אַ גאָט זאַך. געווים איז אַן אונטערשייד צווישן אַ שעקספּיר און לאַמיר זאָגן, אַ שלום־עליכם. ביידע זיינען קינסטלער פֿון גרויסן פֿאַרנעם — כאָטש, ס׳זיינען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע באַגריפֿן, גראַדאַציעס וועגן דעם אונטערשייד פֿון זייער טאַלאַנט.

מיר גלויבט זיך ניט, אַז שעקספּיר האָט סתם אַזוי פֿאַרטראַכט אַ האַמלעט, ניט וועלנדיק פֿאַרקערפּערן, דורך זיין העלד, אַ געוויסע אידייע, — אַ קינסטלערישן אמת אויב איר ווילט... ווען טאָלסטאָי האָט אין פּראָצעס פֿון שאַפֿן זיין מאָנומענטאַל ווערק "קריג און פֿרידן", געפּראָוווט אַריינגלידערן, אַריינוועבן זיינע טענדענצן, מחשבות, וויזיעס, איז עס ניט געווען מצד אים, ריינער צופֿאַל, רוח הקודש, אינטואיציע, סטיכישער פּראָצעס... ער האָט פֿאַר אַ סך יאָרן געטראַכט און איבערגעטראַכט ביז ס׳האָבן זיך ביי אים אין מוח אָנגעהייבן פֿורעמען העלדן מיט באַשטימטע אידייען, געדאַנקען, רעיונות, וואָס ער פּרוּווט אַרויסברענגען דורך די מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן פֿון זיינע העלדן־טיפּן. דער גרויסער שרייבער־טאַלאַנט טראָגט זיין ווערק אין זיך פֿאַר יאָרן, חדשים, וואָכן, טעג און נעכט. די העלדן גייען אים נאָך ווי שאָטנס וואָס

פּלאַגן און מאַטערן זיין געוויסן, ביז ער באַפרייט זיך פון זיי . . . ס׳איז באַקאַנט אַז בעת פרידריך ניטשע האָט אָנגעשריבן זיין ״אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ״, האָט ער אויף זיינע מאָרגן־שפּאַצירן געפירט לאַנגע פילאָסאָפישע שמועסן מיט זיינע כאַראַקטער־העלדן, ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע מיטשפּאַצירער . . .

איר זאָגט : ״אַז יעדע פּראָגרעסיווע אידייע, מוז פירן צו אַן ענלעכן תכלית, וואָס די אידייע פון ״פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור״ האָט ענדלעך דערפירט דאָס שרייבערטום אין סאָוועטן־רוסלאַנד״. ניין, מיר גלויבן ניט אַזוי. און כ׳גלויב, אַז איר אַליין גלויבט אויך אַנדערש . . . אין סאָוועטן־לאַנד האָט איר צו טאָן מיט אַ פּאָליטישער דיקטאַטור, וואו ס׳הערשט לחלוטין ניט קיין פרייהייט פון אויסדרוק, פּרוּווט דער טאַלאַנט־קינסטלער זיך צופּאַסן צום דאָרטיקן קאָנפאָרמיזם. ס׳איז לחלוטין ניט קיין ענין פון קינסטלערישער שעפערישקייט. אַ סך גרויסע קיסטלער־טאַלאַנטן האָבן זיך צוגעפּאַסט צו פאַרשיידענע פּאָליטיש־סאָציאַלע אידייען און אידעאַלן. קנוט האַמסאַן איז דען געוואָרן אויס וואָרט־קינסטלער, ווען ער האָט אָנגעהייבן גלויבן אין אַ סאָציאַל־פילאָסאָפיע פון מאָרד און רציחה ? . . . חס־וחלילה. וואָרט־מייסטער איז ער סיי ווי געבליבן, ער האָט אונדז נאָר ביטער אָפּגענאַרט און פאַרגוואַלדיקט אונדזערע מאָראַל־עטישע אידייען, יענע אידייען, וואָס ער האָט אַמאָל אַריינגעקנאַטן, אַריינגעקאַרבט אין זיינע אייגענע ווערק . . . מאַקסים גאָרקי, אַלעקסיי טאָלסטאָי, מ. שאָלאָכאָוו זיינען, מיינט איר, ניט קיין גרויסע מייסטערס פון קינסטלערישן וואָרט, ווען זיי זיינען געוואָרן פּאָליטישע אָפּאָרטוניסטן ? זיי האָבן פּשוט זייער קינסטלערישע יצירה איינגעשפּאַנט פאַר ״פּראָלעטאַרישער קולטור״. דאָס גלויבן מיר, האָט אַבסאָלוט ניט קיין שייכות צו אונדזערע קונסטן. ס׳איז אַן ענין וואָס האָט צו טאָן מיטן מענטשן אַלס אַזעלכן. דער קינסטלער, פּונקט ווי דער פּאַרטיי־מאַרקסיסט, אָדער וועלכער ס׳איז אַנדער איסט, קאָן זיין אַ קאָמפּראָמיסלער וואָס פּאַסט זיך אַריין צום סטאַטוס־קוואָ.

די קינסטלער, ווי די פּאָליטיקער, קאָנען זיין נואפים, דעגענעראַטן וואָס זאָלן פאַרמיסטיקן, פּאַראָכוועדיקן, באַשפּייען אַלע אונדזערע ווערטן. דער עיקר — ווען דער קינסטלער־שאַפער וואָלט אַליין געקאָנט זיך דערהייבן צו דער מדרגה פון אַן עטישער פּערזענלעכקייט, וואָלט עס געווען אַ גרויסע מדרגה פאַר די קונסטן . . . אָבער דאָ באַרירן מיר דאָך שוין אַן אַנדער ענין, וועגן וועלכן ס׳לוינט אַמאָל אַ שמועס טאָן . . .

**מיט קאָלעגיאַלע גרוסן, אייער — נחום סומער**

# מחשבות וועגן קריטיק

ס'איז שוין געוואָרן אַז א"ב־אמת, אַז די באַגריפן וועגן ליטעראַטור זיי־נען פאַרשיידן, ווי פאַרשיידן ס'איז דער מענטש גופא.

ס'זיינען אוודאי פאַראַן מיינונגען וועגן אַלערליי ליטעראַרישע זשאַנערן, ריכטונגען, טענדענצן. די מיינונגען און געדאַנקען זיינען געמישט, ווי ס'איז געמישט דער וואַלד מיט כּלערליי ביימער, געוויקסן. איין מין בוים וואָלט דאַך דעם וואַלד געמאַכט פאַר דעם אומאינטערעסאַנטסטן ווינקל אויף גאָטס ערד . . .

אין דער אמתן איז עס ניט אַזוי. באַזונדערס, אין דעמאָקראַטישע לענ־דער, וואו דער קריטיקער, ווי דער שרייבער־קינסטלער ביכלל, איז ניט אונ־טערוואָרפן צום קאָנפאָרמיזם פון שטאַט. דאָרטן וואו ס'באַלעבאַטעוועט די דיקטאַטור טאָרן ניט צירקולירן צופיל מיינונגען. מ'וואָלט עס באַטראַכט ווי אַן אָפּנייג פון דער ליניע. דאָרטן מוז מען גיין אין שפּאַן. פאַר דערלויבן זיך אַן אפּיקורסות קאָנסטו נאָך באַצאָלן מיטן אייגענעם לייב־און־לעבן . . .

ליטעראַרישע מאָסן זיינען רעלאַטיוו. וואָס פאַר איינעם רויט איז פאַר דעם אַנדערן גרין. דערפאַר איז דער עניין דווקא אַנרעגנדיק, סטימולירנדיק, ווי דער מאָרגן־טוי וואָס באַלעבט אַן אויסגעטריקנט, אַ זון־פאַרברענט פעלד.

עס שרייבט ריכטיק ש. ניגער: "אויב מיר האָבן געהאַט אונדזער איי־גענעם שעקספּיר, האָבן מיר נאָכדעם ווי מיר האָבן געלייענט טענען, אַ נייעם שעקספּיר, — טענס שעקספּיר". יאָ, וואָלט איך דאָ צוגעגעבן: פּונקט ווי מיר האָבן אַ ניגער מענדעלע האָבן מיר אויך אַ מענדעלען פון בעל־מחשבותן . . .

זייער קאָרעקט האָט דאָ ש. ניגער כאַראַקטעריזירט די עסענץ פון קרי־טיש באַנעמען אַ ווערק. דער קריטיקער, וועלכער איז אויך אַן ענערגישער לייענער, — טייטשט און טייטשט אַריין זיין איך אין דעם ווערק פון וועלכן ער האָט הנאה געהאַט אָדער וואָס האָט אים פאַרשאַפט עגמת נפש.

דער קריטיקער פאַראינטערעסירט אונדז מיט זיין שרייבערישער שעפע־רישקייט און מיט זיין אויסטייטש פון אַ ווערק. אָבער, זיינע אימפּרעסיעס, זיינע אויספירן מוזן ניט דווקא זיין מיינע . . .

ווי פאַרשיידן ס'זיינען די געפילן, אימפּולסן, רעיונות פון די קינסטלערס, אַזוי האָבן מיר אויך פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון קונסט־געניסערס, די קרי־טיקערס.

שלעכט איז מיטן קריטיקער וואָס זוכט פיגורירן ווי דער כוהן הגדול, ווי דער פּוסק אחרון, ווי מיט אים הייבט זיך עס אָן, און מיט אים ענדיקט עס

זיך . . . ס׳קלעפּן זיך די אויגן ; ס׳רייסט זיך ביי דיר אַרויס אַז אויסגעצויגע־נער געגעץ ווען דו לייענסט ליטעראַטור־קריטיק פון אַזאַ מין . . . ס׳איז אַ שטאַרק פאַרעלטערטער נוסח נאָך וועלכן מ׳מעג שוין זאָגן אַ רבנן־קדיש . . .

ליטעראַטור־קריטיק, מעג דער קריטיקער אַפּעלירן מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצייג פון דער שווערער־אַרטילעריע, קאָן ניט אַריינגענומען ווערן אין היכל פון די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן. אַפילו אין די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן ווערן פון צייט־צו־צייט געמאַכט רעוויזיעס וואָס ענדערן די באַגריפן.

קריטיק דאַרף זיין בבחינת אגדה און ניט הלכה. שטעלט דער קריטיקער אויף דין איז ער באַלד ביים אָנהייב אַ דורכפאַל, ווייל ס׳זיינען ניט פאַראַן קיין צוגעשניטענע מאָדעלן.

יעדער קינסטלער קומט מיט זיין פּנים, מיט זיין סטיל, ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ ספּעציפישע אינדיווידואַליטעט. דער דאָקטאָר וואָס וועט היילן יעדן קראַנקן וואָס וועט זיך באַקלאָגן אויף בויכווייטיק מיט דער זעלביקער מעדיצין, איז אַ שלעכטער דאָקטאָר . . . דער קריטיקער מוז זיך קאָנען אַריינלעבן אין דער וועלט פונעם קינסטלער־שאַפער. ער קאָן דאָך דעם שעפערישן מענטש ניט צוטשעפּען זיין קונסט־קריטעריע. אַזאַ קריטישער מעטאָד גייט אויף שטאַלצן.

דער קריטיקער־פונקציאָנער וואָס דענקט אַז זיינע קריטישע אויספירן זיינען תמיד די גערעכטע, איז פאַר אַ נאָרמאַלער ליטעראַטור ניט קיין געוואַלדיקער געווינס. פאַר טאָלסטאָיען איז שעקספּיר געווען אַ טאַלאַנטלאָזיקייט וואָס האָט ניט געהאַט די ווערט אַז די ערד זאָל אים אַרומטראָגן . . . נאָרדוי האָט באַטראַכט גאָר אַ סך קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן פאַר פּאַ־טאַלאַנטן, אויסוואורפן, און זייערע קינסטלערישע ווערק פאַר גראַפאָמאַניע פון ערגסטן סאָרט . . .

ביידע זיינען געווען אומגערעכט. די צייט אַליין מאַכט שוין דעם אָפּקלייב וואָס ס׳געהערט צו די דויערנדיקע ווערטן.

ס׳זיינען געווען "בעסט־סעלערס" וואָס מיט אַ צענדליק יאָר צוריק האָבן זיי די קריטיקערס בשעתם געלויבט מיט די שטאַרקסטע סופּערלאַטיוון. די מחברים זיינען ממש נתעשר געוואָרן. היינט זיינען זיי שוין פאַרגעסן און זייערע דערפאָלגן ווערן צוגעשריבן צו צופאַלן און צו גוזמאַדיקע קריטישע אָפּשאַצן פון די דעמאָלטדיקע קריטיקערס. ס׳זיינען אויך באַקאַנט אַז אַ שיעור פאַלן פון נעבטן־אומבאַקאַנטע, ניט־באַמערקטע שרייבער־שאַפערס וואָס זיינען היינט וועלט־באַרימט.

ס׳זיינען אויך פאַראַן אייניקע "קריטיקערס" וואָס האָבן זיך רק ליב צו "טשעפּען" צו די שרייבערס, כאָטש אַלע ווייסן אַז זייער "קריטיק" איז ניט פון דעם גאָר־ערנסטן מין, ס׳האָט ווייניק באַדייט פאַר דער ליטעראַטור. וועגן אַט די "אויך־מיר־קריטיקערס" זאָגט ש. ניגער : ". . . עס איז דאָ עפּעס

אזוינס וואס מאכט אז זייער טעטיקייט זאל זיין פארשפרייט און אפילו פאַ־פולער. דאס איז די באזונדערע הנאה, וואס מענטשן האבן פון יענעמס פּע־לערן. דער קריטיקער וויים, אז ביים לעזער־עולם (און אויך ביים עולם שריי־בער) וועט ער שטארק 'אויסנעמען', ווען ער וועט דערנידעריקן יענעמס ווערק — א סך שטארקער, ווי ווען ער וועט עס דערהייבן. און ער אליין איז דאך אויך "נישט מער ווי א מענטש", מוז אים רייצן דער טריפער פארגעניגן, דער ביליקער פארגעניגן פון 'דערהייבן' זיך אליין דורך נידעריק מאכן דעם אנ־דערן . . ."

קריטיק פון אט דעם מין, וועגן וועלכן ס'האט געשריבן דער פארשטאָר־בענער דעקאן פון דער יידישער ליטעראטור־קריטיק, ש. ניגער, האט ניט וועל־כע ס'איז ממשות, איז ניט קאנסטרוקטיוו־שעפעריש. אט דער סארט "קרי־טיק" רייצט ניט די אפעטיטן ביים לייענער־עולם וואס איז דער עיקר פאר־אינטערעסירט אין ביליקן, שונדישן סענסאציאנאליזם . . .

זאגן מיר: זייט ניט אזוי נארציסיסטיש פארליבט אין זיך, איר קריטי־קער מיט פארעלטערטע מאסן און באגריפן . . . נעמט זיך ניט אזוי טויט־ערנסט. אייערע אויספירן זיינען נישט הלכה למשה מסיני.

# קריטיק און די פונקציעס פונעם שעפערישן מענטש

אין זיין פייזדורכגעטראַכטער עסיי, "וואָס טוען מיר מיט זיך אַליין?", שרייבט דער דיכטער דוד ראַפּאַפּאָרט: "דער אמתער קינסטלער וועט ניט זאָגן: איך קריג ניט קיין אָנערקענונג, ווײַל איך אויפהערן שאַפן... נאַרישע מענטשן וואָס איר זענט! פון וועמען זוכט אָנערקענונג דער וואַקסנדיקער בוים, די בליענדיקע בלום, די שטראַלנדיקע זון, די מעלאַנכאָלישע לבנה, די שפּייזנדיקע ערד, די טראָגנדיקע און אויפבאַווענדיקע מוטער, דער פאַר־זאָרגנדיקער פאָטער?" ("וואָכנבלאַט", 16טן פעב. 1951, נומ' 419).

איז עס אַ פּאָעטעטישער אויסגעשריי פון אַ לירישֿ־צעוויטיקטער קינסט־לער־נשמה וואָס פילט, אַז דער אימפּולס פון קרעאַטיוון מענטשן צו שאַפן איז שטאַרקער ווי דער עגאָאיסטישער דראַנג פון ווערן עפנטלעך באַלוינט און אָנערקענט. ווילן מיר ניט מינימיזירן דעם פאַקט אַז דער שאַפערישער מענטש האָט אין אַ סך פאַלן איגנאָרירט דעם פּאַסיוון אָדער גלייכגילטיקן אויפנעם פון זיין שאַפערישער אַרבעט. אָפטמאָל האָבן זיך די דאָזיקע קינסט־לער־נשמות געראַנגלט, ניט נאָר מיט פּאַסיוון אויפנעם פון זייער שאַפן, נאָר, וואָס איז ביז אַ געוויסן גראַד נאָך ערגער געווען, זיי האָבן געמוזט פירן ביטע־רע קאַמפן, וואָס האָט זיי אָפטמאָל פאַרקירצט זייערע לעבנס, מיט שעדלעכע און שענדלעכע עלעמענטן וואָס האָבן געזוכט זיי עפנטלעך דיסקרעדיטירן און מיסרעפּרעזענטירן. זיי האָבן געפירט ביטערע שלאַכטן מיט קאָרופּטירטע און קליינע נשמהלעך פאַר זייערע קינסטלערישע קרעדאָס און אידייען־קאָנ־צעפּציעס. יעדער נאָוואַטאָר און יעדער רעפאָרמאַטאָר ווייסט, פון ביטערער דערפאַרונג, די קאָנסעקווענצן וועלכע ער מוז זיין גרייט אויפצונעמען פאַר ברענגען אַ נײַ וואָרט, אָדער — פאַר וועלן עפּעס מחדש זיין וואָס איז ניט קאָנווענציאָנעל...

דאָך, זאָגן מיר, אַז יעדער קרעאַטיווער מענטש זוכט אָנערקענונג, דער־מוטיקונג פון זיינע מיטמענטשן. ס'איז מענטשלעך נאָרמאַל — און דער שעפערישער מענטש איז, אין עצם, אַ פּראָדוקט, אַ קינד פון אונדזער מענטש־לעכן מין.

ווען מיר רעדן פון אָנערקענונג, האָבן מיר דאָ ניט אין זינען קיין קאָ־מערציאַליזירטע אָנערקענונג. געשעפטלעכע רעקלאַמע טראָגט אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. אַזאַ רעקלאַמע האָט ספּעציפיש אין זינען די פּראָפּיטירנדיקע,

געשעפטלעכע טראַנסאַקציע. אַזאַ לוין איז ניט אידענטיש ווען מיר רעדן פון קאָנסטרוקטיווער קריטיק; פון דערמוטיקונג וואָס דינט די אינטערעסן פונעם שאַפערישן מענטשן . . . אַז אויפריכטיק וואָרט, און ניט קיין קניפּ אין בעקל אָדער אַ קלאַפּ אין פּלייצע, פון אַ נאָענטן קאָלעגע אָדער פריינט, וואָס פאַר־שטייט און וויל פאַרשטיין דעם קינסטלערס ראַנגלען זיך מיט די דערמאָנטע כוחות אין אונדזער לעבן, איז אינספּירירנדיק און קאָנסטרוקטיוו אין דעם שאַף־פּראָצעס פונעם קינסטלער. דער קינסטלער, זוויסנדיק, אַז ס'זיינען פאַראַן גוט־מיינענדיקע יחידים וואָס ווייסן ווי אָפּצושאַצן זיין אַרבעט, הייבט אָן פילן אַז ער דאַרף טראָגן מער אחריות פאַר זיין שאַפן; ער דאַרף זיך היטן מיט זיין אופן פון אויסדרוק, ווייל ס'איז פאַראַן אַן אויג וואָס קאָנטראָלירט אים, און גייט אים נאָך אויף זיינע וועגן און אומוועגן.

אמת, דעם קינסטלערס עובדא איז צו פורעמען און געשטאַלטן די אָביעקטן פון זיין יצירה, ווי ס'איז די פונקציע פון וואַסערקוואַל אַנצוטרינקען און באַ־פרוכפּערן אונדזער מוטער־ערד. יעדער דערפאַרענער גערטנער וועט אייך דערציילן, אַז די ערד, יאָ די ערד, זוכט אייך איר לוין. דער גערטנער וואָס האָרעוועט שווער איבער זיין שטיקל נחלה וועט אונדזער מוטער־ערד זיין גנעדיק צו אים און אים מהנה זיין מיט אַ גוטער שפע. דערנער און ווילדע געוויקסן איז דער לוין פאַרן גערטנער וואָס שענקט ניט גענוג אויפמערק זיין גאָרטן . . . די מוטער וואָס טראָגט אין איר אינגעווייד די צוקונפטיקע דורות ווערט דאָך תיכף קאָמפּענסירט דורך דעם סאַמע פיזישן אַקט פון פריה־ורביה . . .

פאַרגלייכן קינסטלערישע יצירה מיט פּראָצעסן פון די נאַטור־כוחות — איז ניט אינגאַנצן קיין אויסגעהאַלטענע קריטעריע.

די נאַטור־דערשיינונגען זיינען סטיכישע, בלינדע, רויע, ניט געצאַמטע. דער שטורעם, דער אוראַגאַן, דער בליץ, קאָנען אפשר פאַרשאַפן עסטעטישע הנאה ווען מיר באַוואונדערן זיי אויפן לייוונט אָדער אין שילדערונגען פון קינסטלער־פּאָעטן. אין דער ווירקלעכקייט, אין רעאַליטעט — זיינען זיי דעסטרוקטיוו, צעשטערעריש. ווער ס'איז געפאָרן אויף אַ ווייטער ים־נסיעה און געהאַט די געלעגנהייט צו אָבזערווירן אַ צעברויזטן, אַ צעשטורעמטן ים־געוויטער קאָן זיכער עדות זאָגן, אַז ס'איז ווייט נישט קיין קינסטלעריש־עסטעטישע איבערלעבונג. דער מענטש וואָס איז אויף דער שיף, געפינט זיך אין טויט־אַנגסטן ווי אַ רעזולטאַט פון די צעבושעוועטע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך צעבייזערט ווי אַ טאַבון ווילדע פערד אין די וואַלד־דזשאַנגלס.

דער מענטש זוכט איינצושפּאַנען די נאַטור־כוחות פאַר קאָנסטרוקטיווע צוועקן. ער זוכט צאַמען, קאָנטראָלירן די קאָסמישע ווילדע נאַטור־עלעמענטן. דער קינסטלער פון אַלע גראַדן מוז האָרעווען איבער זיך. ער מוז זיין טאַלאַנט

קולטיווירן, ארגאניזירן. ער מוז זיין באלעבאס איבער זיין טאלאנט, און ניט פארקערט.

דער טייד־אויסגוס אין זיין פארפלייץ — איז, אין רעזולטאט, צעשטערעריש. דער קינסטלער וויל דורך זיין קינסטלערישער יצירה באריכערן און פארשענערן דאס מענטשלעכע צוזאמענלעבן. דער פרע־היסטארישער מענטש האט אנגעהייבן ווערן פסיכיש באוואוסטזיניקער ווען ער האט סיי די דרויסנדיקע און סיי די אינעווייניקסטע נאטור־עלעמענטן גענומען קאנטראלירן; קריגן די ממשלה איבער זיי . . . דער מענטש האט אנגעהייבן שאפן גייסטיקע ווערטן ווען ער איז ארויס פון מידבר און דזשאנגל. א סך פון די סימנים פון אמאליקן ווילד־וואלד זיינען נאך פארבליבן אין זיין נאטור עד היום. איז עס טאקע די עובדא פון גייסטיקן מענטש זיי אויסצעוואָרצלען, אויסצעיעטען. דער אינטעלעקטועלער מענטש פון אלערליי גראדן זוכט באווירקן, באאיינפלוסן — ער וויל ניט בלייבן קיין קול־במידבר. ער זוכט אן עכא, אן אפקלאנג, א ווידערקול — אנדערש איז דאך זיין ווארט: —אימפאטענט, ניט שפעדיק. זיין דערהייבן, שלימותדיק קינסטלעריש ווארט דארף אין ערגעץ פירן. ער זוכט אריינדרינגען אין דער נשמה פון דעם מענטשן פון זיין דור און אין די מענטשן פון די קומענדיקע דורות. ער וויל ניט סתם פארווײַלן, אמוזירן דעם מענטש און אים אויסטאן פון די פאראנטווארטלעכקייטן און התחייבותן פונעם לעבן. דאס איז דאך, אייגנטלעך, די פונקציע פון דעם נארקאטישן דראג וואס באטויבט און פארשיכורט דעם מענטשן פון זיינע סאציאלע פליכטן. זיי פירן אים צו אן אנדער עקזיסטענץ, צו א מין "עסקייפיזם". דער גייסטיקער מענטש זוכט ניט צו אנטלויפן פון די פאראנטווארטלעכקייטן פונעם לעבן. ער זוכט ראפינירן, אויסלייטערן דאס פרימיטיווע ביים מענטש.

דעריבער באטראכטן מיר דעם אני מאמין: קונסט לשם קונסט, פאר פאלש. דער מייסטער־קינסטלער פון אלע קאליבערן און געביטן איז אן איקאנאקלאסט, א באן־ברעכער. ער דארף זיין דער ארכיטעקט פון א שענערער וועלט. ער דארף זיין דער אידעאלאג פון א מער יושרדיקן, סאציאלן צוזאמענלעבן. ער דארף זיך ניט אפצאמען אין אייגענע דלד־אמות ווי די טשערעפאכע אונטער איר ביינערנעם פאנצער. ער דארף קינסטלעריש ווירקן און באווירקן דורך פורעמען די גייסטיקע ווערטן פאר היינט און מארגן. ער דארף זיין דער נביא, דער וויזיאנער פון א מער עטישן און עסטעטישן סדר ביים מענטשן. נאר דאן וועט ער אויסהאלטן די פראבע פון גייסטיקן מדריך וואס ער דארף זיין! . . .

# איי[ניקע פּאַראַגראַפֿן וועגן פּאָעזיע

ס׳איז לעצטנס ווידער אויפגעהויבן געוואָרן אַ סך געריידו וועגן דעם ענין צי פּאָעזיע האָט וועלכע ס׳איז השפּעה אויף אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן. גראָד האָט דעם ענין באַרירט אין דער היגער ניו־יאָרקער ״טײמס״, דער באַ־קאַנטער ענגלישער פּאָעט און עסייאיסט, ספּענדער. ער ווייזט אָן, אַז ס׳רוב לייענער און מיט זיי אַ סך פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער, האַלטן, אַז פּאָעזיע האָט מיט אונדזער אַקטיוו־דינאַמישן לעבנס־שטייגער קיין שום שייכות ניט. פּאָע־זיע איז טראַנסצענדענטאַל, זי האָט ניט קיין ממשותדיקע פֿאַרבינד־פֿעדים מיטן פּראַקטישן סאָציאַלן לעבן. זי שטעלט דער עיקר אויף דער שיינקייט פֿון אויסדרוק, פֿונעם בילד, פֿונעם מעטאַפֿאָר. פֿאָרם — מיט אַנדערע ווער־טער: איז דער אַפּגאָט צו וועלכן ס׳דינען ס׳רוב פּאָעטן.

און ספּענדער ווייזט אָן, און מיט רעכט, אַז אומגערעכט און ניט אויס־געהאַלטן זײַנען די קריטיקער און לייענער, וואָס זאָגן אָפּ דאָס לעבן פֿון דער פּאָעזיע. אמת, אַז פּאָעזיע האַלט זיך אויפֿן יסוד פֿון פֿאָרם. אין דעם אופֿן ווי דער פּאָעט זינגט ליגט זײַן כּוח, זײַן אַנדערשקייט, זײַן אָריגינאַליטעט, זײַן סוביעקטיווער אויפֿנעם פֿון וועלט־מענטש. אַנדערש קאָן עס גאָרניט זײַן . . .

דער אמתער פּאָעט איז דאָך אייגנטלעך ניט קיין פּראָטאָקאָלן שרײַבער אָדער כראָניקער וואָס פֿאַרצייכנט אָביעקטיוו די סימנים אויפֿן שליאַך פֿון אונדזער סאָציאַלן צוזאַמענלעבן. ווי האָט געזאָגט געטע אין אַ שמועס מיט זײַן נאָענט־אינטימען פֿרײַנט, עקערמאַן: ״וואָס וואָלט געווען דער אויפֿגאַב פֿון דעם פּאָעט אויב ער וואָלט נאָר איבערדערציילט די טרוקענע פֿאַקטן פֿונעם היסטאָריקער? דער פּאָעט מוז אונדז געבן עפּעס מער ווי געשיכטלעכן דע־טאַל. שעקספּיר האָט זײַנע רוימישע העלדן פֿאַרענגלישט. אין דעם אייגנטלעך באַשטייט דאָך זײַן גרויסקייט. אַנדערש וואָלטן אים די ענגלענדער גאָר־ניט פֿאַרשטאַנען . . .״

דער תהילים־דיכטער האָט אַרײַנגעזונגען זײַן זעלישן איך אין דעם וועלטס־געוויסן. ער האָט ניט אָביעקטיוויזירט נאָר סוביעקטיוויזירט. האָט דעריבער דער וויזיאָנערישער דיכטער פֿון תהילים ניט געלייגט זײַן חותם אויף אונדזער לעבן? הײַנט, דער ראַפֿינירטער לירִיקער מיט זײַנע רויזן־פֿאַרפֿומיר־טע און געווירצטע פֿערזן, האָט ניט באַווירקט דורות גאַנצע? און נאָך הײַנט, אַז אינטעליגענטע, יונג־פֿאַרליבטע פּאָרלעך ווילן פֿאַרשטיין די מיסטעריע פֿון ליבע, בלעטערן זיי די מיט גאָלד־געלייִשטע לידער־ביכער פֿון הײַנען . . .

און בײַ אונדז אין ייִדישן לעבן. האָבן די לידער פֿון אַן ערעלשטאָט,

מאַרים ראָזענפעלד, רייזען, פרץ, ניט משפיע געווען אונדזערע אַרבעטער עלע־מענטן מיט זייער סאָציאַלן פּאַטאָס און אויפברויז קעגן אומרעכט? און צי האָבן די לידער פון אַ ביאַליק, ליעסין, יהואש, ניט אַרויסגערופן געפילן פון צער און צאָרן קעגן פּאַסיוויקייט און אַפּאַטיע — און גלייכצייטיק געוועקט אין אונדז פאַרבאַרגענע אימפּולסן פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און רעוואָלט? אין אַלע מלחמות—סיי נאַציאָנאַלע, סיי סאָציאַלע, סיי רעליגיעזע—איז דאָס קאַמפּס־ליד געווען דער באַנער און פּאַקל מיט וועלכן די סאָלדאַטן האָבן בראַוו מאַר־שירט אויף אַלערליי קריגס־פעלדער. מיט אַ פערז פון אַ ליד זיינען אַ סך מאַרטירער געגאַנגענע זייער לעצטן גאַנג צו דער תליה אָדער צו דער גילאָטין. מיר וואָלטן דאָ געקאָנט שטעלן צו עדות צענדליקער און הונדערטער פּאָעטן פון אַלערליי שולן און קאָנצעפּציעס, כדי צו אילוסטרירן זייער השפעה און ווירקונג; אַז פּאָעזיע איז לעבן און אָפּשפּיגלונג פונעם לעבן געזען און אַב־סערווירט דורך פאַרשיידענע אופנים פון אינזיכיסטישן אויסדרוק און געפיל־רעאַקציע. יאָ, דער אמתער פּאָעט האָט שוין גאָר אַ שייכות מיט אונדזער לעבן. דער פּאָעט איז ניט הערמעטיש אָפּגעשלאָסן ווי די טשערעפּאַכע אין איר ביי־נערנעם פּאַנצער, ווי ס'מיינען אַ סך. דער פּאָעט איז אַ סענסיטיווער יחיד וואָס ווערט באַווירקט ווי דער סייסמאָגראַף בעת אַן ערדישן אויפציטער. דער פּאָעט איז סענטימענטאַל און שטאַרק עמאָציאָנעל. דער בעסטער באַווייז ווי ס'רוב פון אונדזערע יידיש־פּאָעטן האָבן רעאַגירט אויף דעם גרויסן פאָלק־אומגליק. אַ גאַנצע חורבן־ליטעראַטור איז אויסגעוואַקסן די לעצטע יאָרן. אין היטלערס גאַז־קאַמערן האָט מען געלייענט, געזונגען און געשאַפן פּאָעזיע.

ווי האָט אַמאָל געזאָגט דער עסייאיסט־קריטיקער, אַרנאָלד מאַטהעאָוס: „פּאָעזיע איז לעבן אין וואָס פאַרא פאָרם זי זאָל ניט קומען צום אויסדרוק".

אונדזער סאָציאַל־לעבן, אונדזער ליטעראַטור, האָט אויף דער קוואַדלע פון דער געשיכטע דורכגעמאַכט גאַנץ ראַדיקאַלע ענדערונגען און רעוויזיעס. דער היינטיקער, דער מאָדערנער פּאָעט מוז זינגען אַנדערש ווי ס'האָבן גע־זונגען די דיכטער באַוושאַווער, ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט. אַנדערע טענ־דענצן, אַנדערע ווענדונגען האָט דאָס לעבן אָנגענומען אין מאַרשרוט פון צייט — און דער טאַלאַנטירטער פּאָעט מוז האָבן די האַנט אויף דעם פּולס פון צייט... זיין ליד מוז זיין אַ רעפלעקס, אַן אָפּקלאַנג, אַן עכאָ פון דעם דור אין וועלכן ער לעבט און אויך אַ טיפער איינבליק אין די צייטן פון די קומענדיקע דורות. דער אמתער דיכטער איז אין דער בחינה פון פּראָפעט און וויזיאָנער.

איר וועט זיכער הערן דעם וויבריר, דעם פּולס פון אונדזער צייט אין די לידער וואָס ווערן היינט געשאַפן, כאָטש ריין אינדיווידועל, ראַפינירט מאָ־דערניסטיש. איר וועט אין זיי הערן, ביז איך זיכער, דעם ריטם, די דינאַמיק פון אונדזער סאָציאַלן לעבנס־שטייגער.

# מאַרקסיזם און דער יחיד

מיט א צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין דער ניו־יאָרקער "טיימס" א טשיקאַווע שטיקל נייעס וועגן דעם באַקאַנטן פּוילישן קאָמוניסט־טעאָרעטיקער, אַדאַם שאַרף. אַט דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער געלערנטער איז אַרויסגעקומען אין אַ פּוילישער צייטשריפט, וואָס באַהאַנדלט וויכטיקע סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכע ענינים אין גייסט פון מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק, אַז אויפן סמך פון סאָציאַליסטישער פּראַקטיק דאַרף מען מאַכן ראַדיקאַלע רעוויזיעס אין דער מאַרקסיסטישער לערע אין דער באַציאונג צום יחיד־מענטש.

אין זיין אופן פון באַהאַנדלען אַט דעם ענין איז פאַראַן אַ שטאַרקער אָפּנייג; ס'איז פאַראַן אַ גאַנץ נישקשהדיקע פּאָרציע פון אפיקורסות לגבי די פונדאַמענטאַלע הנחות פון אַ קאָלעקטיוויסטישן שטאַט לויטן סאָוועטישן מוסטער. ס'איז באמת אַ גענואַגטקייט מצד אַ קאָמוניסטישן דענקער אַרויסצוקומען מיט ספיקות לגבי איינגעפונדעוועטע אמתן אין אַ קאָמוניסטיש־איינגעשטעלטער געזעלשאַפט. דער קאָמוניסטישער טעאָרעטיקער האָט איינגעזען — וואָס ס'רוב "קאַפּיטאַליסטישע" דענקערס ווייסן שוין פון לאַנג — אַז דער יחיד־מענטש פאַרלירט זיין צורה אין דעם קאָמוניסטישן מוראשקע־שטאַט.

דער קאָמוניסטישער טעאָרעטיקער באַגרייפט, אַז דער יחיד איז עפּעס מער ווי אַ שרייפל אין אַ פּלאַנירטערווירטשאַפט. עקאָנאָמישער וואוילזיין פאַרענטפערט נאָך ניט אַלע קשיות וועגן דעם אמתן קיום פון מענטשלעכן לעבן. דער מאַרקסיסטישער שולחן־ערוך גיט אונדז נישט קיין צופרידנשטעלנדיקע תשובות וועגן דעם זין פון אונדזער "זיין". מיר דאַרפן נאָך נישקשהדיק האָרעווען, כדי זיך צו דערגרונטעווען צו דער גרויסער מיסטעריע, וואָס הייסט — מענטש! . . .

איז דער דאָזיקער פאַל פון אַ באַוואוסטן קאָמוניסטיש־מאַרקסיסטישן טעאָרעטיקער אַ סימן, אַז עפּעס הייבט זיך אָן רירן און באַוועגן אין יענע מוחות, וואָס האָבן מיט בלינדן פאַנאַטיזם נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין טראָפּן ספק אין זייער תורה . . .

די רעוויזיע פון אונדזערע גייסטיקע אידעאַלן מוז זיין באַזירט אויף אַן עטיש־הומאַניסטישן אָפּשאַץ פון מענטש־וועלט. דער מענטש און נאָר דער מענטש דאַרף ווערן דאָס אייבערשטע פון שטייסל! . . . אויב די עוואָלוציע פון אַ טעכנאָלאָגישער וועלט איז דער גורל פון דער מענטשהייט, טאָר מען

דעם אײנצלמענטש ניט פֿאַרוואַנדלען אין אַ שטאָל־הויטיקן ראָבאָט. דאָס אומגליק פֿון הײַנט ליגט אין דעם פֿאַקט, וואָס דער יחיד איז געוואָרן עפּעס אַ נומער אין אַ וועלט אָן מאָראַל. מען האָט די ביבלישע עטיק אויסגעביטן פֿאַר רויב, מאָרד און עגאָ־אינטערעסן. אונדזער האָמאָ סאַפּיענס, וואָס האָט באַדאַרפֿט דערהייבן ווערן צו אַ סאָציאַל וועזן פֿון קעגנזײַטיקע אינטערעסן, האָט זיך דערקײַקלט צו אַ הפקר־געשטאַלט, וואָס האָט זיך געלאָזט באַוועלטיקן פֿון זײַנע דזשונגל־אימפּולסן. דער מענטש־יחיד מוז פֿיגורירן פּראָמינענט אין דער מאָרגנדיקער געזעלשאַפֿט פֿון שפֿע און טעכנאָלאָגיע און ניט ווערן עפּעס אַן אומוויכטיקער אינסטרומענט אין דעם מאַכטשפּיל פֿון אויטאָקראַטן.

1962

# אַן אונטערגעהערטער דיאַלאָג

אין איינעם אַ הייסן יולי פֿאַרנאַכט בעת כ'בין נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין פֿאַבריק געפֿאָרן אַ היים אין אַ סאָרדין־געפּאַקטער סאַבוויי, איז מיר ניט ווילנדיק אויסגעקומען אויפֿכאַפּן אַ טשיקאַווען שמועס אַזאַ פֿון אייניקע מיט־פֿאָרערינס אין דעם דושנעם, מענטשן־אָנגעפּראָפּטן סאַבוויי־וואַגאָן.

דער שמועס איז געווען פֿון צוויי טונקל־הויטיקע פֿרויען. ס'איז אייגנט־לעך געווען מער מאָנאָלאָג ווי דיאַלאָג, מחמת גערעדט האָט נאָר איינע. די אַנ־דערע האָט געפּרוּווט ענטפֿערן, אָבער ס'איז געווען אַרויסגעוואָרפֿן איר מי. די ערשטע האָט ניט געהערט און ניט געוואָלט הערן און איר אונטערבראָכן באַלד ביי די ערשטע ווערטער. זי האָט געזען אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפֿן איר טירחה, האָט זי שטיל רעזיגנירט און געבליבן בלויז אַ צוהערערין.

גערעדט האָט יענע טונקל־הויטיקע וועגן מענטש און זיינע טאָג־טעגלעכע מעשים טובים. זי האָט געבייטשט און געמוסרט פּרימיטיוו־ווילד. זי האָט אים, דאָס הייסט דעם מענטש, צוגעשריבן מעשים און טוענישן, וואָס נאָר אַ מוח מיט אַ קראַנקער פֿאַנטאַזיע איז אַזוינס מסוגל אויסצוטראַכטן.

איר פֿילאָסאָפֿיע, אויב מ'קאָן אַזוינס באַטראַכטן פֿאַר פֿילאָסאָפֿיע, איז געווען פֿון אַ צעהויקערטער, צעשוויבערטער נשמה, וואָס איז געשטאַלט גע־וואָרן אין דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף פֿאַר קיום.

ס'האָט זיך אַרויסגעגאָסן פֿון איר מויל גאַל, שטיקער גיפֿט קעגן מענטש און זיינע רגילותן. ס'האָט גערעדט אַ קראַנקער מענטש וואָס האָט איבער־געלעבט און דורכגעווייטיקט ביטערע דערפֿאַרונגען אויפֿן אייגענעם געביין. זי האָט געשאָטן פֿעך און שוועבל קעגן אונדזער גוזעלשאַפֿט. אין באַציאונ־גען מיט מענטשן איז זי געוואָרן אָפּגענאַרט, ביטער אָפּגענאַרט . . . זי האָט אינגאַנצן פֿאַרלוירן דעם גלויבן אין מענטש. דער מענטש איז גוט, זאָגט די ביבל, ער איז דאָך געפֿורעמט אין געשטאַלט פֿון גאָט. ס'איז אַ גרויסער פֿאַרם. ס'איז אַ בלוטיקער חוזק. ס'איז גראָטעסקער געלעכטער. דער מענטש איז גוט ? ! הם, וואָס פֿאַר אַ גראָבער ליגן ! ! . . . דער מענטש איז די מאָס פֿון אַלדאָס בייזע ; פֿון די גרויזאַמע טוענישן צו וועלכער ער איז קאַפּאַבל אָפּ־צוטוען . . .

ס'איז ניט פֿאַראַן קיין גוטע מענטשן. די בעסטע זיינען שלעכט, זיינען עגאָצענטריש ; זיינען אויסן זייערע אייגענע אינטערעסן.

דו רעדסט פֿון יושר, רחמנות ? בע, אָפּגעריבענע מטבעות. ס'איז שקר וכזב ; ס'איז פּוסטער אָנשטעל פֿון נאַרישע פֿילאָסאָפֿן און קינדערישע פּאָעטן.

מיט בייסיקן סאַרקאַזם און ממש שוים אויף די ליפּן שרייט זי הויך אויפן קול — ס'איז אַ ליגן, אַ גרויסער ליגן!! ניטאָ אַזאַ באַשעפעניש. יע־דער באַפּט, גזלט, רויבט וויפיל נאָר ער קאָן פאַר זיינע אייגענע, עגאָאיסטישע נוצן. איינער טוט עס אויף אַ גראָב־יונגערישן שטייגער און דער צווייטער טוט עס אויף אַ ראַפינירטן, געאיידעלטן, דעליקאַטן אופן.

דער פועל יוצא איז דער אייגענער. איינער מוז ווערן אָפּגענאַרט, פאַלן אַ קרבן פון יענעמס ביטרע און פאַלשע וועגן. מענטש מיט מענטש שלאָגן זיך ווי די קעץ אין די דזשונגלס פאַר מאַכט, פאַר פּאָזיציע און פאַר מאַטעריעלן וואויל.

"דערפאַר איז מיין אויספיר", — האָט זי מיט קאַלטער ברוטאַלקייט דורכגעזיפּט צווישן אירע בלאַנקע, ווייסע ציין — "נייןז, מיך הייבט ניט אָן אַרן וואָס דער צווייטער וועט קראַפּירן, אויסגיין פון הונגער. די וועלט איז אַ דזשונגל פון ראַפינירטע, אינטעליגענטע חיות מיט מאַניקירטע נעגל. איינער זוכט איבערכיטרעווען דעם אַנדערן. איינער ווערט גליקלעך פון צווייטנס אומגליק. ס'איז ניט שיין צו האַנדלען כיאָוס — לערנען אונדז די מוסרניקעס, די עטיקער, די פרײַדיקער פון אַלערליי רעליגיעס, — בע, נאַרישקייטן. ווער הערט זיך צו צו זייערע לעקישעוואַטע דרשות. שוין טויזנטער יאָרן ווי דער מענטש הערט אָט די מוסר־דרשות פון אַלערליי בימות. נו, איז ווער געוואָרן בעסער, געהיילט פון די חיהשע אימפּולסן אין אים? ס'הייבט זיך ניט אָן. מ'מערדעט זיך איצט בלויז אויף אַ מער "ציוויליזירטן" אופן. אַמאָל האָט מען אין מלחמות אומגעבראַכט טויזנטער איז מען היינט שוין קאַפּאַבל אומ־צוברענגען מיליאַנען, קאָנטינענטן גאַנצע... מיר האָבן געוואַלדיק "פּראָגרע־סירט" אין די מלחמה כלי־זיין... לייענסט דאָך אין די צייטונגען וועגן דעם געיעג פון ראַקעטן און אַטאָמישע באָמבעס. דאָס אַלץ טוט מען דאָך אין נאָ־מען פון יושר, פון גערעכטיקייט, פון הומאַניזם!...

האַמבאַג, קוואַטש, וואָס פאַר אַ גרויסער ליגן דאָס איז!!...

אָט אַזוי איז דאָס מענה־לשון געגאַנגען, פול מיט ביטערקייט און גיפט קעגן מענטש. ווען די פרויען דאַרפן זיך ניט צעשיידן אויף פאַרשיידענע סטאַנציעס, וואָלט נאָך ווייטער זיך געצויגן אָט דער מאָנאָלאָג, וואָס איז באמת אַ מוסטער פון ציניזם.

זיינען אוודאי פאַראַן גערעכטע טענות אין אָט די מחשבות פון אַ קראַנ־קער, צעשויבערטער, אַנטוישטער נשמה. אָבער ס'זיינען האַלבע, פּערטל אמתן, וואָס אין תוך זיינען זיי גאַנצע ליגנס. אוודאי ווייסן מיר, אַז דער מענטש איז ניט קיין מלאך. ער איז זיכער ניט פריי פון שווערע חטאים. אָבער צוליב ביטערע דערפאַרונגען וואָס אָט די פרוי האָט געהאַט אין איר לעבן, האָט

זי אנגעהויבן שטאַרק מגזם זײַן אין איר אָנקלאַג קעגן מענטש און זײַנע מעשׂים.

אַט די טענדענץ איז אַן עקסטרעם וואָס האָט איר שורש אין זעלבסט־פאַרלייקענונג ; פון אַ סופּערמאַניע וואָס פירט צו מענטשן־האַס און צו נאָך גרעסערע ליידן און פּיינען פון אונדזער סאָציאַלן צוזאַמענלעבן.

אַט די שיטה פון עקסטרעמען "איכיזם" איז אין עצם דעסטרוקטיוו, צע־שטערעריש, סיי פון אייגענעם וואויל און סיי פון יעדער פאָרעם פון מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכער אחריות. ס'איז אַ קרומער געדאַנקען־פּלאָנטער, ווען דער מענטש הייבט אָן פאַרלירן די נאָרמאַלקייט, דעם באַלאַנס, די אמונה, דעם צוטרוי אין די סאָליד־פעסטע יסודות און ווערטן פון הומאַניזם.

# פון מיין נאָטיצביכל

(אימפּרעסיעס און שטימונגען)

# וועגן אַקטועלקייט

האָט צו אונדז אַ לייענער טענות: היתכן, איצט, בעת די נייעס פֿונעם טאָג איז אַזוי שרייענדיק, סענסאַציאָנעל; די וועלט ראַנגלט זיך מיט דעצי־דירנדיקע פּאָליטישע קאָנפֿליקטן, זיצט איר זיך רויִק און אייער געצעלט און זייט אונדז לייענער גאָר כּהנה מיט אַזאַ שטילער עסיי וועגן פּאַראַיאַריקן שנייפֿאַל . . . דענקט איר ניט, אַז איר באַגייט אַן עוולה קעגן דעם לייענער? — פֿרעגט ער אונדז.

איז פֿאַרשטייט איר דאָך, מיין חשובער אַנאָנימער לייענער, אַז מיר זייַנען ניט בכּוח צו רעאַגירן אויף לויפֿיקע טאָג־געשעענישן, בעת די טעלעגראַף־דראָטן צעטראָגן די נייעס מיט אַזאַ גיכקייט; די פּובליציסטיקע פּירושים וואָס ווערן געדרוקט אין די מאָרגן־צייטונגען זיינען שוין אַפּנים אַלט־געבאַקן ביים אָנקום פֿונעם אָוונט. ס׳איז בכלל ניט אונדזער עובדא זיך צו פֿאַרנע־מען מיט אַקטועלקייטן פֿונעם טאָג . . . רעלאַטיוו גערעדט, קאָן אַמאָל אַ גוט ליד, אַן עסיי, אַ דערציילונג האָבן מער אַקטועלן ווערט ווי די סאַמע ברענענ־דיקסטע טאָג־געשעעניש . . . ס׳איז אַן עניין פֿון אַפּשאַץ און פּערספּעקטיוו . . .

מיר האָבן דאָך דעם בעסטן מוסטער אין אונדזער תנ״ך. דאָס דאָזיקע ספר פֿון ספרים איז דער אָפּשפּיגל פֿון אַ גרויסער ציוויליזאַציע; אַ קולטור פֿון דורות. ס׳זיינען אוודאי פֿאַרגעקומען וויכטיקע געשעענישן אין דער ביבלישע תקופֿה. אָבער אויף וואָס פֿאַראַ אופֿן האָבן די ״שרייבערס״ פֿון יענע צייטן רעאַגירט? — ניין, ניט מיט קיין באָמבאַסטיש, ספּעקטאַקולערע עקס־טראַוואַגאַנצן. זיי האָבן רויִק, אַמאָל אין ניט קיין רויִקן געמיט, געפּרוּווט פֿאַרענטפֿערן די מאַטערנדיקע קאָנפֿליקטן פֿון זייער צייט, מיט אַ טיף־דורכ־געטראַכטער לירישער שילדערונג פֿון דער נאַטור; דורך פֿילאָסאָפֿישער מע־דיטאַציע און דורך שפּרודלדיק־הומאָריסטישע מעשהלעך, וואָס האָט איבער־געלעבט די צייטן און זיינען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פֿון אוניווערסאַלע אייביקע ווערטן.

ס׳הייסט לחלוטין ניט, אַז מיר זוכן צו אַנטלויפֿן אָדער זיך איזאָלירן פֿון דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט. ניין, ס׳איז ניט אַנטלויפֿן; ס׳איז אויך ניט בלייבן גלייכגילטיק און אינדיפֿערענט צו די גרויל־געשעענישן פֿון אונ־דזער צייט. ס׳איז גאָר־פּשוט: מאַכן אַ פּויזע; אַן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. וויפֿיל כּוח האָט, מ׳שטיינס געזאָגט, אונדזערס אַ יידישער מענטש, — ווידער און ווידער זיך פֿייניקן מיט די וואונדן און גרוילן פֿון אונדזער צייט?

מיר לעבן אין אַ תּקופֿה, ווען די וועלט־ממשלה ליגט אין הענט פֿון קליי־ניקע מענטשעלעך מיט ברעקלעך גייסט . . . איז וועט אונדזער ״שטאַרס״ וואָרט ענדערן דעם פּאָליטישן קלימאַט? פּאָליטישע קאָניונקטורן האָבן די טבע זיך צו בייטן מיטן אָנקום פֿונעם טאָג. אַ היינט אומגערעכטער אַקט מצד

די דיפלאמאטן און פון אונדזערע וועלט־פארזארגערס, איז ווייט־נאך ניט דער לעצטער סך־הכול. נעכטיקע מושלים זיינען היינט באנקראטירטע פיר־מעס; פארגעסענע, ארומבלאנקענדיקע פיגורן וואס ריכטן אפ גלות . . .

זיך אויפרעגן און מאכן סקאנדאלן וועט אין ערגעץ ניט דערפירן. ס׳וועט נאר פארביטערן אונדזערע טעג און נעכט, און דער פועל־יוצא: — מאגן־געשווירן אדער א נערוועזן צוזאמענברוך. ווענמענס ניצחון וועט דאס זיין?...

שוין בעסער איבערוויינדן צייט־און־ארט; בעסער אנשרייבן א גוט ליד, אן עסיי, א שיינע דערציילונג. אוודאי מיינט עס ניט, אז מיר האבן ניט אונדזע־רע פאליטישע סימפאטיעס אדער אנטיפאטיעס. מיר זוכן אויך ניט צו פאר־דעקן אדער פארשווייגן געזעלשאפטלעכע הפקרותן. חס וחלילה!

מעדיטירן וועגן די אייביקע רעטעניש אין דער נאטור; פרוואוון געפי־נען א באשייד צו די פסיכיש־גייסטיקע קאנפליקטן וואס האבן אין אלע צייטן געפלאגט דעם מענטשלעכן מוח, איז פאזיטיווער, ממשותדיקער ווי סתם זוכן צו באווייזן אקראבאטישע קונצן אויף דינע פאליטישע שטריק. דער ניט־געהובלטער לייענער וועט אפשר הנאה האבן פון אזא שרייבן מיט "באקציי־נער", אבער דער פאליטישער לץ וועט אייך מארגן ארויסשטעלן א צונג און כיכיקען אין א שטיקנדיקן געלעכטער פון אייער נאאיוויטעט . . .

## ווערטער

אנומלטן זיינען מיר געזעסן אין א מסיבה פון פריינט און געשמועסט וועגן אלערליי ענינים, סיי ענינים וואס האבן א דויערנדיקן ווערט און סיי אזעלכע וואס האבן א צייטווייליק־פארגייענדיקן באדייט, ווי די נייעס פון דער פרימארגן צייטונג. צווישן אנדערע פראבלעמען, האט איינער פון אונדז אויך אויפגעהויבן דעם ענין — פון ווארט; ווערטער ביי שרייבער־קינסטלער.

א שרייבער זוכט א ווארט. ניט סתם אזוי א ווארט, נאר דאס פאסיק־פרעציזע ווארט . . . האט איר א באגריף וויפל פיין, פלאגעניש, מאטערניש אזא זוכעניש איז אמאל גורם? וויפיל שלאפלאזע נעכט איז דער פאראנט־ווארטלעכער, טאלאנטירטער, קרעאטיווער שרייבער מקריב כדי צו געפינען דאס ריכטיקע ווארט? . . . מענדעלע האט אמאל געזאגט, אז ס׳זיינען פאראן שרייבער ביי וועמען דאס ווארט קומט גרינג, לייכט, ווי ביי א הון לייגן אן איי . . . ביי אנדערע קומט עס שווער, מיט ווייען, מ׳דארף עס רייסן מיט צוואנגען ווי ביים געבוירן א קינד . . .

ס׳גייען אמאל דורך חדשים, וואכן, עס מאטערט, עס עגבערט; דו בלייבסט אן כוחות, דער קאפ שפאלט זיך דיר אין צווייען, צו געבוירן דאס פאסיקע ווארט. א סך שרייבער האבן זיך אפגעשלאסן אין באהעלטענישן כדי

ניט געשטערט צו ווערן אין זייערע מחשבות מצד די אַרומיקע שטוב־מענטשן. יעדער שאַרד איז געווען אַ שטער אין זייער אַרבעט. שאָפּענהויער, וואָס איז געווען אַ סענסיטיוו־נערוועזער מענטש, האָט אַמאָל געזאָגט: "אַז אין זיינע שאָפּערישע שעהן איז דער גרעסטער שטער, דער פאַרבייפאַרנדיקער בעל־עגלה וואָס טוט אַ סווישטש מיט דער בייטש. אַזאַ מענטשן דאַרף מען פאַר־שפּאַרן אין טורמע . . ." וואָס וואָלט שאָפּענהויער געזאָגט וועגן אונדזערע טעג פון אומאויפהערנדיקער אויטאָמאָביל־טרובעריי? . . . און דאָך זיינען פאַראַן אַנדערע קינסטלער־שאַפערס וואָס זייער גרעסטער סטימול איז דער יאַריד און טומל פון אונדזער אורבאַניסטישן לעבן . . .

צענדליקער, הונדערטער, טויזנטער ווערטער מאַרשירן דיר דורך ווי אין אַ פּאַראַד, אָבער דאָס פּאַסיקע, פּרעציזע וואָרט זעסטו אַלץ ניט. אַלערליי ווערטער, ווי מאַדעלן, פּאַזירן פאַר דיר, זוכן געפעלן . . . איין וואָרט שמייכלט אַזוי חנעוודיק. אַ צווייטס איז שעלמיש, פאַררייסט, דרייסט, ווינקט מיט אַן אויג. אַ דריטס איז דזשענטלמעניש, פאַרנייגט זיך, רעדט מיט פאַרנעם. אַ פערט וואָרט זוכט דיר געפעלן דורך ווירקן אויף דיין מוח, אויף דיין אינ־טעלעקט; ס'דערציילט דיר וועגן זיין יחוס־עצמו. אַ פינפט וואָרט זוכט אַנט־פּלעקן זיין חן דורך אַן אַנדער המצאה . . .

אַזוי שטעלן זיך דיר אַלע אויס אין שורות לאַנגע. זיי פּאָזירן פאַר דיר מיט אַלע זייערע חן־גריבעלעך און אַקראָבאַטישע קונצן. אַלע זוכן מאַכן אַן איינדרוק. זיי ווילן כאַפּן דיין בליק; זוכן געפעלן . . . אָבער דו קרימסט מיט דער נאָז, הייבסט מיט די אַקסלען . . .

אַלע זענען איר אַזוינע טייערע, ליבע, וואונדערלעכע ווערטער־קינדער. אָבער איר זייט אַלע עפּעס ניט לויט מיין ראַפינירטן געשמאַק פאַר דער איצטיקער וואָרט־עקסקורסיע . . . איצט זוך איך עפּעס אַן אַנדער וואָרט אין דעם וואַלד פון ווערטער; אַ ספּעציפיש וואָרט, אַן עקזאָטיש וואָרט וואָס זאָל אויפלייכטן מיין נשמה־געמיט. כ'פיל אַז דאָס וואָרט שפּילט מיט מיר אין באַהעלטעניש. ס'איז אויף מיין צונג, אויפן גומען — אָבער ס'באַהאַלט זיך איז מיין אינעווייניקסטן לאַבירינט, אין די געפעסן און געוועבן פון מיין מוח...

מן־הסתם האָט עס עפּעס אַ באַשטימטע כוונה. ס'וועט זיכער קומען. אויב ניט איצט — איז שפּעטער. מאָרגן, איבערמאָרגן . . . כ'וועל ניט מיד ווערן עס זוכנדיק. ס'מוז קומען. יעדע געבורט קומט מיט ווייען — אויך דאָס ריכטיקע, פּאַסיקע וואָרט . . . עס וועט זיך אָפּזוכן אין דעם פּלאַנטער־קנויל פון ווערטער . . .

אָט ווי עס שילדערט י. אָפּאַטאָשו ז"ל דאָס געבורט פון וואָרט:

". . . אין 'אַ טאָג אין רעגענסבורג' איז מיר אויסגעקומען צו מאָלן טויבן. אין יידיש זאָגט מען: טויבן וואָרקען, אָדער טויבן גרוכן. אַי 'וואָר־

קען', אי 'גרוכן' זיינען סלאָווישע ווערטער. און יידן אין רעגענסבורג האָבן די ווערטער־ווערבן ניט געקאָנט זאָגן. דאָס האָט אָפּגעשטעלט מיין אַרבעט אויף עטלעכע וואָכן. וואו כ'בין געגאַנגען איז מיר דער אויסדרוק, וואָס כ'האָב ניט געהאַט קיין וואָרט דערפאַר, נאָכגעגאַנגען, איז צוגעשטאַנען און גע־מאָנט ביי מיר אַן ענטפער. ס'איז געווען פיינלעך. ביז איינמאָל אַ זונטיק, כ'בין אַריין אין סענטראַל פּאַרק און אַ מחנה טויבן האָבן זיך אַ הייב געטאָן פאַר מיינע אויגן. און ווי כ'האָב דערזען די טויבן איז מיך אַ פרייד באַפאַלן און איך האָב אַ זאָג געטאָן: 'טויבן טירקלען'...

„כ'האָב צום ערשטן מאָל דעם ווערב געברויכט... היינט צו טאָג באַ־געגנט מען 'טירקלען' אויף טריט און שריט און די פּאָעטן ווייסן אפילו ניט, אַז ס'איז מיינס אַן אויפטו..."

דער שרייבער, דער שאַפער טאָר ניט זיין צופרידן מיט אַלע ווערטער וואָס שטעלן זיך אויס פאַר אים בעת זיין שאַפערישן פּראָצעס. ער מוז האָבן דעם כוח צו קאָנען בראַקירן, אויסיעטען. ער דאַרף סאָרטירן, דורכזיפּן, אָפּ־קלייבן. ס'איז אַ שווערער, פיינלעכער וועג. אָבער דערפאַר ווערט מען באַ־לוינט ווען מ'זוכט אונטערפירן סך־הכלען; נעמען אינוונטאַר פון אייגע־נעם פאַרמעג... ווערטער זיינען ווי קליי אין די הענט פון די מייסטערס...

# מענטש און סטיל

ס'איז פאַראַן אַן עפּיגראַמאַטיש וואָרט, אַז סטיל איז דער מענטש.

עס איז אוודאי אַ קלוג און שיין וואָרט. אָבער ניט אַלע מאָל דינט עס אונדז ווי אַן אָביעקטיווע מאָס אין דעם אָפּשאַץ פון אַ קינסטלער־פּערזענ־לעכקייט.

ס'איז, למשל, באַקאַנט, אַז דער גרויסער רוסישער נאָוועליסט דאָסטאָ־יעווסקי איז געווען פון די גאָר גרויסע מייסטער־סטיליסטן אין דער ליטעראַ־טור, אחד במינו; אַ געוואַלדיקער אַריינדרינגער אין דעם פּסיכישן לאַבירינט פונעם מענטשן — און דאָך איז ער אַליין, דער גרויסער אויטאָר, פאַר אונדז געבליבן אַ גאָר גרויסע רעטעניש. זיין מענטש־קענטעניש האָט אים אַליין ניט אַרויסגעהייבן ווי אַ בעסערן מענטשן, שוין אָפּגערעדט פון אַ מוסטער־מענטש... דאָסטאָיעווסקי דער מייסטער־סטיליסט איז אַלס מענטש פאַר אונדז געבליבן — איין גרויסע אַנטוישונג. סאָציאַל איז ער געווען קאָנסער־וואַטיוו־פּאַרגליווערט. ער איז געווען גאַליק־ציניש אין זיין באַנעם צום מענ־טשן פון אַ פּראָגרעסיוו־הומאַניסטישן איינשטעל.

ער איז געווען מיזאַנטראָפּיש אין זיין באַציאונג צום מיטמענטשן, ניט געהאַט קיין ברעקל פון רחמנותגעפיל קעגן אונטערדריקט־שוואַכערן. מיטלייד

איז געווען אַ פּרעמדער עלעמענט אין זיין פּערזענלעכקייט; כאָטש אין אייניקע פון זיינע ווערק הייבט ער אַרויס דעם קריסטלעכן רחמנות־געפיל מיט די פּרעציזסטע ניואַנסן פון סטיליסטישער מייסטערשאַפט . . . ער איז געווען דער היפוך פון גרויסן טאָלסטאָי.

ניט נאָר איז ער געווען דער גרויסער מיזאַנטראָפּ לגבי דעם יחיד, נאָר ער האָט אויך אַרויסגעוויזן פאַרביסענע פיינטשאַפט און האַס לגבי אַנדערע פעלקער און ראַסן.

סטיליסטיש איז ער געווען מייסטעריש און אין זיינע "בין אדם לחברו"־באַציאונגען איז ער געווען ציניש־ברוטאַל. איז ווי אַזוי וועט איר דערקלערן אָט די שאַרפע סתירה צווישן סטיל און מענטש? ס'בלייבט אַ רעטעניש פאַר די פּסיכאָלאָגן.

ניטשע איז אַן אַנדערע פּערזענלעכקייט אין דער ליטעראַטור וואָס איז באַוואוסט ווי דער געניאַלער קינסטלער־סטיליסט. זיינע זאַצן האָבן געאָטעמט מיט פּראָפעטישן פייער. ער האָט זיין סטיליסטישע קאָנסטרוקציע דערהייבן צו גאונות. דאָך איז ער ניט באַקאַנט ווי דער גרויסער מענטש־ליבהאָבער. אין זיין פילאָסאָפישן באַנעם איז ער געווען אַנטי־סאָציאַל. ער איז געווען דער נביא פון היטלעריסטישן־באַנדיטיזם. זיי, די תליונים, האָבן זיין תורה פון מענטש־דעגראַדירונג אַריינגענומען אין זייער היכל.

איז ווי אַזוי וועט איר פונאַנדערפלאָנטערן פאַר אונדז דעם פּסיכישן קנויל, אַז גרויסער, געניאַלער סטיל איז אויך מרמז אויף גרויסקייט אינעם מענטשן?

ס'איז ניט גענוג וואָס איינער שרייבט שיין. אין אונדזער קריטישן אויפנעם פון קינסטלערס יצירה מוזן מיר אויך האָבן אין אויג דאָס אינטים־פּאַרבאָרגענע פון אויטאָר אַליין. אַ מערדער קאָן אונדז ניט פאַרשאַפן קיין קינסטלעריש־עסטעטישן נחת־רוח. דער קינסטלער־עסטעטיקער מוז אויך זיין אַן עטיקער. קונסט אָן מאָראַלישן געוויסן איז פּראָפאַנירונג פון קינסטלערישע ווערטן . . .

## דער מענטש

ס'וויל דער מענטש איינגעמען די גאַנצע וועלט. ער מאַכט פּלענער, חשבונט חשבונות. ער חלומט חלומות וועגן מאָרגנדיקע טעג — און אָט — אויס . . . ווי אַ מעשהלע וואָס מ'דערציילט קליינע קינדער פון נעכטיקע טעג . . . יאָ, וואָס איז איינגנטלעך דער מענטש אין דער קאָסמישער מיסטעריע? — אַ שטויבל אין ווינט. אַ בלימל וואָס בליט אין דער מאָרגן־זון און ליגט פאַרוועלקט, פאַרוויאַנעט אין די קילע שאָטנס פון אַ רויט־צעפלאַמטן בין־השמשות . . .

יאָ, דער גרויסער, מעכטיקער, שטאַרקער מענטש איז שטערבלעך! . . . דער פיזישער פאַרבלײַב ווערט אײַנגעזאַמלט אין די טונקל־שאַטנדיקע פּאַלמען פון דער אײביקייט. ס'פאַרבלײַבט בלויז אינעם אינווענטאַר פון מענטש־גע־דעכעניש, — דאָס נשמהדיקע, דאָס כּללדיקע . . . דאָס גופיק־פּערזענלעכע פאַרגייט. דאָס יחידיש גלײַ־פּלעמל בלײַבט און איז דאָס גרויסע ליכט וואָס באַלײַכט די וועגן־שטעגן פון די קומענדיקע דורות. די רעפלעקסיע־שטראַלן, די פלעמלדיקע־פונקען פון די אויסדערוויילטע יחידים זײַנען די גײַסטיקע וויטאַמינען פאַר די מאָרגנדיקע באַלויכטענע טעג . . . די דימענטן שפּליטער וואָס שײַלן זיך אַרויס פון אַ פּערזענלעך לעבן זײַנען דער אומשטערבלעכער פאַרבלײַב וואָס ווערן אַרײַנגעוועבט, אַרײַנגעקאַרבט אין דער מאָזאַיִק פון אייביקן, פון פאָלק, פון כּלל . . . די אַלע אַנדערע נאַרישקייטן נאָך וועלכע דער מענטש יאָגט זיך אינעם געיעג נאָך גליק און דערפאָלג, זײַנען נישטיקייטן שבנישטיקייטן ווי ס'האָט שוין געזאָגט דער זקן קוהלת . . .

# דער קולט פון דערפאָלג

ס'איז בײַ אונדז אין אַמעריקע געוואָרן אין דער מאָדע, אַז **דערפאָלג**, איז דער סינאָנים פאַר גרויסקייט. ווייסן מיר נישט צי אָט די שיטה איז טאַקע מאַסגעביק; צי מ'קאָן טאַקע אָנווענדן אָט דעם "פילאָסאָפישן" אײַנשטעל ווי אַן אַרשין צו אַלערלײ ווערטן אין אונדזער לעבן.

אונדז דוכט זיך, אַז אָט דער אײַנשטעל אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן איז אַ פאַלשער און ביז־גאָר שעדלעכער. וואָלט עס טאַקע אין דער אמתן אַזוי געווען, וואָלט מען באַדאַרפט אַ היפּש ביסל ווערטן, טאַקע ווערטן, פון גאָר־גרויסן פאָלקישן און אוניווערסאַלן באַדײַט, בראַקירן פון אונדזערע היס־טאָריע־ביכער.

מיר וואָלטן אָט דעם אמת געקאָנט אילוסטרירן מיט אַן אַ שיעור פאַקטן, וואָס וואָלטן צונישט־געמאַכט אָט די פאַלשע שיטה. מיר האָבן עס אָבער ניט בדעה צו טאָן מחמת מיר ווילן ניט באַליידיקן די אינטעליגענץ פונעם לייענער. ס'הערשט אָבער בײַ אונדז פאַרט אַזאַ אײַנשטעל, וואָס צעהוויקערט אין אַ היפּשער מאָס אַ סך פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע סטאַנדאַרטן.

די דאָזיקע מחלה האָט זיך שוין אויך אַרײַנגעריסן אין קרײַזן, וואו מ'איז געווען געוואוינט אַנדערש אויפצופאַסן אונדזערע קולטור־סאָציאַלע ווערטן. מ'הייבט אָן קאַפּיטולירן צו אָט דעם אײַנשטעל. באַזונדערס שעדלעך איז עס דערפאַר, וואָס **דערפאָלג** ווערט אין אַלע פאַלן אידענטיפיצירט מיט **פינאַנציע־לן דערפאָלג**.

די געלט־מאַכערס פון כּלערליי מינים קוקן און באַטראַכטן די ניט־געלט־

מאַכערס ווי שלעפּערס, ווי לאַ־יצלחס, ווי וויסטע קאַליקעס, ר״ל . . . ווי קאָן זיך עפּעס יענער ״קרענק״ גלייכן צו אים, צום ״העלד פון טאָג״ . . . יע־נער מעג טאַקע זיין אַ חכם, אַ למדן, אַ מענטש פון גרויס־וויסן, אָבער ווי באַלד ער איז אַ גרויסער אביון, אַן אַרימאַן, ניט קיין ״פינאַנציעלער דערפאָלג״, איז ער לויט די באַגריפן און השגות פון די ״דערפאָלגיסטן״, אַ גאָרנישט־שבגאָר־נישט, אַ טויגעניכטס, וואָס קאָן ניט אַ קאַץ אַן עק פאַרבינדן . . . וואָלטן מיר דעם ענין באַדאַרפט קאַריקאַטוריסטיש און סאַטיריש אויסלאַכן, איז אָבער די צרה, וואָס אַט די מכה האָט שוין אַנגענומען צו ערנסטע פּראָפּאָרציעס . . .

אמת, לויט די געשיכטע־ביכער ווערט דערפאָלג פון די גרויסע פּער־זענלעכקייטן ניט געמאָסטן לויט אַט די באַגריפן און מאָסן. איז אויב איר וואָגט אָפּפרעגן אַט די שיטה, וואָס האָט זיך ווי אַ וויכער אַריינגעריסן אויך אויף אונדזער געזעלשאַפטלעכער גאַס, געהערט איר שוין צום מין וואָס ווערט מיט ביטול און ציניזם באַטראַכט פון יענע ״אַלצוויסערס״ ווי קוני־לעמלס און שוטהוואַטע יאָלדן־שביאָלדן . . . געלט, מזומן, פינאַנציעלער דערפאָלג, איז געוואָרן די מאָס צו אַלע ווערטן. איז אויב דער עולם זאָל זיך ניט אַביסל אויסטשוכען פון אַט דער אַנשיקעניש און טאַקע איינזען אַז ניט אַלע דער־פאָלגן אין לעבן פון אַ יחיד און פון אַ פאָלק זיינען דער פועל־יוצא פון מאַ־טעריעלע דערפאָלגן, וועט עס טאַקע זיין גאָר ביטער . . .

און מיר האָבן חס־וחלילה גאָרניט אויסצוזעצן קעגן די אַלערליי געלט־מאַכערס. זאָלן זיי עס מאַכן געזונטערהייט. מיר זוכן גאָרניט לייקענען די ראָל פון געלט ווי אַ וויכטיקן, ביז־גאָר וויכטיקן עלעמענט אין אונדזער סאָ־ציאַלן בנין. אַ סך פון די ביז־גאָר וויכטיקע אינסטיטוציעס וואָלטן גאָרניט געקאָנט עקזיסטירן אָן די פּעריאָדישע פינאַנציעל־מאַטעריעלע איינשפּריצונ־גען . . . אַ שלל פון וויכטיקע קולטור־בנינים וואָלטן באַנקראָטירט ווען געוויסע גוטהאַרציקע מעצענאַטן וואָלטן זיי ניט פינאַנסירט. ווייסן מיר אוודאי פון דעם קאָנסטרוקטיוו־פּאָזיטיוון ווערט פון געלט אין אונדזער געזעלשאַפט. וואָס פאַראַ סאָציאַלן פּרצוף־פּנים אונדזער צוקונפט זאָל ניט אָננעמען, וועט אָבער דער געלט־פאַקטאָר נאָך שפּילן אַ גאָר־סטימולירנדיקע ראָל פאַר נאָך פיל יאָרן . . .

אָבער, זאָל זיך ניט שאַפן די פאַלשע אילוזיע, אַז געלט איז טאַקע דער עיקר שבעיקרים אין געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן. די אַנדערע עלעמענטן האָבן אויך עפּעס אַ באַדייט ווי צעמענטירנדיקע פאַקטאָרן אין אונדזער גע־זעלשאַפטלעכקייט . . .

מיט אַ צייט צוריק, בעת ס׳איז דערשינען איינס פון מיינע ביכער, טרעפט מיך אַ באַקאַנטער מיינער און ער גיט מיר אָפּ אַ האַרציקן מזל־טוב צו דער געלעגנהייט פון מיין דערשינענעם בוך. פיל איך זיך גוט און אויפ־געהייטערט פון זיינע וואַרימע ווערטער אין שייכות מיט דער דערשיינונג פון

מיין בוך . . . אבער דער באקאנטער לאזט מיך לאנג ניט פרייען און הנאה האבן פון די הארציקע קאמפּלימענטן זיינע אויף מיין חשבון. באלד שיסט ער אויף מיר מיט זיינע פּראקטישע, תּכליתדיקע קשיות. זייער גוט און וואויל וואס איר האט ארויסגעגעבן אייער פיין בוך; און די גוטע ווערטער פון דעם קריטיקער פלוני בן פלוני זיינען אוודאי גוט און וואויל. אבער זאגט מיר, כ׳בעט אייך, וויפיל ביכער האט איר שוין פארקויפט און וויפיל מזומנים האט אייך שוין דער עסק אריינגעבראכט? . . . און אויב דאס בוך ליגט ווי א שטיין און ברענגט ניט קיין פירסום און ממתּקים — איז וואס איז דא צו רעדן וועגן דערפאלג? . . . וואס פארא דערפאלג איז דאס אויב מ׳קאן עס ניט ציילן אין גרינע פאפירלער? . . . בע . . . האט ער א מאך געטאן מיט דער האנט, ווי דער גאנצער עסק איז אן ענין פאר שוטים און בטלנים . . .

מיינע טענות מכּוח דעם, אז דער יידישער ביכער־מארק איז ניט אזא גלענצנדיקער. אפילו ביי די גויים ווערן אויך ניט אלע ביכער קיין "בעסט־סעלערס". אויב א יידישער מחבר קומט ארויס מיט גאנצע ביינער אין מאַ־טעריעלן זין, איז עס שוין גאר־נישקשה . . . אבער, דער עיקר, האב איך מיין באקאנטן דערקלערט, איז דאך דער צוטראג פון דעם מחבר צום אוצר פון די גייסטיקע ווערטן פון זיין קולטור.

אלע מיינע טענות זיינען געפאלן אויף טויבע אויערן. ער פארשטייט ניט אזוינע "דערפאלגן" וואו דער מחבר ווערט ניט מאטעריעל קאמפּענסירט . . . אלע אייערע "מאראלישע" און "גייסטיקע" דערפאלגן האבן ניט די ווערט קיין שמעק־טאבעק . . . קיין איין זאטן מאלצייט קאנט איר ניט אפּעסן פון אייער "גרויסן דערפאלג", האט דער באקאנטער מיינער פארענדיקט זיין מוסר־דיאלאג . . .

איז פון דעם דאזיקן טיפּ פון "רעאליסטן און בעלי־תּכלית" האבן מיר א סך בזיונות. ס׳הייסט ניט, אז כ׳פרואוו אפּלייקענען זיינע טענות, אז אויך דער שרייבער איז א לעבעדיקער מענטש מיט מענטשלעכע באגערן און אימ־פולסן, און אז פאר זיין מי דארף ער, דער שרייבער, קאמפּענסירט ווערן מיט ארימקייט און הונגער . . .

אבער אזוי איז שוין מן־הסתּם דער גורל פון אלע אידעאליסטן. דער שרייבער־אידעאליסט איז ניט קיין אויסנאם. דער גרויסער רבים־שרייבערס האט זיך קיינמאל ניט אויסגעצייכנט מיט לוקסוס־רייכקייט. ס׳רוב פון זיי האט געלעבט אין ארימקייט און אין דחקות. ס׳איז אוודאי נישט צום באַ־רעכטיקן. אבער, מיטן אמתן שרייבערישן ווארט קאן מען ניט מאכן קיין געשעפטן, ווי מ׳טוט עס מיט אנדערע קרעמערשע ארטיקלען . . . ביים שריי־בער מיטן ריינעם געוויסן איז שרייבן ביי אים ניט קיין אויסגעלערנטע מלאכה נאר אן אינערלעך־מאראלישע נויטווענדיקייט . . . ער שרייבט נישט צוליב

וועלכע ס׳איז מאַטעריעלע דערפּאַלגן. ער שרייבט, ווייל ער מוז; ס׳איז זיין חוב צום שרייבן . . .

איינשטיין האָט איז מזומן איבערגעלאָזט פינף־און־זעכציק טויזנט דאָ־לער, לויט ווי ס׳זיינען אונדז מודיע זיינע יורשים. אַ נישטיקע סומע לויט די באַגריפן פון אונדזערע פינאַנציסטן. אַ קליינער געשעפטסמאַן לאָזט איבער באַדייטנדיקערע געלט־ירושות. איז וועמענס "דערפּאַלגן", אויב ס׳לאָזן זיך מאַכן אַנאַלאָגיעס, וועט די געשיכטע פאַרפיקסירן פאַר די קומענדיקע דורות: די "געלט דערפּאַלגן" פון די געשעפטס־מענטשן, אָדער די "גייסטיקע אויפ־טוען" פון דעם "צעטראָגענעם גאון", איינשטיין? . . . סאָקראַטעס האָט גע־לעבט "אַ הינטיש לעבן" אין מאַטעריעלן זין. ער איז געווען דער צענטער פון גראַטעסקן־חוזק ביי אַ סך "אַרויפגעאַרבעטע" פון זיין צייט. אָבער, מערק־ווירדיק, זיי אַלעמען האָט די געשיכטע פאַרגעסן. אים, דעם "צעדרייטן פי־לאָסאָף" געדענקט מען. אין די טעקסט־ביכער פון די אוניווערסיטעטן פאַר־נעמט זיין נאָמען אַ ביז־גאַר אַנגעזען אָרט, ווי איינער פון די פּיאָנערן, פון די פורעמער פון מענטשלעכן גייסט . . . איז עס ניט פון די איראָנישע קוריאָזן אין דער געשיכטע? . . . ניט אַלץ וואָס ווערט באַטראַכט ווי "גרוים" אין איין תקופה ווערט אויך באַטראַכט ווי "גרוים און דערפּאַלגרייך" אין אַן אַנדער צייט . . . אָבער גייסטיקע, מאָראַלישע דערפּאַלגן האָבן אַ מער פּערמאַנענטן אויסדרויער ווי די אַנדערע "דערפּאַלגן", דאָס איז אַקסיאָמאַטיש.

שוין לאַנג ווי אונדזער פאָלק האָט איינגעזען און באַקעמפט "דעם גאָל־דענעם עגל" ווי אַ דעסטרוקטיוון כוח, ווי אַז אַפּגאָט וואָס איז פאַרפירעריש און קאָן שטערן דעם נאָרמאַלן וואוקס און אויסוואַקס פון מענטשלעכן מין . . . די דיקטאַטור פונעם געלט־מענטשן איז פונקט אַזוי געפערלעך פאַר דער פרייהייט פון יחיד און פון די אַנדערע פרייהייטן אונדזערע, ווי די דיקטאַטורן פון די איבעריקע מענטש־געשאַפענע מיחושן.

איז היט זיך, דעריבער, בן־אדם, אַז דער "גאָלדענער גלאַנץ" זאָל דיר ניט דינען ווי אַ מיראַזש וואָס וועט דיך פאַרצערן אין די גיהנום פייערן . . .

# אינעם גײעג נאָך גליק

מ׳האָט צו מיר טענות: סטייטש,—אויב דיין באַטראַכטן דעם מענטשנס טואונגען, האַנדלונגען ווי באַגרענעצטע; ס׳איז אַ יאָגן זיך נאָכן ווינט, — זיינען דאָך אַזוינע געדאַנקען דער יסוד אויף וועלכן ס׳האַלט זיך דער פּעסי־מיסטישער בנין. דער מענטש איז לימיטירט און זיין צייט איז קורץ, איז צו־ליב וואָס דאַרף ער זיך מיען זיך אונטער דער זון? צוליב וואָס דאָס פּלאַנירן און טראַכטן וועגן אַ מאָרגן? . . .

נו, מיר דוכט אז מיין באַנעם פונעם מענטש איז גראָד דער היפּוך פון פּעסימיזם. מיין באַטראַכט פון מענטש־טואונגען איז אַן אָפּטימיסטישער. דער פּעסימיסטישער דרך האָט צו מיר קיינמאָל ניט אַפּעלירט. איך בין פאַר־ליבט אינעם לעבן, באַוואונדער לעבן, דערפאַר, מיין מוסר צום מענטש הלמאי ער פאַרטאַכלעוועט און פאַרברענט זיינע הייננטס אינעם גיעיג נאָך גשמיות־דיקע דערפאָלגן. כ'העגג ניט אַז צופיל קייטן דעם מענטשן אַז ער זאָל רק אַרומפאַדיען זוכנדיק ערדישע תענוגים. ער קלעטערט אויף די אונטערשטע שטאַפּלען פונעם לייטער זוכנדיק זיין גליק און פאַרזעט די אויבערשטע טרעפּ וואו ער קאָן געניסן דאָס פאַרגעניגן פון אַ שיינעם, פרייען, צעשטראַלט־זוניקן הימל איבער אים . . .

דער מענטש איז אַזוי פאַרטאָן זוכנדיק דעם "בלויען פויגל" פון מאַ־טעריעלן גליק כדי צו זיין פאַרזיכערט מיט אַ באַקוועמען מאָרגן, ניט שענ־קענדיק קיין אויפמערק, אַז דערוויל, אינעם געלויף, צעטרענצלט ער זיינע טעג־און־נעכט ; ער פאַרצערט זיין לעבן אינעם אימפּעטיקן גיעיג נאָך דעם "בלויען פויגל" און וועז ער דערגרייכט שוין דעם עק פונעם פויגל, פון דער־פאָלג, פון גליק — איז ער פיזיש און גייסטיק אימפּאָטענט ; צעבראָכן און אויסגעשעפּט פון אָט דער אוואַנטורע, אַז ס'איז אים שוין פאַרבליבן ווייניק כוחות צו קאָנען געניסן פון זיין "דערגרייכטן" מזל . . .

נאַרישער מענטש, דו האָסט אַזויפיל וואונדערלעכע יאָרן פאַרטאַכלע־וועט יאָגנדיק זיך נאָך מיראַזשן, וואָס דו רופסט גליק, און אַז דו האָסט שוין, ענדלעך נאָך אַזויפיל צייט־פאַרשווענדעניש, דערגרייכט די צויטן פון מאַטע־ריעלן דערפאָלג, געפינסטו זיך שוין אויפן שייד־וועג צווישן די־וועלט און יע־נער וועלט . . . וויפיל צייט איז דיר פאַרבליבן צו געניסן פון די דערוואָרבענע גשמיותדיקע תענוגים, נאַרישער מענטש ? . . . בעת דו ביסט געפאָרן נאָשפּיץ אויפן יאַריד האָסטו קיין צייט ניט געהאַט אַמאָל זיך אוועקצושטעלן אַנטקעגן דעם שפּיגל און מאַכן אַ סך־הכל מיט זיך און זען צי דער שפּיל לוינט זיך . . . שפּעטער האָסטו זיך אַרומגעזען אַז דו שטייסט אַ נאַקעט־באַנקראָטירטער און דער לץ שטעלט דיר אַרויס אַ צונג . . . איז דערפאַר פאַרטראַכט זיך, בן־אָדם, פאַרשווענד ניט דיין צייט יאָגנדיק זיך נאָך שימערירנדיקע צאַצקעס . . .

## וואונדער אין אייער אייגענעם הויף . . .

וועז ס'כאַפּט זיך איין אייך אַמאָל אַריין דער וואַנדער־לוסט ; וועז דאָס ניט־זעבאַרע שד"ל לאָזט אייך ניט רוען, רעדט צו אייך אומפאַרשטענדלעכע רייד, טרייבט אייך אין דרויסן, הייסט אייך פּאַקן און זען די וועלט ; פאָרן איבער ימען און ווייטע קאָנטינענטן, ווען דער טוריסט אין אייך רייסט שטי־

קער. דאָס אוואַנטוריסטישע בלוט אין אייערע אָדערן לויפט האַסטיקער. אייער אינטעלעקטועלער נייגער לאָקט נאָך נייע ניט־אַנטדעקטע פענאָמענאַלע נאַטור־און־מענטש וואונדער . . .

זייט איר דאָך אָבער אַ גאָט־געשטראָפטער אביון, אַ קבצן אין זיבן פּאַלעס, און איר קאָנט זיך ניט דערלויבן דעם טייערן ביסן, דעם לוקסוס פון אַרומרייזן די וועלט ווי ס'טוען עם לייטישע מענטשן . . . איז פּאַלגט מיך: ווען דער טאָג איז אַ זוניקער, דער הימל אַ בלויער און די טעמפּעראַטור איז ניט צו קאַלט און ניט צו היים — זעצט זיך ניט אַריין אין אייער ווייכער פּאַטעל־שטול אין דער הייסער, פּאַרע־באַהייצטער שטוב, כאַפּט זיך אַרויס אין דרויסן. לאָזט זיך שפּאַצירן אויף אַ שטח פון אַ צוואַנציק דרייסיק גאַסן אין אייער געגנט און איר וועט אַנטדעקן וואונדער פון וועלכע איר האָט פריער גאָרניט געוואוסט. איר באַדאַרפט נאָר באַזיצן פיס וואָס זאָלן אייך דינען. אַ חוש פאַר אָבזערוואַציע און אויערן פאַר קלאַנגען וואָס וועלן פאַר אייך אויפשפּילן די שענסטע סימפאַניעס . . .

אָט האָב איך זיך אַנומעלטן אין אַ שיינעם יאַנואַר טאָג, ווען כ'ביז געווען פריי פון מיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון וועלכער כ'צי מיינע באַשיידענע עקאָנאָמישע הצטרכותן, אַוועקגעלאָזט אויף אַזאַ שפּאַציר אין מיין געגנט אין צפונדיקן טייל פון בראָנקס, און וואָס זאָל איך אייך זאָגן: ס'האָט זיך מיט אַלעמאָל געדוכט אַז כ'קאָן מיין געגנט. בטבע בין איך ניט קיין שטובזיצער. כ'האָב ליב דעם שיינעם דרויסן. כ'האָב ליב צו באַטראַכטן דיביימער און פּלאַנצן אין די אַרומיקע גאַסן. כ'האָב ליב צו שמועסן מיט מענטשן און שכנים פון מיין געגנט. אַ סך חכמה הערסטו אין זייערע פּשוטע רייד. דו באַנעמסט און האָסט אַז אַפּן אויער פאַר זייערע גרויסע און קליינע פּראָבלעמען. די קינדער פון דיין געגנט רופן ביי דיר אַרויס אינטערעס און נייגער. ווילסט אין זייער קינדערשן פּלאַפּל דערגייען אַ סך באַשיידן פון קאָנפליקטן מיט וועלכע ס'ראַנגלען זיך די דערוואַקסענע . . . ווען דיין אויער כאַפּט אויף אַ דיאַלאָג צווישן יוגנטלעכע וועגן יידישע ענינים; ווען דו דערהערסט אַמאָל, טאָקע זייער זעלטן, אַ קלאַנג פון אונדזער טייערן יידיש־לשון ווערט דיר אַזוי זיס אויף דער נשמה . . . און דאָך, זיינען נאָך פאַראַן אַ סך וואונדער און קוריאָזן וואָס כ'האָב נאָך ניט אַנטדעקט אין מיין אַרום . . .

אויף דעם לעצטן שפּאַציר אין מיין שכנהשאַפט אויף אַ צוויי, דריי מייליקן שטח צווישן בוירק און פּעלהעם פּאַרקוויי — האָב איך ממש אַנטדעקט נייע וואונדער פון וועלכע כ'האָב גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט. כאָטש, מיר האָט זיך געדוכט, אַז כ'קאָן מיינע אַרומיקע גאַסן . . . קודם כל האָב איך די געגנט גאָרניט דערקאַנט. די גאַסן, די הייזער, די מענטשן האָבן זיך שטאַרק געענדערט. אין דער גאַנצער געגנט ווערן איצט אויסגעבויט נייע פּרעכטיקע היימען. די סטילן פון דער אַרכיטעקטור זיינען פאַרשיידנאַרטיק.

איר האט דא קלאסישן און מאדערנעם סטיל. ס'זיינען דא פאראן שיינע היימען פון האלץ. און מער לוקסעריעזע געבויט פון שטיין און ציגל. ס'רוב פון די הייזער, וואס קוקן אויס ווי אויספאנטאזירטע פאלאצן, זיינען געבויט פריי און באקוועם, ארומגערינגלט מיט גערטנדלעך און ביימער. כאטש די ביימער שטייען איצט נאקעטע, זיינען זיי געווען באפעלקערט מיט א סך פייגל וואס ווינטערן דא און ס'האט זיך דערטראגן צו מיינע אויערן אזא צוויסטשעריי און געפילדער וואס הייטערט אייך אויף אין א ניט צו ווארעמען טאג . . . די ברוינע סילועטן פון די ביימער האבן צוגעטראגן א סך קאלאריט צום גאנצן ארום. דא־און־דארט זעט איר אויך קליינע סטאטועטקעס פון וואסער־פאנטאנען, פיגורן פון קינדער "נודס"; פון ליכטיק־רויטע פלאמינגאס מיט לאנגע פיס און לאנגע, גראציעזע העלדזער וואס שטרעקן זיך מיט זייערע שנאבלען צו דער ערד . . . די קליינע אפגעצאמטע שטיקלעך ערד וואס דינען דא אין די זומערן צו פלאנצן גרינצייג און בלומען האבן איצט געגרינט מיט גראז. דער ניו־יארקער ווינטער איז דערווייל ניט געווען קיין צו קאלטער, דערפאר איז דאס גראז דא נאך גרין און זאפטיק . . . לעבן א שנייווייסער, נידעריק־געבויטער הויז אין קאלאניאלן סטיל, ארומגערינגלט מיט נידעריקע נאדל־ביימלעך, וועלכע זיינען ממש געווען באלאגערט מיט פייגל פון גאר א סך מינים (אן אמאטאר־ארניטאלאג וואלט דא מן־הסתם אנטדעקט א סך טשיקאוועקייטן און חידושים פון זיין פייגל־וועלטל). אין הויף פון הויז האב איך באמערקט א טויבן־שלאק און אויפן דעכל פון טויבן־שלאק איז געשטאנען א יינגל און מיט א ווייסן־פענדל געטריבן די טויבן וועלכע האבן ארומגעקרייזט גראציעזן אונטערן בלויען הימל. אויף א זייטיק דעכל האבן זיך די "ערן" געטוליעט צו די "זיען" . . . אויף א באביימטער גאס וואו ס'געפינט זיך דער שפיל־פלאץ פון דער שול פון דעם געגנט האט זיך געטראגן א געליארעם און א געטומל פון די ווייסע חברהניקעס וואס זיינען געווען שטארק פארנומען אין אלערליי ספארט־שפילן . . . געפעלט מיר שטארק אט די פרייהייט וואס קליינוואַרג האט דא. הלוואי, זאל עס נאר אנהאלטן פאר א סך, א סך יארן . . . פון אזא ניט־געצאמטער פרייהייט וועלן ארויסוואקסן געזונטע, נארמאלע דורות . . . דענקען א סך גוטע מענטשן אז אט די אומבאגרעניצטע פרייהייט דערפירט אונדזער יוגנט צו א סך הפקרותן . . . זאגן מיר צו אט די גוט־מיינענדיקע מענטשן: שרעקט אייך ניט. האט צוטרוי צו דער מאראלישקייט פון דעם אמעריקאנער יוגנטלעכן . . . הלוואי, אויף אנדערע פעלקער געזאגט געווארן, וואלט אונדזער וועלטל מן־הסתם געווען א בעסער און שענער וועלטל צו לעבן און גערייען . . .

אז דו שפאצירסט אזוי אויף די ברייטע, רחבותדיקע גאסן און באטראכסט די אלערליי וואונדער פון רעגנבויגן פארבן — האסטו פאר זיך א קלאר בילד, פון דער רייכקייט. פון דער שפע און זאטקייט פון דעם סאציאל־

עקאנאמישן לעבן אין אמעריקע. כ'ווייס ניט צי אט דער קוואר־שניט פון אונ־דזער סאציאלן לעבן איז כאראקטעריסטיש פארן אלגעמיינעם מצב פון אונ־דזער ווירטשאפטלעכן וואויל אין לאנד. כ'בין ניט קיין סאציאלאג אדער עקאנאמישער עקספערט. כ'ווייס אבער אז אין אט דעם ווינקל זיינען ניט באַ־זעצט גאלע גבירים. איר באגעגנט דא פאבריק־ארבעטער, ביורא־פארוואל־טער, אנגעשטעלטע אין פארשיידענע צווייגן פון דער שטאט־רעגירונג, פאר־מאציסטן, קליינע פאבריקאנטן, דאקטוירים און כלערליי קליינע קרעמער. אלע עלעמענטן וואס זיינען מיט זיך ניט כולל די גביראקראטיע, די קארפן־קעפ פון אונדזער גרויס־קאפיטאליסטישן סיסטעם . . . איר וועט מן־הסתם אויך ניט דארפן ארומגיין מיט ליכט צו געפינען אייניקע קבצנים אין מיין געגנט . . . ס'איז מן־הסתם פאראן א היפשע צאל פון זיי — אבער זייער ארעמקייט סטארטשעט ניט ארוים מיט די כאראקטעריסטישע סימנים ווי ביי זיינען געוואוינט עס צו אבזערווירן אין אנדערע טיילן פון דער וועלט . . . מיט אלע חסרונות און פגימות אין אונדזער סאציאלן געבוי האבן מיר זיך דא מיט גארניט צו שעמען מיט אונדזער סאציאלן־שטאנד אנטקעגן די סא־ציאלע סיסטעמען און סטאנדארטן אין אנדערע ווינקלען פון אונדזער ערד־קוגל . . . הלוואי, אויף אונדזער ישראל געזאגט געווארן אזא שפע און זאטקייט. וואלטן זיך אונדזערע פירער ניט באדארפט מאראליש דיסקרעדי־טירן פאר דער עפנטלעכקייט פון דער וועלט, און זיך זעצן ביי איין טיש מיט די נעכטיקע שעכטער און אומברענגער פון זעקס מיליאן פון אונדזער פאלק...

און ניט נאר די שפע פון עקאנאמיק זעט איר דא. די שיינע, ברייטע, גרוי־אספאלטירטע בולווארן און עוועניוס; דער אפקלייב און געמיש פון די סטילן אין דער ארכיטעקטור, די באלייגטע דעכער מיט רויטע קאכלע־שינדלען, די וועראנדעס פון רעגנבויגיקע קאלירן, די באלקאנען פון פארשיידענעם גרויס און הויך; די ביימער און פלאנצן פון אלערליי מינים — זיינען באַרייכונגען פון אונדזער עסטעטישער קולטור. זיי זיינען א סטימול, אז אפפריש פאר דער נשמה פון דעם שיין־גייסט פאר דעם מענטש פון גייסטיקע ווערטן . . .

ווי אינספירינדיק און אנרעגנדיק איז אזא שפאציר איינער אליין. דו ווארפסט פון זיך אראפ א סך פערזענלעכע קאפ־ווייטיקן וואס האלטן דיין געדאנק געפענטעט אונטער זיבן־שלעסער . . . ס'ווערט דיר אזוי גוט אויפן הארצן און דער מוח ווערט אזוי לופטיק־פריי . . . נאך אזא לאנגן שפאציר קומסטו צוריק אין הויז א גייסטיק־דערפרישטער ווי דו וואלסט זיך נאר וואס אויסגעבאדן אין א קוואלנדיקן טייכל ערגעץ אין די קעטסקיל בערג . . . א סך פראבלעמען וואס זיינען דיר געווען פריער פארנעפלט און אומקלאר זיינען איצט אזוי קלאר ווי די קלארקייט פון זוניקן טאג . . .

אט שטיי איך דא פאר א קליין שטעלכל וואו ס'לויפן ארום היגער און ווייסע קאטשקעס. דידאזיקע שטוביקע געפליגל זיינען פארנומען מיט איין

עניז — ווי אַלע אַנדערע עסקים פון זייער אַרום וואַלט פאַר זיי גאָרניט עקזיסטירט. אפשר האָבן זיי זייערע הינערשע פּראָבלעמען — אָבער איך, בן־אדם, בין אין מיין מענטשישער באַגרענעצטקייט ניט בקי גענוג צו באַנעמען זייערע ענינים. אָבער אַפּטיש, זע איך אַז אײן צענטראַלער ענין באַשעפטיקט זיי איצט. מ׳יאָגט זיך, מ׳רייסט זיך ביי די רויטע קאַמען צו פּיקן און געפּי־נען וואס מער שפּייז, וואס מער קערנער. עפּעס האָבן זיי אַזאַ גוואַלטיקן אַפּעטיט, אַז רק מ׳גייט אַרום מיט די קורצע שנאָבלען צו דער ערד און מ׳פּיקט אַלץ וואס ס׳קומט אונטערן מויל . . . לויט דער נאַטור זיינען זיי געשטראָפט מיט דער פּלאָג פון קאַניבאַליזם. ס׳פעלט זיי דער שׂכל, די דערפינדערישקייט פון אַ סך אַנדערע בעלי־חיים. איז שוין פאַרן מענטש בעסער אַז זייער דאָליע איז אַזאַ ווי זי איז, אויב ניט — ווער קאָן וויסן מיט וואס פאַראַ אַנדערע צרות און פּלאָגן אונדזער וועלטל וואָלט באַרייכערט געוואָרן . . . אַזוי האָבן מיר כאָטש הנאה פון געבראָטענע הינדלעך, (פאַרשטייט זיך אַז אונדזערע וועגעטאַריער האָבן גרויס צער דערפון) ביי אַלערליי באַנקעטן און מאָלצייטן. ס׳איז באמת אַ גענוס פאַרן אויג זיי צו באַטראַכטן ווי זיי פּיקן קערנער און קריכן זיך איינער אין דעם אַנדערנס פעדערדיקע טשופּרינעס — און באַלד שטייט מען ווי פאַרחידושטע פילאָסאָפן און מ׳קוקט אין הימל אַריין . . .

דאָ און דאָרט זע איך אויך ווי ווייסע מעוועס מיט אויסגעשפּרייטע פליגל קרייזן אונטער אַ בלויען הימל אין דער ריכטונג צו דער פעלזעם בעי בוכטע, וואו זיי האַלטן זיך אויף איבער די ווינטערדיקע חדשים אין די דאָרטי־קע זומפּן און אַזיערעס וואו זיי געפינען זייער קאָרמע פאַר קיום און המשך...

די זון אויפן מעריב פאַרגייט אַ צונטער רויטע, און איך לאָז זיך אויפן וועג אַהיים מיט ענערגישע טריט און מיט אַ זמרל אויף די ליפּן. פיזיש אפשר אַביסל מיד, אָבער גייסטיק — אַ דערפרישטער. מ׳דאַרף ניט זוכן וואונדער אויף ווייטע קאָנטינענטן און אין פרעמדע לענדער, ביפרט פאַר אַ מענטש וואס קאָן זיך ניט דערלויבן דעם לוקסוס און האָט ניט די צייט דערפאַר. ס׳קאָן אַ סך ניט־אַנטדעקטע וואונדער געפינען אין אייגענעם געגנט, אין אייגענעם הויף . . . מ׳דאַרף זיך נאָר ניט פוילן און איר וועט אַנטדעקן פּערל; וואונדער אין דער געגנט ניט ווייט פון אייער שטוב . . .

1956

# טאַטע

טאַטע מיינער, אין פינצטערן קבר איז מיט דיר אוועק, אַ דור אַ גאַנצער. ביזסט געווען אַ קינד פון געזונטן שטאַם — פון פּויליש־יידישער ערד. גע־בוירן און דערצויגן, אין דעם פּרעכטיקן אַלט־יידישן שטעטל גלאָווינע, —

האסטו ניט נאר אין שטעטלשע חדרים געלערנט, נאר די שיינע גלאָוונער לאַנדשאַפט האָט אויך איר חותם געלייגט אויף דיין נשמה.

אין מינוטן פון שלווה, ווען כ׳האָב אין דיין געמיט עפּעס אַ פונק אויפ־געבלאָזן וועגן דיינע יוגנט־טעג, האָסטו, מיט אַזויפיל נאָסטאַלגישער בענק־שאַפט, פאַר מיר אַנטפּלעקט און אויפגעוויקלט דיין ספר־היחוס. האָסט זיך געגרויסט מיט די שיינע, ליכטיקע זיידעס פון דיין שטאַם . . .

האָסט מיר אויך דערציילט: — וועגן די שטילע טייכן וואָס האָבן שטעטל ארומגעגאַרטלט; וועגן די רחבותדיקע גאָרטן־סעדער וואָס האָבן זיך אין די זומערן געצויגן ווי נאַכט־מאַטילן צו פייער — — — און דאָס וואונדערלעכע סאָסנע־וועלדל! . . . די גאָלדענע זאַנגען אויף פעלדער; די רויטע מאָן־קעפּ־לעך . . . — —

ס׳האָבן זיך דיר טרערן געשטעלט אין די אויגן בעת דו האָסט דיין "איך" פאַר מיר אַנטבלויזט אין יענע רואיקע מינוטן, פון שטילן בין־השמשות . . . קיין סך פון די דאָזיקע מינוטן פון רו און שלווה האָסטו אין דיין לעבן ניט געהאַט. נאָך פאַר בר־מצווה הייבט זיך אָן דיין שווער־פּראַצעדיקער וועג פון שניידער־געזעלן . . . האָסט ליב באַקומען דעם זשום פון נאָדל איבער געוואַנט, — כאָטש די מלאכה האָט דיר טרוקן ברויט קוים געגעבן . . .

אַ סך שווערע טעג האָסטו געהאַט אין דיין לעבן, כאָטש זעלטן האָב איך געהערט דיך באַקלאָגן, אַפילו ווען אויפן פּייער־אויוון נאָר טעפּ וואַסער האָבן זיך געקאָכט כדי צו פאַרדעקן אָרעמקייט פאַר פרעמדע און אייגענע . . .

אין גאָר שווערע מאָמענטן, ווען טויט איז אין שטוב אָפּטער גאַסט גע־ווען — ביי דיר די נאָענטסטע אַוועקגעריסן — האָבן זיך ווערטער פון צאָרן געריסן פון דיין מויל, קעגן וועלט פון אומרעכט! . . . אויך ווען היטלער רוצח האָט ווי מלאך המות מיט קאָסע אין האַנט פאַרשניטן גאַנצע עדות יידן, האָבן זיך ביי דיר אַרויסגעריסן קללות קעגן גוישער ממשלה וואָס שווייגט ווען וועלט זינקט אין טומאה! . . .

זינט יענע גרויל־טעג, האָט זיך זעלטן אַ שמייכל אויף דיין פּנים באַוויזן. כ׳האָט דיר געזוכט טרייסטן. אַ ייד טאָר אין עצבות ניט אַריינפאַלן! . . . די וועלט איז נאָך ניט הפקר — ס׳וועט קומען יום־הדין פאַר רשעים . . . האָסטו מיט שטילן צער געשאָקלט דעם קאָפּ . . . ווי, ווי, אַפילו יידן באַ־נעמען ניט אַז וועלט איז געוואָרן איין גרויס שעכט־הויז! . . .

יאָ, מיר האָבן געזען אַז זינט יענע חורבן־טעג האָסטו גענומען טיף ליידן; האָסט דיין צעפּייניקטן געמיט ניט געקאָנט פאַר אונדז פאַרבאָרגן . . . דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די אומשולדיקע, די פאַרגאַזטע און פאַרברענטע יידן האָט זיך טיף אַריינגעקאָרבט אין דיין געביין! . . . ס׳איז ניט געווען אַנשטעל, מ׳האָט עס דערקענט אין דיינע אויגן וואָס האָבן זיך טיפער אַריינ־געררוקט אין דיין קאָפּ־שאַרבן . . .

ביזסט ניט געווען קיין שרייער אויף ירידן. האסט שטיל געלעבט — און שטיל געשטארבן... דיין ירושה — איז ניט באשטאנען פון מאיאנטקעס. האסט אבער ארייגעפליישט אין מיין געביין, טאטע, פיעטעט, חשיבות, פאר גאלדענער יידישער קייט. איך, דיין יורש, וואס דיין בלוט ריזלט אין מיינע אדערן, האב דעם אראפגעלאזענעם האמער אויפגעהייבן, צו שמידן ווייטער די גאלדענע רינגען פון גרויסער אבותדיקער קייט...

און גרינען וועט זאפטיקע יידיש־ערד וואס דו האסט זארגפעליק, פאר־טערדיק געאקערט און געפלאנצט... דיין פארזיי האט געשלאגן קערנער...

כ'באוויין דיין גופיקן פארגאנג, טאטע, אבער דיין נשמהדיקייט זיצט טיף אין מיין גאנצן מהות... כ'וועל זיך שטארק מיען, דיין באשיידענע גייסטיקע ירושה ניט צעבייטן אויף גראשנדיקע קלינגערס וואס לאקערן חוצפהדיק, אויף אלע מענטש־יארידן און געמארקן...

## זאל פאלן א טרער

גאוההדיק פארריסן גייט דער מענטש, כאטש אין קאסמישער אייביקייט איז דאך זיין באטרעף אזוי מילביק־נישטיק; א שטויבל וואס קרייזט ארום אין אין־סוף... מענטש, דו גרויסט זיך מיט דיינע חכמות, מיט דיינע קענטעניש, אבער ווי נאריש־אומבאהאלפן דו קוקסט אוים אין דער רעאליטעט פון טויט... זוכסט באשיידן, תשובות פאר די נאענט־אייגענע וואס טויט האט אזוי אכ־זריותדיק ארויסגעריסן א גליד פון זייער שטאם, שטייסטו אבער מיט פאר־גלאצטע, פארגולמדיקע אויגן אין אומבאהאלפענער שטאמלעניש... פלאפלסט רייד אומפארשטענדלעכע; זוכסט, נישטערסט אין דיין מוח ווער־טער, מליצות וואס זאלן זיין אדעקוואט פארן טראגישן מאמענט פון יציאת־הנשמה — אבער ארעם, אביונדיק איז דיין ווערטער־אוצר...

ברודער מיינער, כ'בין געזעסן נאענט צו דיין בעט אין גרוים אנגסטן; געפרואווט דיך טרייסטן, זאלבן דיין נשמה מיט פוסטע, גארניט־זאגנדיקע ווערטער — כאטש כ'האב געוואוסט, אז דיינע שעהן אויף אונדזער ערדישער וועלט זיינען געציילטע... די דאקטוירים־ספעציאליסטן וואס האבן דיך גע־שטאפט מיט כלערליי מעדיצינישע־פרעפאראטן האבן געמאכט דעם אנשטעל פון אליז־ווייסער און האבן אפילו די נאענט־אייגענע באוויזן בארואיקן מיט אפטימיסטישע טראפנס, אז ס'איז נאך מעגלעך, ס'קען נאך געשען, אז דו זאלסט בלייבן צווישן די לעבעדיקע — אבער דער גרויסער נס איז ניט גע־שען...

די דאקטוירים־ספעציאליסטן וואס האבן מיט רגעם פריער פארזיכערט אז ס'איז נאך פאראן א מעגלעכקייט, זיינען געבליבן שטיין פאר אונדז גע־פלעפטע און מיט אראפגעלאזטע קעפ... אין זייער קענטעניש, אין זייער

גרויסקייט זיינען זיי נאָך אַלץ אומוויסנדיק און קינדיש־אומבאַהאָלפן ווען ס'האַנדלט זיך וועגן דער גרויסער מיסטעריע וואָס הייסט :—לעבן און טויט...

ברודער מיינער, ביז די לעצטע רגעס פון דיין יונג־איבערגעריסן לעבן ביסטו געבליבן ביים פולן באַוואוסטזיין ; ביסט געבליבן גרויסער בעל־ביטחון כל־זמן האָסט נאָך באַוויזן באַוועגן דיינע ליפן און שטיל אַרויסשעפּטשען ווער־טער־בעטנדיקע נאָך הילף . . . האָסט זיך שטאַרק געראַנגלט מיטן מלאך־המוות, זיך געקלאַמערט אין לעבן . . . האָסט אַזוי געוואָלט לעבן . . . האָסט דאָך מיר מיט טעג פריער אַנפאַרטרויט וועגן אַזוי פיל פּלענער וואָס דו האָסט נאָך בדעה צו רעאַליזירן אין דיין לעבן . . . דו און טויט זיינען עפּעס ניט גע־ווען קיין גלייכע פּאָר. דו, מיט דעם שטענדיקן שמייכל אויף דיין פּנים, מיט דיין יינגליש־שטיפערישן וויץ אין מויל, האָסטו דעם גרויזאַמען טויט ניט גע־קאָנט מנצח זיין . . . יאָ, אַזוי איז די איראָניע פון לעבן. דו, וואָס האָסט גע־האַט אַזוי פיל דראַנג און ווילן צום לעבן, האָט דער גורל דיך אַרויסגעריסן אַזוי יונג, אַזוי יונג . . . גיי האָב טענות און פרעג קשיות . . .

אמת, ברודער מיינער, דיין לעבן איז געווען אַ שווער לעבן, אַ זייער פּיינ־פול לעבן, כאָטש דער שמייכל איז קיינמאָל ניט אַראָפּ פון דיין פּנים . . . דער גורל האָט דיך דיינע פירצענדליק יאָר אויף אונדזער ערד באַשווערט מיט איובדיקע פּלאָגן און צרות. פאַרוואָס, פאַרוואָס, אָ, גאָט ? ! . . . נאָך ווען דו האָסט געזויגן דער מאַמעס מילך, ווען האָסט קוים באַוויזן אַרויסצושטאַמלען דאָס וואָרט — מאַמע, איז דיין מאַמע איינגעזאַמלט געוואָרן אין דער וועלט פון די אבות און ביסט געבליבן אַ יתום, ווען דו האָסט אפילו ניט באַוויזן צו פאַרשטיין דעם באַדייט פונעם וואָרט. און אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון דיין לעבן, אָ, גאָט, אָ, גאָט, מיט וויפיל צרות זיי זיינען געווען באַשאָנקען . . . די צוויי זין וואָס האָסט אויף דער וועלט געבראַכט, צוויי יונגע ביימער, פון ווע־מען דו האָסט אַזוי פיל דערוואַרט — איז דער טויט געקומען אַזוי פּריציייטיק און דיך פון זיי אַוועקגעריסן. האָסט זיי איבערגעלאָזט אַליין מיט אַ שווער־קראַנקער מאַמען . . . (אויך זי ליגט שוין איצט לעבן דיר . . . ) מיט אַזוי ווייניק, מיט אַזוי ווייניק נחת און מזל האָט דיך דאָס לעבן קאָמפּענסירט, אָבער ביסט ניט געוואָרן פאַרביטערט, ציניש, נאָר פאַרקערט, דו ביסט געווען די פּשטות, די באַשיידנקייט אַליין . . . מן־הסתם געווען אַזוי דיין דאָליע, ברודער מיינער . . . געפינען וועסטו שוין רו און מנוחה אויפן עולם האמת. זאָל דיר די ערד ניט זיין שווער, ברודער מיינער . . . זאָל פאַלן אַ טרער אויף דיין יונג־פאַרשניטן לעבן.

„. . . געווען איז געווען אַ מענטש און זע — ער איז שוין נישטאָ. דאָס געזאַנג פון זיין לעבן איז איבערגעהאַקט געוואָרן אין מיטן . . .״ (פון ביאַליקס אַ ליד).

1960

# דאָס זילבער טייכל

ס׳קומט דער פרילינג און עפּעס אַ יום־טובדיקע שטימונג באַהערשט דיין גאַנצן וועזן. אין פרילינג פאַלט אויך אויס אונדזער אַלט־אַלטער פּסח. פּאַרט זיך אונדזער גוטער, ליבער פרייהייט יום־טוב מיט דעם אויפשפּראָץ, מיט דעם אויפלעב פון דער נאַטור . . .

פרייהייט פון ייד־מענטש און אַנטשפּאַנונג פון פּראָסטיקער, פּאַרגליווערטער נאַטור — אַ צווילינג פון גאָטס גענאָד . . .

פרילינג דערמאָנט אונדז אויך אין פאַרגאַזטע, פאַרברענטע יידן פון היטלער רציחה; ס׳דערמאָנט אויך אין גבורה־אויפשטאַנד פון ״וואַרשעווער געטאָ״ . . .

כ׳ווייס, אַז היינטיקע פּאָעטן שרייבן און רעאַגירן אַנדערש איבער אונדזער אייביקן פרילינג־מאָטיוו. עפּעס זיינען זייערע לידער אַזוי שטייף־פאַרקנעפּלטע, טרוקן־רעאַליסטישע. זיי פאַרמאָגן דעם דינאַמיזם פון אונדזער אַטאָמישער עפּאָכע. זיי זיינען לויטער אינטעלעקט. לויטער ביינעדיקער מוח און ראַציאָ. זיי פעלט דער גוטער, אַלטינקער זאַפט פון אַמאָליקן ראָמאַנטיזם פון אַ בייראָן, פון אַ שעלי, פון אַ היינע, פון אַ ביאַליק, פון אַ רייזען, אויב איר ווילט . . .

סענטימענטאַליזם איז אַרכאַאיש; אַלטמאָדישער קוואַטש פון ווייטע דורות — שרייען אונדזערע מאָדערניסטן . . . כ׳ווייס, כ׳ווייס מ׳וועט לאַכן אין די פויסטן פון מיינע רייד. מ׳וועט טענהן ס׳איז נאָסטאַלגישע בענקשאַפט. ס׳יינגל אין מיר האָט גענומען פּלוידערן רייד אַז לאַגישן צוזאַמענהאַנג. אונטער דער קאָוואַדלע פון קריטישן אַנאַליז צעפאַלן דיינע ראָמאַנטישע פּלוידערייען ווי אַ קאָרטן־שטיבל . . . ס׳איז שטימונג, געפיל, לויטער עמאָציע . . . כ׳דאַרף דעם אַלטן וויין צוזאַמען מיט די לאָגלען בראַקירן — ליאַרעמען די פוטוריסטן, די אַנטיטראַדיציאָנאַליסטן . . .

ווילן מיר ניט זאָגן, אַז דער מאָדערניזם שפּיגלט ניט אָפּ דעם מענטש פון היינט מיט זיינע טויזנט און איינס פּראָבלעמען; קאָנפליקטן און ווידעראַנאַנדן וואָס ס׳רעפּרעזענטירט מיט זיך אונדזער קאָמפּליצירט־קאַליידאָסקאָפּישע געזעלשאַפט.

און דאָך — דאָך וועל איך שוין מן־הסתם אַזוי פאַרענדיקן מיין ביסל יאָרן וואָס איז מיר נאָך באַשערט, אַלס דער אומקורירבאַרער סענטימענטאַליסט. ס׳איז מן־הסתם אין מיין בלוט. די צייט האָט מיך פאַרהאַרטעוועט — אָבער דעם סענטימענטאַליזם פון מיין כאַראַקטער האָט אונדזער אינדוסטראַליזירט, קאָמערציאַליזירטער שטאָט ניט פאַרווישט . . .

ווען כ׳זע דאָס פונאַנדערפּענען פון קנאָספּן אויף באַרג־און־פעלד ביים אָנהייב פרילינג — נעמט דאָס בלוט ריזלען אין מיינע אָדערן מיט אַזאַ האָס־

טיקן טעמפּאָ, ווי כ׳וואָלט אריינגעפאַלן אין עפּעס אַ פּיבער חס וחלילה . . .
ווען כ׳הער דעם קופּער־ברוסטיקן ראָבין צעטרילערן זיך אין אַ רויט־צעצענ־
דענעם זון־פאַרגאַנג ; ווען דאָס אויג זעטיקט זיך אָן מיט אַ ראָז־צעבליטן
מאַגנאָליע־בוים לעבן מיין פענסטער — צעשפּילט זיך מיין יינגלשאַפט אין
מיר ווי בלעזלדיקער שאַמפּאַניער . . . ווען כ׳הער וואָרקען פון טויבן אין אַ
דערבייאיקן פּאַרק־געֶרטנדל צעזינגט זיך דער ראָמאַנטיקער אין מיר, ווי דער
פוקס־שפּערלינג וואָס ראַיעט זיך איצט צווישן די גראָזן און ערשטע שפּראָצן
פון יונגן פרילינג . . . בכלל, ווען כ׳שפּאַציר זיך איצט דורך אין אָפענעם פעלד
און צווישן די ביימער־אַלייען וואָס די מאַמע־נאַטור הייבט זיי אָן באַפּוצן מיט
רעגנבויגן פאַרבן גייסטו מיט האַסטיקן טראָט פון אַ יונגן לאַשיק און מיט
געזאַנג אויף די ליפּן . . .

איז אייגנטלעך האָב איך זיך אַזוי סענטימענטאַל צערעדט צוליב דעם
זילבער־טייכל וואָס ליגט אַזוי רחבותדיק צעלייגט אין מיין שטאָט־גאָרטן.

כ׳האָב הנאה פון ים. כ׳האָב ליב דעם שטורעם־טאַנץ פון די כוואַליעס
וואָס שלאָגן זיך אָן ביי די פעלדז־ברעגעס און צעשפּריצן זיך אין אַ ווייס־
שוימיקן שניי . . . ס׳איז אָן אמתער עונג פאַר דיין געמיט. אָבער דער ים איז
עפּעס אַזוי גרויס, אַזוי מעכטיק — ווי דער גאַנצער אוניווערז, ווי די מענטש־
הייט . . .

אין ים גיסן זיך אריין אַלע טייכן און אָזערעס ; שטראָמען און וואַסער־
אָדערלעך ציען זיך אַלע צום ים . . . מיט איינצל־מענטש קאָנסטו זיין נאָענט,
אינטים, גומברודעריש ; צעקנעפּלסט דיין האַרץ און נשמה — אָבער, עפּעס
אַן אייזערנער קאַרסעט האַלט געקלאַמערט דיין גוף בעת דו טראַכסט פון
מאַסע, פון מענטשהייט . . . ס׳ווייעט עפּעס מיט פּראָסטיקער קאַלטקייט, ווי
צו ווייט, ווייטע קרובים. ס׳איז ניטאָ יענע בלוט־נאָענטקייט וואָס ס׳צעעפענען
זיך ביי דיר די שליוזן פון אינטימקייט, פון צוטרוי . . . קענסט ניט זיין אַזוי
פריי ; זיך אָנטבלויזן אין דיין פולער נאַקעטקייט צום גרויסן רבים, ווי דו
טוסט עס צו נאָענט־אייגענעם יחיד . . . ס׳פאַרשווינדט די אָפּיציעלקייט.
ס׳פאַרשווינדן אַלע קינסטלער־אויפגעשטעלטע צוימען און צאַמען . . . דו
ביסט פער דו . . .

ביסט ר״ל ניט קיין מיזאַנטראָפּ, האָסט ליב מענטשן. האָסט ליב די
מענטשהייט. האָסט אויך ליב דעם ברויזנדיקן ים מיט זיין שטורעמדיקן ברום.
ס׳איז אָבער אַן אַנדער ליבע. ס׳איז אַן אינטעלעקטועלע ליבע, אַ שכלדיקע.
דו פילסט דעם פאַרלוסט ווען ס׳שטאַרבט עפּעס אַ צופעליק־באַקאַנטער
דיינער . . . אָבער אַנדערש איז דיין צער ווען דו פאַרלירסט אַ נאָענט־אייגע־
נעם פון דיין משפּחה . . . אַ שיינע פרוי וואָס דו זעסט צופעליק פאַרבייגיין
אויף דיין גאַס, רופט ביי דיר אַרויס אַן עסטעטישן געפיל, ווי דער איינדרוק
פון אַ פּרעכטיק־צעבליטע בלום. ס׳איז אָבער ניט די זעלביקע באַציאונג,

דער אייגענער געפיל, באַגער — וואָס דו האָסט צו דיין געליבטער; צו דיין האַרץ־אויסדערוויילטער . . .

דאָס זילבער־טייכל וואָס האָט זיך איצט צעזונגען מיט שיר־השירימדיקן געזאַנג פון יונג־פרילינג — האָט צעצונדן אין דיר יוגנט־חלומות; האָט אויפֿגעשלאָגן אין דיין געמיט אַזאַ נאַגנדיקע בענקשאַפט פון פאַרגאַנגענע יאָרן . . . ס'פירט דיך צוריק צו די אייביק־גרינע קינדער־יאָרן, ווען דו האָסט מיט אַ חברה חדר־יינגלעך זיך אַוועקגעלאָזט צום טייכל הינטערן בית־מדרש און אַ באָרוויסער זיך געבראָדיעט אין די פלאַכע, זומפּיק־זאַמדיקע וואַסערן צו כאַפּן גאָלדענע פישלעך וואָס זיינען דאָרטן אַזוי גראַציעז אַרומגעשוואָומען . . . די גאָלדענע פישלעך האָבן זיך דיר אַלע מאָל אַרויסגעגליטשט פון צווישן די פינגער . . . נאָך אַזאַ טאָג־אַוואַנטורע ביסטו אַהיים געקומען מיט צעבלוטיקטע פיס און מיט וואונדן אויף דיין קערפּער . . .

אָבער ווי ליב דו האָסט געהאַט דאָס טייכל. ס'האָט דאָך דיר געגעבן אַזוי פיל פאַרגעניגן אין דיינע יינגלשע יאָרן . . . האָסט אויך אַ סך שעהן פאַרבראַכט אין שליסאַרסקים גאָרטן וואו דו האָסט אין הייסע זומער־טעג פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קליידער און זיי באַהאַלטן צווישן די געדיכטע קוסטעס און הויכע קאַשטן־ביימער, און זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם קוואַלעדיקן, זוןפאַרפלייצטן טייכל . . . ווי וואויל איז דיר געווען דאָס וואַסערל וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט דעם שיינעם אָרום . . . אַפילו דער בלויער הימל איז עפּעס געוואָרן שענער אין דעם טייך־שפּיגל . . .

אין דיר דאָס טייכל ביז צום היינטיקן טאָג, געבליבן אַזוי ליב און איינגעבאַקן אין האַרצן. און בעת, כ'זיץ איצט ביים בראָנקסער טייכל און זע ווי אין זיין שפּיגל טובלט זיך דער שטאָלצער דעמב; דער מייפּל וואָס זיין קרוין איז איצט צעפלאַמט אין זון־פאַרגאַנג און די ווייס־פּוכיקע וואָלקנדלעך פליעסקען זיך אין זיין אינגעווייד . . . און באַלד וועט די לבנה זיך זילבערן אויף זיין דרעמלדיק־פאַרטייעטן אויבערפלאַך — איז דאָך גיט קיין וואונדער — וואָס דאָס טייכל סוגעסטירט אַזאַ אינטימקייט, אַזאַ צעפּראַלן די שליוזן פון דיין אינעווייניקסטן געמיט . . .

קאָנסט דען זיין אַזוי אינטים־אייגן מיטן שטורעמדיקן ים ווי מיט דעם פאַרטייעט־דרעמלדיקן טייכל אין וועלכן דו הערסט דעם שטילן שאָרך און געפּליסטער פון אַ ווייסער קאַטשקע אין אַ זומערדיקן בין־השמשות? און צי באַגרייפסטו בן־אָדם דעם האַרץ־פּלאָטער און די רעגנדיקע נשמה־מחשבות וואָס דאָס טייכל רופט ביי דיר אַרויס אין סודותדיקע נעכט בעת אויף זיין שפּיגל־פלאַך שווימט אַרום אַ זילבער לבנה? . . .

# ווערבעס...

צווישן מיינע באַליבטע ביימער פון וועלכע כ'האָב שטאַרק הנאה, געפינען זיך די שלאַנק־צאַרטע ווערבעס, כאָטש זיי אַסאָציאירן זיך אין דיינע מחשבות מיט אומקום, מיט פאַרגאַנג־שטימונגען . . . זיי שטייען עפּעס ביי די טייכן אַזוינע שטיל־טרויערדיקע, צאַרט־איידעלע, געהילט אין העל־גרינעם טול מיט דין־דינע אַראָפּהענגענדיקע שטענגל־צווייגן ווי וואַקסענע ליכט־קאַנדעלאַבערס אין טעמפּלען פון תפילה און געבעט . . .

אַט זיץ איך אויף אַ מאַרמאָר־שטיינערנער באַנק אין מיין באַליבטן בראָנקסער באָטאַנישן גאָרטן. דער פרימאָרגן איז אַ זוניקער, כאָטש איבער דער זון הענגט אַ לייכטער נעפּל־וואָאַל וואָס ציט זיך צום הימלגעוועלב פון די ערדישע פאָרן וואָס צעשפּאַרן זיך מיט זייער יונגן פרילינג־זאַפט וואָס ריזלט און קאָכט אין זייער אינגעוויד . . .

ניט ווייט פון מיין שטיינערנער באַנק, וואו כ'זיץ איצט און פאַרצייכן אַט די נאָטיצן, זע איך דעם שמאָלן וואַסער־פּאַס; דאָס בראָנקסער טייכל וואָס זיין פרילינג געזאַנג פאַרנעמט איצט מיינע אויערן, וואָס שנורעוועט און שלענגלט זיך אין אַלערליי משונהדיק־פאַרדרייטע ליניעס וואָס די נאַטור אַליין האָט אויפגעבראָכן, און לעבן דעם טייכל אין קלומבן הייבן זיך אַרויס עטלעכע ווערבעס . . . אַט דידאָזיקע ביימער האָבן, ווייזט אויס, אַ נאַטירלעכע נייגונג צו פייכטן קלימאַט, דעריבער וואַקסן זיי און געדייען נאָר אין זומפּיק־נאַסע געגנטן . . .

אין דעם אַביסל פויל־נעפּלדיקן פרימאָרגן צייכענען די ווערבעס סילועטן אין דעם דערבייאיקן שוואַרץ־בלאָטיקן טייכל און אין זייער אָפּשפּיגל זעען זיי אויס ווי נאָנעס אין שוואַרצע טאָגעס מיט שוואַרץ־אַראָפּהענגענדיקע, באַמבל־דיקע צלמים אויף זייערע אַליוור־טונקעלע העלדזער . . . צווישן די ערשטע ביימער וואָס די פרילינג־זון צעעפנט זייערע קנאָספּן געפינען זיך די וויינענדיקע ווערבעס . . . זיי פאַרמאָגן צאַרט־קליינינקע בלעטלעך וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס אַרויסגעשיילט ווי פוכיקע הינדעלעך פון זייערע אייער־שאָלן אין אַ אומ־בער־קאָליר . . . זיי זיינען צווישן די ערשטע ביימער וואָס דו באַמערקסט אין דער באַביימערטער שכנהשאַפט וואָס גרינט־און־גאָלדיקט זיך אַרויס אין דעם נאָך יונגן פרילינג . . . זייערע דין־שלאַנקע צווייגלעך וויגן און הוידען זיך אין דעם שפּילעוודיק לייכטן ווינטל, מיט אַ זייד־סאַמעטענעם געשאָרך . . .

אין אונדזער יידיש־וועלטל האָבן די ווערבעס עפּעס אַ גאָר חשובן באַדייט. אין סוכות ווערן די ווערבע־צווייגלעך אַריינגעפלאָכטן אין לולב און מיר שלאָגן אויך הושענות מיט אַט די דינינקע ריטערלעך . . . און דער תהילים־דיכטער זינגט אויפן חורבן ירושלים — "ביי די טייכן פון בבל, דאָרטן זיינען מיר געזעסן און געוויינט, אַז מיר האָבן זיך דערמאָנט אַן ציון. אויף די

ווערבעס וואָס אויף זיי האָבן מיר אויפגעהאַנגען אונדזערע האַרפן; וואָרום דאָרטן האָבן אונדזערע פאַנגער פאַרלאַנגט פון אונדז ווערטער פון געזאַנג, און אונדזערע פּייניקער, פריילעכקייט: זינגט אונדז פון דעם געזאַנג פון ציון. ווי זאָלן מיר זינגען דאָס געזאַנג פון גאָט אויף פרעמדער ערד? . . .״ (תהילים קלז — יידיש פון יהואש).

אויף אַ דערבייאיקער באַנק זיצט אַן אַלט פּאָרפּאָלק און וואָרעמט זיך אין די ניט צו וואַרעמע, פּוילע זון־שטראַלן, און ווי ס׳איז מיין איינדרוק: רופן די געל־גאָלדיקע ווערבעס ביי זיי אַרויס געדאַנקען פון אומעט און בית־עולם שלווה . . . אפשר — זיינען עס גאָר מיינע אייגענע געדאַנקען — מחשבות וואָס ראַיען זיך איצט ביי מיר אין מוח ווי בינען אַרום אַ נעקטאַר בלום. ס׳קאָן גאָר זיין אַז זיי באַטראַכטן מיט הונגעריקן נייגער די עטלעכע וואָרקענדיקע טויבן וואָס האָבן דאָ צופעליק פאַרבלאָנדזשעט אין אָט דעם שטילן אָרום ביים ברעג פון בראַנקסער טייכל . . . אפשר באַטראַכטן זיי גאָר ווי מיין קליינער שלמהלע זיצט דאָ לעבן מיר און איז שטאַרק פאַרנומען אין קינדערשן שפּיל מיט שטיינדלעך און אַלערליי צווייגעלעך וואָס ער האָט צו־נויפגעטראָגן און זינגט זיך אונטער אַ פּאָפּולער לידל וואָס ער האָט אויפגע־כאַפּט אויף זיין באַליבטן טעלעוויזיע־פּראָגראַם . . . מיין יינגלס פאַרנומענ־קייט פונעם שפּיל רופט מן־הסתם אַרויס נאָסטאַלגישע בענקשאַפט פון אַ ווייטן ״אַמאָל איז געווען״ ביים אַלטן פּאָרפּאָלק, וואָס זיצט דאָ ניט ווייט.

די שלאַנק־צאַרטע ווערבע פאַרמאָגט אַ ביז־גאָר אינטערעסאַנטן יחוס־עצמו; איז אַ ביז־גאָר חשובער גליד אין דער ביימער־משפּחה אין אונדזער וואַלד־און־פעלד און גאָר באַזונדער ביי די ברעגן פון טייכן און אָזיערעס.

״אין ווייטן רוישט אַ נאָדל וואַלד, עס שאַלט אַ פויגל ליד,
די ווערבע הויקערט זיך אין בענקעניש און פּיין,
אַ שוואַרצער טרויער ווייט פון דיין געמיט,
דו איינזאַמע, פאַרוויינטע ווערבע מיין . . .״ — חיים גראַדע

יאָ, דאָס צאַרטע ביימל שלאָגט אויף אין דיין נשמה געדאַנקען, רעיונות איבער וועלכע מ׳מעג זיך אַמאָל פאַרטראַכטן אין אַ טריבן פרילינג פריי־מאָרגן . . .

## מאַגנאָליעס

צווישן מיינע באַליבטע ביימער זיינען די טרויער־ווערבעס מיט די אָראַפּהענגענדיקע צווייגן־הענט וואָס וויגן זיך ריטמיש ווי אַ פּענדעלום ווען אַ שטיפעריש פרילינג־ווינטל באַרירט זייערע זיידענע ריטערלעך. דער רויט־צע־שטראַלטער קליאָן אין גאָלדענעם האַרבסט איז קעניגלעך אין זיין אויסזען. און דער אַריסטאָקראַט, דער יוסטער באַלעבאָס, דער דעמב, וואָס גרויסט זיך מיט

זיין גבורה, איז אוודאי ניט צו פאַרזען צווישן דער ביימער־מישפּחה. אויך דער ווייס־צעבליטער עפּל־בוים אין שפּעטן פרילינג האָט גאָר אַ סך חן.

אָבער פון אַ גאָר באַזונדער מאַיעסטעטישקייט איז דער נידעריק־צעבלי־טער מאַגנאַליע־בוים. גאָר שיין איז ער אין שקיעה־צייט, ווען די רויט־צע־פלאַמטע פּאַסן ליכט וואַרפן זייער שיין אויף די גלאַקן־פאָרמיקע רויזן צוויטן.

דער אַרום איז פאַרפומירט. אַ וועלדל פון מאַגנאַליעס אין קלומבן פון זילבער־גרויען קאָליר. זייערע געדיכטע טשופּרינעס באַדעקט מיט שניי־ווייס, העל־ראָז, טונקל־ראָז און קאַרמען־רויטע רויזן וואָס הענגען ווי איבערגעדרייטע בעכערס. אין זייער פולער צעבליטקייט האָבן זיי דעם אויסזען פון כלות אונ־טער חופּות אין ווייסן בראָקאַד. זיי טראָגן צו אַזויפיל קאָלאָריט צום יונגן פרילינג און דו פאַרגעסט אַז ניט ווייט פון אָט דעם פּרעכטיקן מאַגנאַליע־וועלדל יאָגן זיך אויטאָמאָבילן אויף די אַספאַלטירטע וועגן און לאָזן איבער סמיקע ריחות . . .

# אַ שפּאַציר אויף וואָל־סטריט

דער הימל אַ גרויער. אַ פאַרכמאַרעטער. די לופט אַ פייכטע, אַ שווערע. דאָ, צווישן די הימלקראַצערס וואָס שטעכן ממש דורך די וואָלקנס מיט זייערע טורעם־שפּיצן, איז די לופט נאָך געדיכטער, נאָך שטיקיקער . . .

די נעפּל־שלייערן וואָס דערלאָזן ניט די זון־שטראַלן דורכדרינגען, הענגען דאָ, צווישן די ענגע, שמאָלע גאַסן פון וואָל־סטריט, ווי אַש־גרויע פּליושענע פאָרהאַנגען . . .

דער גרויער דרויסן ווירקט עפּעס אויף דיין געמיט. ס׳באַמבלען זיך איצט אין דיין מוח אַלערליי מעלאַנכאָלישע טרויער־מחשבות, כאָטש דו גע־פינסט זיך אינעם סאַמע האַרץ פון וועלט־פינאַנץ ; אין דעם ווינקל פון גרויס־קאַמערץ . . . דאָ, צווישן די געשלענגלטע, שמאָלע גאַסן, מיט הויכע געביידעס וואָס טורעמען צום הימל, ווערן פאַרזיגלט טראַנזאַקציעס וואָס וועלן אפשר דעצידירן וועלט־געשעענישן ; וואָס וועלן ענדערן דעם לעבנסגאַנג פון גאָר אַ סך יחידים . . .

גייסטו דאָך דאָ אַרום, עפּעס אַזוי אומעטיק ; אין האַרצן נאָגט אַ טרויער, און אפשר האָט דער גרוי־גרויער הימל איבער דיר גורם געווען אָט דעם גע־מיט־צושטאַנד ? . . .

איז אַזוי שפּאַצירנדיק, שטעל איך זיך אויף אַ ווייל אָפּ ביי דער אַלט־היסטאָרישער פעדעראַלער געביידע, וואו וואַשינגטאָן איז איינגעשוואוירן געוואָרן אַלס דער ערשטער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן . . . באַ־טראַכטנדיק אָט דעם גרויען בנין, מיט די דיקע, רונדע מאַרמאַר־קאָלאָנעס אין

אַלטן קאָלאָניאַלן סטיל, — לויפֿן דיר דורך איז מוח געדאַנקען וועגן היינטיקע טעג . . . די צײַט האָט זיכער געענדערט די אַרומיקע לאַנדשאַפֿט. ס'עגבערט דיך איצט דער געדאַנק, אַז דער פֿונדאַמענט פֿון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, וואָ סאיז דאָ געלייגט געוואָרן אין די צײַטן פֿון וואַשינגטאָן, הייבט זיך עפּעס אָן טרייסלען . . . אָבער פֿאַרטרײַבסט אָט די נאָגנדיקע מחשבות, ביסט זיכער, האָסט ביטחון, אַז די פֿילאָסאָפֿיע פֿון דעמאָקראַטיע, וואָס אַמעריקע האָט אַקצעפּטירט פֿון אירע אָבות וועט מנצח זײַן דאָס מאָמענטאַנע, דאָס צײַטווײַליקע . . .

פֿאַרלאָז איך דעם אָפּגעבליאַקעוועטן בנין און כ'לאָז זיך גיין אין דער ריכטונג פֿון דעם דורות־אַלטן, היסטאָרישן בית־עלמין וואָס געפֿינט זיך דאָ פֿאַרשטעקט און פֿאַררוקט צווישן די ווענט פֿון די טורעמדיקע וואָלקנקראַצערס . . . כ'שפּאַציר דורך די עטלעכע שמאָלע אַלייען פֿונעם קליינעם בית־עולם, וואו ס'האַלטן זיך נאָך אויף אַלטע, אָפּגעריבענע מצבות, מאָנומענטן, וואָס די צײַטן האָבן שוין פֿאַרווישט אַ סך אותיות פֿון זייער קרישלדיקן אויבערפֿלאַך . . . די שטורעמס פֿון שווערע ווינטערס; די היצן און רעגנס פֿון די זומערן, האָבן איבערגעלאָזט זייערע סימנים אויף די שטיינערנע דענקמאָלן . . . זיי דערציילן פֿון אַ סך שלעכטע געוויטערס, כאָטש די נאַטור האָט זיי ניט געקאָנט אינגאַנצן פֿאַרווישן; און גוטע הענט, פֿון גוטע מענטשן, האָבן זיי אויפֿגעהיט פֿאַר אונדזערע טעג . . . אויף אַ סך פֿון אָט די שטיינער זעען זיך קוים אָן שאָטנס, סילועטן פֿון אויסגעהאַקטע, אויסגעקריצטע אותיות . . .

נאָענט צום אַרײַנגאַנג־פֿאָרקן לעבן דער אין גאָטישן סטיל אַלט־היסטאָרישער טריניטי קירך, פֿאַלט מײַן אויג אויף אַ מצבה, — כאָטש שוין רעמאָנטירט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, — וואָס דערציילט אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע פֿון אַ קאָלירפֿול לעבן. ס'ווערט דערציילט וועגן אַ דרוקער וואָס איז דאָרטן באַהאַלטן אין דעם בויך פֿון דער ערד. אין צימצומדיקע, געציילטע שורות ווערט איבערגעגעבן די ביאָגראַפֿיע פֿון אַ מענטשן . . . ס'ווערט דערציילט: אַז אָט דער מענטש וואָס ליגט דאָ באַהאַלטן, איז געקומען צו די ברעגעס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון דער אַלטער וועלט. געקומען פֿול מיט האָפֿענונגען, שטרעבונגען, חלומות וועגן אַ נייער, פֿרייער וועלט . . . געלעבט דאָ פֿופֿציק יאָר און פֿון אָט די יאָרן ס'רוב זיי אינגאַנצן געווידמעט זײַן באַרוף אין דעם ניי־אַדאָפּטירטן לאַנד. געשטאָרבן זאַט אין יאָרן. שוין געווען אַ זקן פֿון צוויי־און־נײַנציק יאָר . . . דוכט זיך, אַ דערפֿאָלגרייך לעבן — און דאָך — דאָך, פֿאַרלאָזט ער אונדזער וועלטל מיט אַ קוהלתדיקן זאָג: — געדענק, מענטש, ווער דו ביסט! . . . און געדענק דעם סוף פֿון אַלע סופֿן . . . גרייט זיך, מענטש, צו באַגעגענען גאָט אין דער נייער וועלט פֿון אַלע אייביקייטן . . . געשטרעבט, געחלומט, געבענקט — און גאָר אַ סך דערגרייכט.

וועק פון דער וועלט זאָט אין יאָרן — און דאָר לייענען מיר אין זיין צוואה: געדענק, מענטש, דעם סוף פון אַלע סופן... און אַז אַלץ איז נישטיק שבנישטיק!...

אָפּגעריבענע, אָפּגעמעקטע, פאַרווישטע ווערטער אויף כמעט איינגעפאַלענע און האַלב־איינגעפאַלענע מצבות וואָס דערציילן פון פאַרגאַנגענע לעבנס, וואָס זייער געביין פוילט אין די ערדישע זאַמדן. דו לייענסט אַראָפּ פון די אָפּגעריבענע טאַוולען די גלאָריע, די ניצחונות, די מפּלות פון פאַרגאַנגענע דורות...

די האַלב שווינדזיכטיקע ביימלעך וואָס וואַרצלען דאָ, באַקליידט זיי איצט דער פרילינג פון יונג־פרישע, זאַפטיק־גרינע בלעטער און פייגל בויען ווידער אויף זיי זייערע נעסטן. אויף די ראַנדן פון מצבות הערסטו דאָס וואָרקען פון טויבן. דאָס שפּילן זיך די ערן־און־זיען אין דעם אייביק־אייביקן ליבעשפּיל... אויף די בעכערדיקע טולפּאַנען און צווישן די געלע פּוך־בלימעלעך פאַרנעם איך דעם זשום פון דער בין וואָס איז פאַרנומען זוכנדיק האָניק־נעקטאַר...

אַ מאָדנער פּאַראַדאָקס: — דאָ, צווישן מאַרמאָר־שטיינער, וואָס די האַלב־פאַרווישטע אותיות דערציילן פון פאַרגאַנגענע דורות, בויען פייגל זייערע נעסטן און טויבן ערן זוכן געפעלן די זיען... און אויף נידעריקשטיינערנע בענק טולען זיך יונג־פאַרליבטע פּאָרלעך און טראַכטן פון שיינע, ליכטיקע טעג און תאווהדיקע נעכט...

מאַי 1959

# גאָלדענע קעפּלעך...

כ'האָב נאָר־וואָס דורכגעבראַדיעט אַ פּרעכטיקע גרינע לאָנקע, וואָס איז פאַר מיר געלעגן אויסגעשפּרייט ווי אַ פּלושענער טעפּיך.

דאָס פעלד פון טונקל־גריז, דורכגעשטרייפט מיט אַן אַ שיעור גאָלדענע קעפּלעך... דאָס האָבן זיך איצט די געל־גאָלדענע זון־בלימלעך אַזוי רחבותדיק צעלייגט. ס'איז איצט די צייט פון חודש מאַי; דער אַזוי פּאַעטיש־באַזונגענער מאַי!... פון כלערליי מינים בלומען; פון פאַרשיידנאַרטיקע פאַרבן און אַראָמאַטן וואָס פאַרכאַפּן דיין אויגן און נאָז... דו שטייסט אַ געפּלעפטער און באַוואונדערסט דעם מאַגישן טעפּיך, וואָס דער מאַי צעוויקלט איצט פאַר דיינע אויגן ווי די בלענדנדיקע סטענגעס אין די הענט פון אַ קונצן־מאַכער...

שפּאַציר איך אַזוי אַ פאַרטראַכטער אויף אַט דעם אָפּגעלייגטן ווינקל

וואו דער טומל, דער האַרמידער פון שטאָט האָט דאָ ניט קיין שליטה. כ׳דערנעענטער זיך צו אַ נידעריק בערגל, אַרומגערינגלט מיט אייניקע אולם־ביימער, וואָס שפּרייטן אויס זייערע צווייגן־הענט ווי אַ גיגאַנטישער רעגנשירעם, און דינט ווי אַ קילער־שאָטן צו באַשיצן אַ מידן וואַנדערער אין אַ הייסן יולי־טאָג... פון צווישן די איבערגעוואַקסענע גראָזן און גראַציעז־חנעוודיקע בלויע־וויאַלעט בלימלעך, הייבט זיך אויף אַ מחנה פון איבערגעשראָקענע ״סטאַרלינגס״ מיט אַ געפּילדער און געשווישטשעריי . . . דאָס האָבן זיי זיך מן־הסתם דערשראָקן פאַר דעם אומדערוואַרטן גאַסט, וואָס איז פּלוצים אויסגעוואַקסן, ווי פון דער ערד אַרויס . . . זיינען זיי אַלע זיך צעפלויגן אויף די צווייגן פון די דערבייאיקע ביימער, און זייטיק, ווי ניט טרויענדיק, געוואָרפן בליקן אויף דעם אומגעריכטן פאַרבייגייער און נערוועז־ציטערדיק געטרייסלט מיט די עקן . . .

ווען כ׳האָב זיך דערווייטערט, אַפּגעגאַנגען עטלעכע שפּאַן, האָב איך שטיל, כדי זיי זאָלן ניט כאַפּן מיין בליק, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אָנגעשפּיזט די אויגן אויף זיי, — און תיכף האָבן די פייגל איינציקווייז און צו פּאָרן צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט צווישן די טיפע גראָזן און נאַרציזן, וואָס זיינען שוין געשטאַנען מיט געבויגענע געל־פּאַרוויאַנעטע קעפּ . . .

אין דעם וואַסערל, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט, צוליב די פּליוכעדיקע רעגנס וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אייניקע טעג, שפּיגלט זיך אַ טיף־בלויער הימל, בלענדירט מיט וואָלקנדלעך וואָס האָבן דעם אויסזען פון ווייס־גרויע שעפּסן . . . — און אַ ים פון געל־גאָלדענע קעפּלעך מיט הויך־הויכע ביימער, וואָס שפּרייטן זייערע צווייגן־הענט ווי אַ הון אירע מאַמעדיקע פליגל . . .

זינגט פאַר אונדז אויס אַט דאָס אור־בראשיתדיקע ווינקל־אינדזעלע וואָס ליגט דאָ אַ פאַרחלומטס, אַ געזאַנג וואָס גיסט זיך איבער אין דיין נשמהדיקן געמיט, ווי דער האָניק־זאַפט אין אַ רויט־פלאַמיקן מייפל . . .

## פרילינג אין באָטאַנישן גאָרטן

דער רויט־געקריינדלטער קאַרדינאַל אויף אַ צווייגל וויגט זיך, זינגט שירה־ליד צום בורא פון וועלטן, דעם אָנקום פון פרילינג באַגריסן . . .

אין דער טיף פון מיין נשמה ראַנגלען זיך געפילן, שטימונגען פון קדושים מאַטיוון וואָס דערציילן פון קראַמף־ווייען; פון כאַרכלדיק געוויין פון עופהלעך אומשולדיקע אין צעפייניקטע הענט פון מאַמעס . . .

ניט ווייט פון דאַנען הערט זיך פליסטערדיקער געמורמל פון אַ לויפנדיקן טייכל און דער טראַ־טראַ פון שנעל־צוגיקע באַן־רעדער . . . אַן אַלטער פּייסאַזש פאַר פּאַעטן־מאָלער. אָבער דער גרויסער צער פון פאַרגאַזטע יידן שטערט געוואָנס פון בראשיתדיקן אָרום . . .

דער קופּער־ברוסטיקער ראַביִן טענצלט אויף גרינעם גראָז־טעפּיך און האַלצפּיק שפּיזלט זיין נעסט אויף אַלטן דעמב . . . — — —

אַ גסיסה־געשריי פון אַ שטאַרבנדיקן ייִד שניידט זיך אַריין, ווי בליץ, אין מיינע נאַטור מעדיטאַציעס. קאַרשן־צווייט טראָגט זיך צו נאַזלעכער. בלוי־געלע פּענזיס, ווי מיידלשע בריסט, רייסן זיך צו זון . . . — — — —

דער שמע ישראל פון ייִד וואָס גייט צו תּליה מיט פאַרבלוטיקטע אויגן און געביילטער נקמה־האַנט איז אין מיר אויסגעוואַקסן צו מאָנסטער גע־שטאַלט . . . ביימער, בלומען, פייגל — אַלץ דרייט זיך אין ווילדן קאַראַהאָד... כ'זע רויט־בלוטיקע פעלדער און שוואַרצע קראָען רייסן שטיקער פון צע־קרומטע פיגורן . . .

לאַנג, לאַנג וועט נאָך נעמען ביז ייִדיש־ליד וועט זיך באַפרייען פון חורבן קאַשמאַרן און אַ ייִדישע נשמה וועט קאָנען געניסן פון אַן אויסגעשטערנטן הימל און זילבערנעם בליאַסק פון לבנהדיקער נאַכט . . . ס'ראַנגלט זיך אין מיר: דער ליבהאָבער פון פאַלק און דער באַוואונדערער פון בין־השמשות, ווען זון פאַרגייט אין צונטער רויט . . . כ'קאָן ניט זינגען וועגן בעכערדיקע טולפּאַנען ווי ס'טוט דיכטער פון אַנדער שטאַם . . . ס'מישן זיך קאָלירן פון וויאָלעט, גרין, געל מיט רויט. ביימער־שטאַמען נעמען זיך אָרום מיט קנאָכן, ביינער, גלידער פון מיינע לידער־ברידער . . . ווען אויגן באַטראַכטן וואונדער פון נאַטור, טויכט אויף אויסטערליש געשטאַלט פון זעקס מיליאָן פיגור ! . . .

# אין פרילינגדיקן געמיט

נעכטן שפּאַצירט אין בראָנקסער באָטאַנישן גאָרטן. כ'האָב באַמערקט צווישן די ערשטע שפּראָצן פון גאָלדענעם פרילינג, די קראָקאָס־בלימעלעך, וואָס וואַקסן נידעריק צו דער ערד און פאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייערע בלוי־ווייסע וויאָלעט קאָלירן.

דער קליאָן טראָגט אויף זיין קרוין דעם קופּער־רויטן צווייט מאַיעסטעט־טיש. אויף די נידעריקע בעז־קוסטן הייבן זיך אָן די קנאָספּן צעוויקלען. אויף גרינער לאַנקע לאָזט זיך שוין מערקן דאָס געלע קעפּל פון די פּוד־בלימעלעך וואָס גיט צו אַזויפיל חנעוודיקייט צום אָנהייב פרילינג פון גרין־און־גאָלד . . .

דער קופּער־ברוסטיקער ראַביִן איז ווידער דאָ צוריק פון זיין ווינטער־דיקן אויפהאַלט אין וואַרעמען דרום. ער טענצלט גרויסהאַלטעריש אויף גרי־נער לאָן און שפּיזלט זיין שנאַבל אין שוואַרץ־ערד צו געפינען דאָרט זיין ווע־רימל וואָס שפּייזט אים און זיין קליינוואַרג וואָס ער וואַרעמט איצט אויס אויף אַ דערבייאיקן ביימל. זיין אָנוועזנקייט גיט צו קאָלאַרירט צום צעשמאָלצענעם גאָלד פון צעשטראַלטן פרילינג טאָג . . .

דער מענטש פילט זיך אזוי יום־טובדיק אין דער אַנוועזנקייט פון די פייגל וואָס קומען צופליען פון זייערע ווינטערדיקע וואַנדערונגען אין די וואַרעמע מקומות . . . וואַכעדיק און גרוי איז דאָס פעלד און דער וואַלד אַן די פליענדיקע קונדסים. מיר פילן אויפגעהייטערט און דערפרישט, ווי נאָכן אויסטרינקען אַ באָקאַל אַלט־שפּרודלדיקן וויין, ווען מיר הערן ווידער די מתיקותדיקע זמירות ניגונים פון אונדזערע פייגל אויף די ביימער־צווייגן . . .

בכלל זיינען די טעג פון אַנהייב־פרילינג, ווען די נאַטור אַנטפּלעקט זיך צו אונדז אין איר בליאַסק־און־בלענד פון מולטי־קאָלירן, פרייליכע יום־טובדיקע. זי ביסט דער עדות פון נאַטורס יצירה; האָסט אַ מעגלעכקייט צו אַבסערווירן די וואונדער ווען אַ גרין־קעפּל שפּאַרט זיך פון ערד־שפּאַלט צו זון, צו לעבן . . .

דער פּרימאָרגן אין פּאַרק איז איצט פול מיט כאָראַלן געזאַנג פון דעם פייגל־געפלי און געסוויטשער . . . הלוואי וואָלט דער פּאַריאַגטער, פּאַרשמאַיעטער מענטש פון גרויס־שטאָטיש לעבן, זיך גענומען צייט פאַר לאַנגע שפּאַצירן אין דיזאַזיקע טעג און זיך טאַקע באַקענט מיט די וואונדער און חידושים פון גאָטס־וועלטל און זיין גרוי־וואָכעדיק לעבן וואָלט געגאַסן פון אַ סך פריידיקע רגעס . . .

## אַ פּרימאָרגן אַזאַ . . .

אַ שיינער, זוניקער פּרימאָרגן. די טעמפּעראַטור אַרום 55 פּאַרנהייט. אַ לייכט, מילד ווינטל בלאָזט פון מערב און צעוויגט דיר די פּאַלעם פונעם אויבערמאַנטל.

דער רויטער־קליאָן אין זיין איצטיקן ציגל־קאָליר שטייט אַ צעצונדענער אין דער פּרימאָרגן זון. פון די אַנדערע מייפּלס וואָס געפינען זיך דאָ אינעם בראָנקס־באָטאַנישן גאָרטן, האָבן זיך די בלעטער נאָר־וואָס צעראָלט, אַרויסגעוויקלט פון די קנאָספּן, האָבן זיי דעם אויסזען פון יונגינקע, פוכיקע הינדלער, וואָס זיינען נאָר־וואָס אַרויסגעקראָכן פון זייערע אייער־שאָלן . . . פון וויטנס זע איך עטלעכע צעבליטע מאַגנאָליעס מיט גרויסע, ווייס־ראָזעווע בעכערדיקע בלומען, וואָס זיינען באמת אַ גענוס פאַר דיין אויג . . . די אַלייע מיט נידעריקע בעז־ביימלעך, וואָס זיינען איצט אין פולן צעבלי, זיינען אַן עונג פאַר דיין נשמה־געמיט, באַזונדערס אין אונדזערע טעג, ווען די ראַדיאָ־הילכערס צעטראָגן אַלערליי ליאַרעמדיקע שלעכטע נייעסן, — עס איז אָבער אָנגענעם איצט דאָ צו שפּאַצירן צווישן אָט די פּרעכטיקע נאַטור־שיינקייטן . . .

אויף מיין וועג וואָס פירט מיך צום מאשולאָ פּאַרק, זע איך נאָך עטלעכע קוסטן פון גאָלדענעם פאָרסיטיאַ, וואָס דער צווייט הייבט שוין אָן אָראָפּפאַלן. דאָ און דאָרטן אויף דעם גרין־פליושענעם טעפּיך, וואַרפן זיך דיר אין די אויגן די צאַרטע וויאָלעטן־בלימלעך וואָס זיינען איצט מלא־חן . . . צווישן געל-

פאַרוויאַנעטע בלעטער, וואָס וואַלגערן זיך נאָך דאָ אַרום פון האַרבסטיקן אײַ־בערבלײַב, שפּאַרן זיך אַרויס ווײַסע קעפּלעך מיט לילאָווע אויגלעך. דאָס זײַנען די באַרימטע, פערלדיקע, העפּאַטיקאַ־בלימעלעך, וואָס זײַנען אַזוי באַליבט די נאַטור־באַוואונדערער אין די טעג פון אַפּריל . . . אויף מײַן איצטיקן שפּאַציר האָב איך אויך געפונען די טראַוט־ליליע, וואָס הענגט אַראָפּ אויף אַ לענגלעכן שטענגל ווי אַ גאָלד־גלעקל . . . אַ פּערל צווישן די פעלד־בלימעלעך אין חודש אַפּריל. אַז אַכטער אַפּפריש פאַר דעם יעניקן, וואָס האָט ליב אָב־סערווירן די וואונדער פון אַ פרילינג־לאַנדשאַפט צווישן אונדזערע פעלדער און וועלדער . . .

אַ גאָלד־ברוסטיקער זי־ראַבין פליט אין אַ האָלבן־קרײַז צום נאָענטן, דאַגוואָוד־ביימל מיט עטלעכע שטרויעלעך אין איר שנאָבל, אויסצובויען זיך דאָרטן אַ נעסט, וואו זי וועט אין די נאָענטסטע טעג און וואָכן אויסהאָדעווען אַ נײַעם דור פון איר מין . . . אויף אַ הויכן דעמבאָוון בוים, וואָס שטייט נאָך כּימעט אַ נאַקעטער; פון זײַן קנאָספּן־בלי האָט זיך נאָך ניט אַרויסגעשיילט דער לענגלעך־געקאַרבטער בלאָט, האָב איך באַמערקט אַ זינג־שפּערל, פאַר־ריסן מיטן פּוכיקן קעפּל צום העל־צעשטראַלטן הימל, און זײַן ליד פון ליבע צעוויגט די לופט אין גאַנצן אַרום . . .

אַזוי שפּאַצירנדיק אין אָט דעם פרעכטיקן פרימאָרגן, האָב איך גאָרניט באַמערקט, אַז כ׳וואַנדער שוין דאָ אַרום עטלעכע שעה און אַז די זון איז שוין פאַרקראָכן ווײַט פון האָריזאָנט און כ׳געפין זיך שוין אין מעריב־טייל פון וואַן־קאָרטלאַנד פּאַרק. האָב איך אָפּגעזוכט אַ שטיל ווינקל אויף אַ זײַטיקן שטעג. געפונען אַ מאַרמאָר־באַנק און זיך אַוועקגעזעצט אַביסל אָפּרוען און פאַרצייכענען אָט די נאָטיצן אין מײַן טאַש־ביכל וואָס כ׳טראָג תמיד מיט זיך. אָנגעוואָרפן די אײליקע נאָטיצן וועגן מײַן שפּאַציר, האָב איך זיך דאַן אַוועק־געלאָזט צו דער דערבײַיאַיקער סאָבוועי־סטאַנציע, וואָס האָט מיך אַוועקגע־פירט צום טײַמס־סקווער געגנט . . .

דער גערדראַנג פון טויזנטער מענטשן, די טרובעריי, די פײַפערײַ פון שנעל־לויפנדיקע אויטאָבוסן און אויטאָמאָבילן; דער ריח פון סמיקן גאַזאָלין האָט מיך צוריקגעבראַכט צו דער ווירקלעכקייט פון אַ ניו־יאָרקער טאָג אין צענטער פון שטאָט . . .

ווילסט אָמאָל, מענטש, אַ טראַכט טאָן וועגן יענע אייביקע רעטענישן וואָס פּלאָגן דײַן מוח, לאָז זיך אַוועק אין די שטילע ווינקלען פון ניו־יאָרק, און מיר זײַנען דאָך געבענטשט מיט אַזוי פיל פון זיי! נאָר אין אונדזער געלויף און געטומל האָבן מיר ניט קיין צײַט צו פאַרברענגען אַ שיינעם פרימאָרגן אין אָט די שטילע געגנטן פון אונדזער שטאָט, וואו ס׳איז אַזוי מחיהדיק צו מע־דיטירן וועגן ענינים וואָס זײַנען קיינמאָל ניט אַלט . . . כ׳פאַרזיכער אײַך, אַז ס׳לוינט זיך די טירחה! . . .

דער 30טער אַפּריל

# ווילדע גענדז

א וואלקנדיקער פרימארגן. ס'הענגט א געדיכטער נעפל וואס פארשטעלט די זון וועלכע רייסט זיך דורכצושטעכן דעם טומאן. די לופט איז א פארנע, א קלעפיקע. דיביימער שטייען שטיל, קיין בלעטל טוט זיך ניט קיין ריר. ס'הערט זיך בלויז אז אז אויפהער א שטילע זשומעריי פון די פעלדגרילן.

אייניקע ביימער זאגן שוין אן אז דער ליבער זומער האלט ביים סוף; די בלעטער אויף זיי הייבן אן דעם בייט פון קאלירן. די טרוקענע חדשים אן רעגן האבן אביסל צוגעאיילט דעם פראצעס פון דער פארבן־טראנספארמאציע אויף די ביימער.

וועוויערקעס שפרינגען ארום צווישן די דעמבענע ביימער קלייבנדיק ניסלעך וואס זיי פארטראגן אין די נארעס און באגראבן אין דער ערד, אנגרייטנדיק זיך אויף די ווינטער חדשים, ווען דער פראסט פרירט און די ביימער שטייען נאקעט־אנטבלויזטע . . .

פלוצים דערטראגט זיך פון דערווייטנס א געיאמעריי; שטארק־שרילנדיקע קולות וואס צעוויגן ממש די לופט. כ'הייב אויף דעם קאפ צום הימל און באלד דערזע איך א טשאטע ווילדע־גענדז וואס רייסן דורך די געדיכטע וואלקן־שלייערן, פליענדיק אין א סגל־פארמאציע, ווי גאר ניט לאנג צוריק די ענגלישע עראפלאנען וואס האבן זיך ארויסגעלאזט אין די פרימארגנס צו באמבארדירן די היטלער־פעסטונגען . . .

אט דאס פליען פון די ווילדע גענדז אין די פרימארגנס אין שפעטן אויגוסט דערמאנט אז דער הארבסט איז שוין אויפן שוועל. ס'דערמאנט, אז ס'קומען באלד די אלול־טעג ווען יידן גייען אויף קבר אבות צו לאזן פאלן א טרער אויף די קברים פון די אוועקגעגאנגענע. אט דערנעענטערן זיך די פארכטיקע טעג, ווען א פאלק נעמט אונטערפירן סך־הכלען, נעמט איניווענטאר פון אפגעטוענע מעשים . . . ס'איז ניט נאר דער יום־הדין פאר א פאלק, נאר אויך פאר יעדן ייד, פאר יעדן יחיד . . .

איז אט די צייט ווען ס'פליען די ווילדע גענדז מיט קולות וברקים, מיט ווילדן געליארעם; ווען ס'הערן זיך אין די פרימארגנס פון בתי־מדרשים די שאלנדיקע קולות פון די שופרות פון פרומע יידן, א באמת פאסיקע צייט אונטערצופירן א שטיקל דין וחשבון מיט אייגענעם לייב־און־לעבן און זען וואו מיר האלטן אין דער וועלט . . .

יא, ניט נאר זיינען די טשאטעס ווילדע גענדז וואס מיר זעען איצט אזוי אפט אין די נעפלדיקע פרימארגנס און אין די שפעטע אוונט־שעהן א ריין עמאציאנעלער גענוס, נאר זיי וועקן אויך כלערליי מחשבות וואס די הייסע זומער חדשים האבן איינגעליולעט . . .

צייטיק ווערן איצט די פּירות אין פעלד. דער מענטש קומט זיי איינ־זאמלען אין די שפּייכלערס. די צפון־ווינטן פון די נאָוועמבערס, די קעלטן און פראָסטן פון די דעצעמבערס און יאַנואַרס טרייבן די ווילדע גענדז צו וואַרי־מערע קלימאַטן.

דער מענטש, דער האָמאָ־סאַפּיענס ,וואָלט זיך אויך געמעגט אָנשעפּן מיט פרישע, גייסטיקע כוחות, כדי זיין נשמה זאָל ניט פרירן ווען ס'רוקן זיך אָן די קאַלטע צפון־ווינטן. ס'טרעפט אַזוי אָפט, אַז געפרוירענע נשמה'לעך זיינען די ערשטע צו קאַפּיטולירן ווען ס'לויערן פיזישע געפאַרן אויף די וועגן...

אין שפּעט־אויגוסט ווען ס'הייבן זיך אָן גאָלדיקן די בלעטער אין וואַלד און ווען דו הערסט דעם געיאָמער פון די ווילדע־גענדז, וועקן זיך אין דיר דרעמלענדיקע מחשבות וועגן אַוועקגעגאַנגענע נשמות וואָס מאָנען אַ גייסטיקן תיקון. עפּעס מאָדנע רעיונות אַסאָציאירן זיך אין דיין אינעווייניקסטן געמיט מיטן אָנקום פון האַרבסט, מיטן אָנקום פון די עשרת ימי תשובה . . .

דער געפּאָר־געליאַרעם פון די ווילדע־גענדז וואָס דיין אויער הערט אין די פרימאָרגנס ; דער שופר־שאַל וואָס טראָגט זיך איצט אין די דרויסנס פון אָפענע פענצטער פון די בתי־מדרשים, דינט דיר עפּעס ווי אַ סיגנאַל־אָנזאָג, אַז דו ביסט אַ קינד פון אַ הייליק פאָלק, אַ גייסטיק פאָלק, אַ פאָלק פון ספר און ניט פון אויסגעלייזדיקטע עולם־הזהניקעס וואָס האָבן צעפּולווערט דיין רוחניותדיקייט אויף אַלערליי געמאַרקן . . .

# אַ שפּאַציר אין אָקטאָבער

ווי ס'איז מיין געוואוינהייט, לאָז איך זיך אַוועק אין די שיינע האַרבסטי־קע טעג אויף לאַנגע שפּאַצירן. אין דער צייט פון סוכות, ווען דאָס יידישע פאָלק באַזינגט אַזוי קלאַסיש דעם "חג־האסיף" ; די צייט פון איינזאַמלען די תבואות און פּירות, — איז באַזונדערס אינטערעסאַנט צו באַטראַכטן גאָטס וועלטל. ניט נאָר דאַרף דער בן־אדם אָבסערווירן די פּרעזערווירטע נאַטור־אוצרות, נאָר ער דאַרף זיך אויך פאַרטיפן און פאַרטראַכטן וועגן זיין מהות...

אָט פאַרדריי איך זיך אויף אַן אָפּגעלייגטן שטעג, אין בראָנקסער באָ־טאַנישן גאָרטן, וואָס דרייט זיך און שלענגלט זיך, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, וואו ווייניק מענטשן שפּאַצירן דאָ. געל־גאָלדענע בלעטער ליגן אָנגעוואָרפן אויף דער ערד, און בעת דו שטעלסט דיינע טריט אויף אָט דעם שטילן שטעג — הערסטו אַ שאָרך און אפשר דעם לעצטן כאָרכל פון פאַלנדיקע בלעטער, וואָס ליגן איצט אונטער דיינע פיס פאַרוועלקטע, פאַרוויאַנעטע . . . אָט האָבן זיי נאָר וואָס געגרינט אויפן צווייג פון בוים און זיך מיסטעריעז דורכגע־שמועסט אין שטילע לבנה־נעכט . . . איצט ליגן זיי נאָענט צו דער ערד און שטויב איז זייער גורל — דער סוף פון אַלץ וואָס לעבט . . .

דער אָקטאָבער־טאָג איז אַ צעשטראַלט־ליכטיקער, ווי ער וואָלט זיך נאַר־וואָס געטובלט אין די אָקעאַנישע ווייס־שוימיקע אָפּגרונטן . . . דער הימל — אַ העל־בלויער, וואָר־ניט־וואו באַווייזט זיך אַ וואָלקנדל, וואָס שווימט אַרום אין די בלויע טיפקייטן, ווי אַ גרויסער ווייס־פּעדערדיקער שוואַן . . . די זון בראָט ניט און ברענט ניט ווי אין די גהינום־פֿייערן פֿון יולי און אויגוסט, נאָר זי גלעט און צערטלט דיין פּנים אַזוי ווי צאַרטע מיידלשע הענט...

אָט שטיי איך לעבן אַ הויכן טוליפּ־בוים און באַטראַכט זיין מאַיעסטעטישע קרוין וואָס איז איצט איינגעהילט אין גאָלדענעם גלי. אין אָט דעם בוים זעסטו דעם סימבאָל פֿון פֿאַרגייען, פֿון אומקום. די רויט־בלוטיקע אַגאָניע פֿון ווערן אָפּגעמעקט פֿון דער ערדישער עקזיסטענץ צעטרייסלט דיך, קריכט דיר אין די ביינער . . . אין מוח ביי דיר מישן זיך איצט שורות פֿון קוהלת . . . מענטש און בהמה איין טראַף . . . אַלץ וואָס לעבט פֿאַרגייט . . . פֿון שטויב ביסטו געקומען, בן־אָדם, גרויס זיך ניט אָנטקעגן דער פּלאַנץ אין פֿעלד! . . .ביידע וועט איר זיך אומקערן צו שטויב — וואָרעם אַלץ איז נישטיקייט . . .

פֿון אַ דערבייאיקן שטעכיקן, גרינעם נאָדל־בוים הערט זיך אַ קראַקעריי, וואָס רייסט דיך אַרויס פֿון די מחשבות אין וועלכע דו ביסט געווען פֿאַרזונקען. דאָס טומלען אַזוי די סאַמעט־שוואַרצע גרעקל פֿייגל וואָס הייבן זיך שוין אָן איינצנעסטלען פֿאַרן ווינטער . . . דאָ ניט ווייט וואַרפֿט זיך דיר אין די אויגן דער ברייט־צעצווייגטער פּאַטריאַרך, דער מייפּל־בוים אָנגעטאָן אין בגדי־המלכות; זיין קלייד פֿון סקאַרלעט־רויט באַשפּריצט און באַשפּרענקלט פֿון צעשמאָלצן זון־גאָלד איז אַ פּרעכטיקער געמעל וואָס נאָר די האַנט פֿון דעם מייסטער פֿון באַשאַף האָט געקאָנט אָנוואַרפֿן אַזעלכע פֿאַרבן וואָס זאָלן אין דיין נשמה אַרויסרופֿן געפֿילן פֿון התעוררות, פֿון גרויס באַוואונדערונג . . .

דאָס גיפֿטיקע סומאַק־ביימל וואָס רופֿט אַרויס ביי דיר אַסאָציאַציעס פֿון בייז און שלעכטס, ווייל זיינע סמיקע זאַפֿטן זיינען עלול דיר צו פֿאַרשאַפֿן אַ סך יסורים און אַ קראַצעניש און בייסעניש, אַז דו פֿאַרשעלטסט דיר די יאָרן הלמאי דער שטן האָט דיך אַריינגעצויגן אין זיין נעץ און דיך באַווירקט צו קומען אין באַריר מיט אָט דער בלעטערדיקער פּלאַנץ. איז דאָס דאָזיקע ביימל איצט איינגעהילט אין אַ פֿלאַם־פֿייערדיקן רויט, וואָס ציט דיך מאַגנעטיש צו באַרירן זיינע צווייגן, אָבער אַזוי ווי דו ביסט שוין אַמאָל געווען זיינער אַ קרבן, שטייסטו פֿון ווייטנס און באַטראַכסט דעם וואונדער פֿון דער נאַטור — אָבער, ס׳רופֿט ביי דיר דאָך אַרויס אַ געפֿיל פֿון פֿאַרדרוס, — הלמאי דער רבונו־של־עולם האָט דאָס דאָזיקע גיפֿטיקע ביימל אָנגעטאָן אין אַזעלכע שיינע קליידער . . . אָבער ס׳איז מן־הסתם פֿאַראַן אַ טיף־געטלעכע כוונה דערביי . . . יאָ, ניט אַלעמאָל איז אַלץ וואָס גלאַנצט — גאָלד. און זיי געהיט, בן־אָדם, פֿאַר דעם שיינעם. ס׳קאָן דיך אַמאָל פֿאַרפֿירן אין דער שאול־תחתיה . . . אַ אַ טשאַטע ווילדע גענדז פֿליען פֿאַרביי מיט אַזאַ געטומל און קוויטשעריי, אַז

זיי ווארפֿן אויף דיר אַז אַ אימה איז אַט דעם שטילן ארום . . . מיט־הסתם פֿליען זיי אין ווייטע מקומות, אין פֿרעמדע וועלדער, און ריכטן זיך אויף אַ שווערן קאַמף פֿאַר זייער קיום אַנטקעגן דאָרטיקע מחבלים וואָס לויערן אויף זיי — דעריבער זייער שרעק און פֿאַרכט און ווי אַז אינסטינקטיווער געפֿיל אַז דער שונא לויערט אויף זיי מיט געלאַדענער ביקס אין פֿאַרבאָרגענע ווינקלען. פֿליען זיי אַנטקעגן דעם שונא מיט קריגעריש, צאַרנדיקן אויסגעשריי . . . אויף אַ נידעריקער "דאַוגוואַוד" קוסטע זע איך אייניקע שפּערלינגען און עט־לעכע טשיקאַדים (פֿון די ערשטע ווינטער־פֿייגל) זיך ראַיען אויף די צווייגן וואו ס'געפֿינען זיך נאָך זון־אויסגעטריקנטע ווילדע יאַגדעס פֿון וועלכע זיי האָבן שטאַרק הנאה, ווי ס'איז מיין איינדרוק . . .

מיין קליין יינגל, שלמהלע, וועלכער האָט ליב מיט מיר גיין אויף מיינע לאַנגע שפּאַצירן, ווייזט מיר אַן אויף אַ גרויער וועווערקע, וואָס איז איצט אַזוי באַשעפֿטיקט לעבן דעם ריזיקן דעמב, קלייבנדיק ניסלעך. די וועווערקע קלייבט ניט סתם אַזוי ניסלעך. זי טוט עס מיט חשבון, מיט אַ טאַלק. זי גראָבט זיך אויס מיט געניטקייט פֿון אַ ספּעציאַליסטין אַ גריבל אין דער ערד מיט אירע צוויי פֿאָדערשטע פֿיסלעך, כדי דאָס גריבל זאָל איר דינען ווי אַ שפּייכ־לער פֿאַר אַפּלייגן שפּייז וואָס זי זאָל קאָנען געברויכן אין די ווינטערדיקע חדשים, די חדשים פֿון שווערע זאַווערוכעס ; ווען די ווינטן בלאָזן אַזוי אומ־היימלעך אין די טריבע נעכט, און די גרינע לאַנקעס ווערן צוגעדעקט מיט שנייען און פֿאַנצערס אייז . . . יאָ, ס'קומט דער יום־הדין ווען מענטש און חיה מוזן נעמען אינוונטאַר . . . אַ סך שווערע טעג קומען, ווען דער הימל רעגנט ניט מיט קיין באַלעבנדיקן טוי און ס'רוב פֿלאַנצן ליגן אין פּראַסטיקער פֿאַרגליווערטקייט און וואַרטן פֿאַר נייעם אויפֿשפּראָץ, פֿאַר נייעם אויפֿבלי . . . האָוועט און שמאַיעט איצט דאָס דאָזיקע קליינע חיהלע פֿאַרזאָרגנדיק זיך מיט שפּייז פֿאַר די קומענדיקע שווערע חדשים, כדי צו פֿאַרזיכערן דעם קיום פֿון איר מין . . . אויך די בין איז איצט, אין די שקיעה טעג פֿון זומער, שטאַרק פֿאַרנומען, פֿליענדיק פֿון בלימל צו בלימל, איינזאַמלענדיק די לעצטע טראָפּן נעקטאַר פֿון די שוין־איינדאַרנדיקע בלומען אין פֿעלד . . .

אין אַלע צייטן האָט דער מענטש געלערנט ביי אַט די קלוגע נאַטור־באַשעפֿענישן און ער וועט נאָך און האָט נאָך פֿיל צו לערנען . . . דער מענטש איז טאַקע דער "בחיר היצירה", אָבער די קליינע מוראַשקע וואָס בויט זיך אויס אַ גאַנצע מלוכה אויף אַזאַ סיסטעמאַטיש "שׂכלדיקן" אופֿן און האַלט אויף איר מין אַפּגעזונט וואָס ס'לויערן אויף איר אַזוי פֿיל קאַטאַסטראָפֿעס און געפֿאַרן — איז געווויס אַן אָנרעג פֿאַרן מענטשן זיך צו פֿאַרטראַכטן . . . פֿאַר־הוילן זיינען די וועגן פֿון דער נאַטור . . .

גייענדיק אַזוי באַרג־אַראָפּ אויף אַט דעם זייטיקן שטעג, באַמערק איך אַז ס'ליגן אָנגעהורבעט אַרויסגעריסענע אַלטע, ריזיקע, געזונטעביימער מיט

די וואַרצלען איבערגעקערט. אַ רעזולטאַט פון דעם לעצטן אוראַגאַן וואָס ניו־יאָרק האָט איבערגעלעבט. ניו־יאָרקער וועלדער און שטאָט־גאָרטנס האָבן אין אַט דעם אויפבראַוז און פאַרפלייץ פון די נאַטור־כוחות אַנגעוואוירן פיל עקזאָטישע פלאַנצן און ריזן־ביימער וואָס האָבן שוין געהאַט אַ סך דורות הינטער זיך . . . איז אַט דער שטורעם־אויפבראַוז און געוויטער־פאַרפלייץ, מן־הסתם, אַ געטלעכער אָנזאָג, אַז גרויס זיך ניט, מענטש, מיט דיין מי און אויפטו, ווייל — קליין און קורץ איז דיין "זיין" אין דער אייביקייט פון צייט . . .

# שנייפאַל

שיין און פאַרביק איז דער פרילינג. אויך דער קאַלטער, פראָסטיקער ווינטער האָט זיינע טויזנטער חנען. מ'דאַרף נאָר האָבן אַן אויג אויפצוכאַפּן די אַלערליי כישופדיקע, צינדנדיקע וואונדער פון אַ פרעכטיקן ווינטער פרימאָרגן . . .

אַט שפּאַציר איך דורכן פּאַרק אין אַזאַ פרימאָרגן, ווען דער ווינטער האָט צו דיר אַ בלענד געטאָן, ווי אַ כאַמעלאָן פון זיך־בייטנדיקע קאָלירן.

דער הימל איז אַן אַנגעברוגזטער, אַ כמורנער, אַ גרוי־גרויער. ס'פאַלט אַ לייכטער, דראָבנער שניי. די ווייסע קרישטאָלן דרייען זיך אין אַלערליי פאַנטאַסטישע קרייזן און פיגורן און באַרירן דיין פנים מיט אַזאַ צאַרטקייט ווי דאָס געוואַנט פון טייערן סאַמעט . . .

די אַרומיקע שטילקייט אַסאָציאירט זיך ביי דיר מיט די רואיקע, שטילע אַלייען פון אַ בית־עולם אין שפּעטן זומער, ווען בלעטער פון גאָלד־און־רויט טאַנצן אויס זייער לעצטן טאַנץ . . .

אין די פרילינגס און זומערן נעסטלען דאָ פייגל אין די צווייגן — שטייט אַ האַרמידער, אַ יאַריד, אַ טומל. איצט שטייען די ביימער אָפּגעדעקט, נאַקעטע — זיי טוליען זיך אין זייער נאַקעטקייט ווי עלנט־פאַריתומטע מענטשן וואָס בלאָנקען אַרום אויף זייטיקע ווינקל־גאַסן אין אונדזער שטאָט, פאַרוואָרלאָזטע, פאַרזעענע פון אונדזער סאָציאַלן אַרום . . . זיי קוקן אויס טראַגיש אין זייער נאַקעטקייט — אָבער אויך אין דער טראַגישקייט לויכט און פינקלט אין ערגעץ אַרויס אַ טראָפּן ליכט . . . שיין און קלוג איז דער מענטש אין זיינע שפּעטע זומער־טעג, כאָטש פון זיינע אויגן האָט זיך אויסגעלאָשן דער רויט־צינדיקער פייער פון פריען פרילינג און אויף זיין קאָפּ האָט זיך אָפּגעלייגט דער ווייס־זילבערדיקער שניי . . .

אַט זע איך ווי אויף די טונקל־ברוינע צווייגן וואָס סטאַרטשען אַרויס ווי אָנטבלויזטע הענט, האָט זיך אָפּגעזעצט דער ווייס־פוכיקער שניי און מאַניעט און לאָקט צו אונדז מיט קרישטאָל־דימענטענעם בלענד . . . אַזאַ געמאָל פון

נאַטורס באַשאַף האָט טויזנטער חנען און רעדט צו אונדז אין אַ לשון פון די מייסטערס פון אומשטערבלעכקייט . . . נאָר די ווערק פון די גרויסע קינסט־לערס פון וואָרט־און־פאַרב האָבן געקאָנט קאָנקורירן מיט דעם באַשאַפער פון וועלטן. אַלנפאַלס, האָבן זיי געקאָנט אונדז מהנה זיין מיט זייער פּאָרטייטש איבער די וואונדער פון נאַטורס יצירה . . .

דער גאַנצער אַרום איז איצט איינגעהילט, צוגעדעקט מיט אַ ווייסער פּערענע. אָבער ווען דו קוקסט זיך אַרום, מענטשן־קינד, זעסטו, אַז אין אַט דעם ים פון פּערלדיקן ווייס, טונקלען אַרויס דאָ־און־דאָרט שוואַרץ־ברוינע פלעקן. אַ באַוויז: אַז אויך אין דער נאַטור הערשט ניט קיין פּערפעקציע, קיין שלי־מות . . . דו ווייסט אויך, בן־אדם, כאָטש דיין געדאַנק איז לימיטירט, אַז באַלד וועט אַ שיין טאָן די זון און דער פאַנצער־שניי וואָס האָט איצט איינגעקלאַ־מערט דעם גאַנצן אַרום וועט זיך אין איר וואַרימען גלי אויפלייזן . . . ווידער וועט דער בוים גרינען און פייגל וועלן בויען זייערע נעסטן אויף זיינע צווייגן און זינגען לידער פון פרילינג און אויפשפּראָץ . . . דערווייל האָב הנאה פון די וואונדער פון אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן. טאָמער פרירן דיר די פיס און דיין גוף קאָן ניט פאַרטראָגן די שניידנדיקע קעלט, כאַפּ זיך אַריין אין אַ וואַרימער שטוב און נורע זיך איין אין פאָטעל־שטול לעבן אַ האַלב־באַהייצטן קאַמין, פאַררויכער אַ ליולקע און באַלד וועט דיין מוח זיין פאַרזונקען אין אַלערליי רעיונות און מחשבות . . . און גוט און אַנגענעם איז צו טראַכטן וועגן מענטש און זיין סדר אין לאַנגע, ווינטערדיקע נעכט, ווען דער פראָסט האָט אויסגע־מאָלן פאַנטאַסטישע געמעלן אויף דיינע שויבן; ווען אין דרויסן פייפט און בלאָזט אַ שטאַרקער צפון־ווינט און די געזימסן פון דיינע פענצטער ווערן פאַרלייגט מיט פוכיק־בלענדיקן שניי. איז פאַרטראַכט זיך, מענטש, וועגן דעם ווייסן ליכטיקן אַרום און קוק אַריין טיף אין דיין אייגענעם נשמה־שפּיגל און שענער וועט דיר ווערן גאָטס־וועלטל און זיינע בעשעפעניש . . .

# תיקון טעות

| זייט | שורה | פון | שטייט | דאַרף שטיין |
|---|---|---|---|---|
| 31 | 4 | אויבן | ביבליש־פּאָזיטיווע געשטאַלט | ביבליש־פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט |
| 42 | 8 | אונטן | אראציאָנאַליסטישן גאָטש | אַ ראַציאָנאַליסטישן גאָט |
| 42 | 15 | אונטן | ס׳האָבן אים אפילו אייניקע רעליגיעזע שריפטן | ס׳האָבן אים אַפילו אייניקע רעדאַקטאָרן פון רעליגיעזע שריפטן |
| 52 | 8 | אונטן | וואָס ער באַרירט | וואו ער באַרירט |
| 53 | 1 | אונטן | אַן איבעריקע שורה וואָס געהערט ניט צום טעקסט | |
| 62 | 15 | אויבן | נישט נאָר שרייבער האָט ער מקריב געווען | נישט נאָר שרייבער האָט ער מקרב געווען |
| 69 | 10 | אונטן | | צו איין געדאַנקען־וועלט, דער מענטש וואָס איז נאַרציסיסטיש פאַרליבט אין איין אידייען־וועלט |
| 98 | 1 | אויבן | און דאָ, — ווען ער נאָך | און דאָ, — ווען ער האָט נאָך |
| 103 | 3 | אויבן | ווי פאַרלאָבט | ווי פאַר׳אָבלט |
| 103 | 10 | אויבן | קינסטעלכע | קינסטלעכע |
| 116 | 11 | אונטן | סיי | עסיי |
| 146 | 5 | אונטן | אָט דער סאָרט „קריטיק״ רייצט ניט די אַפּעטיטן | אָט דער סאָרט „קריטיק״ רייצט די אַפּעטיטן |
| 182 | 8 | אונטן | זוך־בלימעלעך | פוך־בלימעלעך |

אויסגעלאָזט פון אינהאַלט: „אַלמיס בוך רופט אַרויס אייגענע מחשבות״ זייט 38

פון שרייבערישע שיחות־חולין דאַרף זיין זייט 79